STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04355

# MIT DI FIS AROYF

## Der Tunkeler

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joan S. Abrahamson*
*in memory of*
*Samuel W. Abrahamson*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער טונקעלער.

# מיט די פיס ארויף

נייע הומאָרעסקן, סצענקעס און פּאַראָדיעס.

פאַרלאַג „אחיספר"
בײ געז. „צענטראַל"
װאַרשע נאַװאָליפּקי 7.

Printed in Poland.

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 8.

# הומארעסקען
# און
# מאנאלאגן

# פון וואָס אַ ליטוואַק מאַכט אַ לעבן.

(אַ פּאַריזער הומאָרעסקע)

ער איז געזעסן קעגנאיבער מיר ביי אַ צווייטן טישל אין קאַפע „לאַ בורבאָן" אויפן בולוואַר סאַן-מישעל און געקוקט אויף מיר מיט אַן איינגעשפּאַרטן בליק.

אַ פּנים האָט ער געהאַט פון אַן אַלטער וואַליזע, וואָס האָט דורכגערייזט שטעט און לענדער. און פאַרשידענע צייכנס האָט ער געהאַט אויפן פּנים, וואָס האָבן אויך אויסגעזען ווי די פּיל-פאַרביקע צעטלען און עטיקעטן, וואָס ווערן אָנגעקלעפּט אויף אַזאַ וואַליזע אויף אַלע גרענעצן און צאָל-קאַמערן. פון יעדן אבער, פון יעדן ריר האָט אַרויסגעקוקט אַ שטיק נע-ונדקייט

אַ וואַנדער-טיפּ, וואָס עס איז שוין שווער צו דערקענען זיין ראַסע.

— פּאַרדאָן, מאָסיע, זענט איר נישט צומאָל דער טונקעלער?

— האָט ער געפרעגט אויף אַ מאָדנעם יידיש, אויף אַ יידיש, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט נאָך אַ לאַנגער וואַנדערונג איבער אַלע יידישע קבוצים און געטאָס, וואָס זענען צעשפּרייט אויף דער גאָרער וועלט.

— יאָ. און איר ווער זענט?

— אָ, מיך וועט איר נישט דערקענען. איך אייך האָב יאָ דערקענט. מיר זענען ביידע פון איין שטאָט, פון ב. מיין מאַמע האָט געהייסן דבורה די בלינצע-בעקערין. אַ ליטוואַק בין איך, מיָס'ע!

— אָ, דאָס זענט איר אַוודאי בענצע? בענצע דבורהס דער בלינצע־בעקערין? אַ שטיפּער אַ ייִנגל געווען. מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אייגלעך, וואָס האָט אַלעמען נאָכגעקרימט און נאָכגעמאַכט אַ קאַץ, אַ הונט, אַ חזיר. אַ יאָ?

— או, או, מאָסיע. דאָס בין איך, אייער הויכגעשעצטער קנעכט. סיל ווו פּלעע.

— וואָס־זשע טוט איר דאָ אין פּאַריז? זענט איר שוין לאַנג דאָ? זענט איר אַ היגער, אַ תּושב?

— אָ, מאָן דיע! ווען איך זאָל אייך נעמען דערציילען, וואָס אָט דער ליטוואַק, ווי איר קוקט מיך אָן, מאָסיע, האָט דורכגעמאַכט אויף זיין ביסל יאָרן, וואָלט איך אייך געדאַרפט דערציילן טויזנט און איין נאַכט. איך, מיסטער, האָב דורכגערייזט אַ וועלט! געווען נאַ קאָניאַ אי פּאָד קאָניאָם. טשאָרט פּאָבערי! איר ווילט, מאָסיע, איך זאָל אייך דערציילען, ניכט וואַר?... גאַרסאָן! ווין באָק, סיל ווו פּלעע!

ער האָט געהייסן דעם קעלנער דערלאַנגען אַ גלעזל ביר, זיך צוגעזעצט צו מיין טישל און גענומען דערציילן אויף אַזאַ לשון, וואָס איז געמישט פון פאַרשידענע ייִדישע דיאַלעקטן, דורכוואַרפנדיק מיט פאַרשידענע ווערטלעך פון אַלערליי לשונות: רוסיש, פּויליש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש, דייטש, שפּאַניש, ענגליש און נאָך ווערטלעך, וואָס ס'איז געווען שווער צו וויסן זייער באַדייטונג.

-- וואָאַליאָ! איר געדענקט דאָך, מאָסיע־לעבן, אַז איך בין פלוצלונג פאַרשוווּנדען געוואָרן פון ב.? דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי איך האָב איינמאָל אַ שבת נאָכגעקרימט אונדזער שטאָט־מגיד. געהאַלטן אַ ספּיטש, ווי הייסט עס, אַ דרשה אין שול, זיך איבערגעדעקט מיטן טלית און אַלע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז דער מגיד. נאָכדעם איז דער מגיד אין מיטן דערינען אָנגעקומען און עס איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. קלעפּ האָב איך געכאַפּט, וויפל אין מיר איז אַריין. אויף מאָרגן בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג.

איך בין געקומען קיין פּעטערבורג. נישט געהאַט קיין שילינג אין טאַש און נישט קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ”. בין איך געוואָרן

אַ טאָטער און פאַרקויפט כאַלאַטן. האָט מען מיך געכאַפּט און אַרויסגעשיקט. בין איך אַוועק קיין ראָסטאָוו, געוואָרן אַ כינעזער און פאַרקויפט סי-סו-טשאַ פון לאָדזער אויסאַרבעטונג. האָט מען מיך אַרויסגעשיקט „עטאַפּנים פּאָריאַדקאָם", האָב איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מיידל און אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. סוע סאַ, מאָסיע!

איך בין, אַליאָר, געקומען קיין ווין אָן אַ פּעזע אין פּאַקעט, אַרומגעגאַנגען ווי אַ טרעמפּ. ענדלעך געפּאַקט אַ דזשאַב. געוואָרן אַ לייב אין אַ מענאַזשעריע אויפן פּראַטער. איר האָט דאָך געהערט די מעשה מיט דעם לייב, וואָס האָט געשריען „שמע ישראל" און דער לעמפּערט, וואָס האָט אים געענטפערט „ד' אחד!" — דאָס וואַר איך, מאָסיע! איך האָב אַזוי גערעוועט יאַק שע'ן גאַלעזשי, אַז מיין פּאַטראָן האָט געהאַט פּלעזשיר. יו נאָו.

פּלוצלונג, איינמאָל האָט דער עולם אויפגעדעקט דעם בלאָף, אַראָפּגעריסן פון מיר די לייבן-פעל און מיך געשלאָגן מכת-רצח, געוואָלט מיך צערייסן, ווי סאַמסאָן און דאַלילע דעם לייב. קוים אַנטלאָפן מיט די ביינער, סאַקראַמענטאָ!

סוע סאַ. האָב איך, אַליאָר, זיך אַריבערגעכאַפּט קיין טיראָל און געפונען אַ נייעם דזשאַב. דאָ, אין אַ קליין שטעטל, צווישן די בערג בין איך געוואָרן אַן עכאָ-מאַכער. די געגנט איז געווען אַ געגנט פון קור-ערטער. האָבן מיר די באַלעבאַטים פון די האָטעלן געדונגען, איך זאָל מאַכן אַן עכאָ, ד. ה. איך זאָל זיצן ערגעץ באַהאַלטן צווישן די בערג, און אַז עמעץ פון די געסט פלעגט אַרויסלאָזן אַ קול, פלעג איך באַדאַרפן ענטפערן אַ ווידער-קול. און נישט איינמאָל, נאָר גאַנצע זיבן מאָל. זיבן מאָל, ווי די זיבן למנצחס! יאַק באָגאַ קאָכאַם! איך האָב געמאַכט אַזאַ עכאָ אַז עס איז געווען קאָמילפאָ! סע שיק!

וועל, האָבן מיך די געסט איינמאָל געפּאַקט צווישן די בערג ביי דער „אַרבעט" און מיך אַזוי געבויקערט די ביינער, אַז איך האָב שוין געשריען מיט דעם אמתן ווידער-קול. דאָנערוועטער! נאָך איין מאָל!

איך האָב, אַליאָר, געמוזט פון דאָרט אַנטלויפן. איך האָב זיך אַריבערגעכאַפּט אין דער שווייץ, נישט ווייט פון צירך, אין אַ

קליין דערפל האָב איך ווידער געפונען אַ דזשאָב. מיין אַרבעט איז געווען: מאַכן אַ וואַסער־פאַל, ד. ה. זיצן פאַרשטעקט הינטער אַ בערגל און גיסן פון דאָרט וואַסער. דער דאָזיקער וואַסער־פאַל האָט געהייסן „ווילהעלם טעל־וואַסערפאַל". ער איז געוואָרן באַרימט אין דער גאַנצער געגנט צווישן אַלע טוריסטן און געסט. איך פלעג גיסן דאָס וואַסער מיט גרויס טאַלענט און טעמפּעראַמענט. אַזוי גלייך, ווי דער טראַמוויי פלעגט אָנקומען מיט געסט, פלעגט פון אויבן געבן אַזאַ פליוך, אַז די געסט פלעגן בלייבן שטיין פאַרשניאָשקעט פון דער ווונדערלעכער נאַטור־דערשיינונג. מיין פּאַטראָן אַליין פלעגט שטיין אונטן, געבן דערקלערונגען, און פאַרקויפן קאַרט־פּאָסטאַל פון דער דאָזיקער זעענסווירדיקייט.

הכלל, מען האָט מיך ווידער געפּאַקט ביי דער אַרבעט. חברה האָט געוואָלט וויסן די פּשיטינע פון דעם וואַסער־פאַל, האָבן זיי געזוכט און מיך געפּאַקט אויפן בערגל מיט אַן עמער וואַסער. האָבן זיי געכאַפּט דעם עמער וואַסער און אויסגעגאָסן אויף מיר. איך האָב געמיינט, אַז איך ווער אַליין אַ וואַסערפאַל.

האָט איר אַ סיגאַרעט, מאָסיע? סיל־ווו־פּלעע? מערסי!

אַ קורצע צייט בין איך געלעגן קראַנק מיט אַ לונגען־אָנטצינדונג. אַז איך בין געזונט געוואָרן, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין בערלין. דאָ האָב איך גלייך געפונען אַ באַשעפטיקונג. איך בין געוואָרן אַ פאַקיר מיטן נאָמען סאַראַ זיטראַ פון קאַלקוטאַ. מיין פּאַטראָן האָט מיך אָנגעטאָן אין אַ מאַכאַראַדזשי מיט אַ פּאָר רויטע פּליודערן און פלעגט מיט מיר ווייזן אַלערליי פּאָקוסן און טריוקן אין דעם בערלינער לונאַ־פּאַרק. וואָס — ווייס איך נישט. איך פלעג אין אַ באַשטימטער מינוט דאַרפן אַריינקריכן אין אַ קאַסטן און אין אַ באַשטימטער מינוט אַרויסקריכן פון קאַסטן. אַריינקריכן און אַרויסקריכן, אַרויסקריכן און אַריינקריכן און רעדן דערביי אינדישע שפּריכווערטער מיט אַן אויסגעלונקענער שטים.

האָב איך איינמאָל גענומען קריכן פון קאַסטן נישט אין דער ריכטיקער מינוט, איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. דאָס פּובליקום האָט געשריען: צוריק דאָס געלט! די בודע האָט מען צעטראָגן. מיין פּאַטראָן האָט אויסגעלאָזט צו מיר דעם כּעס, מיך גוט אָנגע־

באַקסעווערט די ביינער און אַרויסגעטריבן, נישט אָפּצאָלנדיק מיר קיין סאַנטים. בלויז מיט די צייכנס אויפן פנים האָט ער מיך אי־ בערגעלאָזט, פשאַקריעוו!

אַ ליטוואַק אָבער פאַרלירט זיך נישט. אַ נאָן! זשאַמע! איך בין אַוועק קיין ניו־יאָרק, אַריינגעטראָטן אין קוני־איילאַנד אין אַ מאַלאָרוסישער טרופּע אַלס היידאַמאַק מיטן נאָמען היידאַכראַפּענקאָ און געטאַנצט אַ האָפּאַק. נאָכדעם בין איך אַוועק קיין ריאָ־דע־ זשאַניירא, געוואָרן אַ ציגיינער און געזונגען ציגיינער־לידער. פון דאָרט בין איך אַוועק קיין בוענאָס־איירעס, געוואָרן אַ טערק אין אַ רויטער יאַרמולקע און פאַרקויפט טערקישע ניסלעך עטצעטערא.

דערווייל זענען אָנגעשטאַנען די נייע טענץ. דער „שימי“ מיטן „פאָקסטראָט“. בין איך געקומען קיין פאַריז און געוואָרן אַ לערער פון נייע טענץ. טעמפּעראַמענט האָב איך, שוואַרץ בין איך, אַ ליטוואַק בין איך, בין איך געוואָרן דער אמתער קאָוו־באָי פון וועסט־אַמעריקע און געלערנט טאַנצן אויף וואָס די וועלט שטייט: „טאַנגאָ“, „שימי“, „באָסטאָן“, „יאַוואַ“. איך האָב שוין אַפילו אַליין פאַרפאַסט די שענסטע טענץ. „קאַנגאָ“, „טעקסאַס“, „מעקסיקאַ“, „האָנאָלולו“, „טשילי“, „פאָרטאָ ריקאָ“... די גרעסטע אַריסטאָקראַטן האָבן זיך ביי מיר געלערנט. די אינטעליגענץ, דזשענטללייט. עס איז געווען טעמי אַפּאַטאַן, מאָסיע! גאַרסאָן! אַפּעראַטיוו אַמורט, סיל ווו פּלעע!

ער האָט אַ זופּ געטאָן פון דעם נייעם געטראַנק און ווייטער דערציילט:

— יעס. איך האָב פאַרדינט געלט. ענדלעך זענען אָבער די ביזנעס מיט די נייע טענץ געגאַנגען אין דער ערד. די קאָנקורענץ איז געוואָרן גרויס. אַלע ליטוואַקעס האָבן זיך גענומען צו די טענץ־ביזנעס. ווער עס איז געוואָרן אַ פיליפּינער, ווער אַ מאַראָ־ קאַנער, אַ סיציליאַנער. אַ שוואַרץ יאָר, אַ טייוול, — אַלע זענען זיי געוואָרן עקזאָטישע טענצער. איך האָב שוין געמוזט זוכן אַ נייעם דזשאָב.

לאַנג האָב איך, מאָסיע, נישט געדאַרפט זוכן. פאַריז איז אַ שטעדטל און אַ ליטוואַק ווערט נישט פאַרפאַלן. אָ גאָן. איך האָב

געפונען אַ באַשעפטיקונג, און דווקא צוויי פּאַר אַ מאָל, און דווקא אין איין אָוונט. דעם ערשטן האַלבן אָוונט בין איך אָנגעשטעלט אין אַ ווײַן-שענקל אַלס „קאַוואַליער“, און דעם צווייטן האַלבן אָוונט — אַלס אַפּאַש אין אַ ביר-קנײַפּע אויפֿן מאָנפּאַרנאַס. דעם ערשטן האַלבן אָוונט דאַרף איך זיך אָנפּודערן, מאַכן חנדלעך און רעדן מיט אַ זיסער צאַרטער ווײַבערשער שטים. אין דעם אַנדערן האַלבן אָוונט דאַרף איך זיך אײַנשמירן, אָנטאָן אַן אַפּאַשן-היטל מיט אַ רויטער פּאַטשיילקע אויפֿן האַלדז און רעדן מיט אַ בייזער באַסאָווער שטימע. און עס איז טרעמיאַן, מאָסיע! מען מאַכט אַ לעבן. כעסאַ! ענד דאַטס אָל!

נאָר, דאָ גאָר לעצטנס, מײַן שערמאָסיע, האָב איך געעפֿנט אַן אייגענע ביזנעס. צו וואָס אַרבעטן שטענדיק אויף לײַטן. צומער בין איך געוואָרן אַליין אַ פּאַטראָן פֿון אַן אייגענעם געשעפֿט. איך האָב געעפֿנט אַן אַפּאַשן-קעלער. איך האָב אָפּגעדונגען אַ קעלער אויף אַ זײַטיק געסל אויפֿן מאָנמאַרטר. אין דעם דאָזיקן קעלער האָט מען אייגנטלעך געהאַלטן געזייערטע קרויט און אוגערקעס. האָב איך דעם קרויט מיט די אוגערקעס אַרויסגעוואָרפֿן און פֿאַרלייגט אַן אַפּאַשן-קעלער אונטערן נאָמען סאַנקילאָטן-געסט. די ווענט האָב איך צומאָלט מיט פּעטשעמערעס, פּאַרזעענישן און פּרצופֿים מיט נאָך שוואַרץ-יאָרן. זאָל דאָס הייסן, אַז זיי שטאַמען פֿון 13-טן יאָרהונדערט. נאָכדעם האָב איך געדונגען עטלעכע אַפּאַשן. זאָלן זיי דאָ זיצן אָוונט-צײַט און דערציילן, אַז אין דעם דאָזיקן קעלער האָט דאַנטע געשריבן זײַן „זשערמינאַל“, אַז דאָ האָט זיך באָדלער באַהאַלטן אין דרײַסיק-יעריקן קריג, און אַז דאָ האָבן די סאַנקילאָטן מיט די הוגענאָטן געזונגען דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, און אַז אָסקאַר וואַיילד איז גאָר פֿון דאַנען נישט אַרויס... איין טישל האָב איך אַרומגעצוימט מיט אַ שטריקל. בײַ דעם טישל טאָר קיינער איצט זיך נישט זעצן. בײַ דעם טישל זאָל האָבן נאַפּאָלעאָן געטרונקען ווײַן מיט זײַן געליבטער זשאַננאַ ד׳אַרק.

סע-סאַ, מאָן שער! אַזוי איז אָט דער דאָזיקער ליטוואַק. בענצע דבורה דער בלינצע-בעקערינס פֿון ב. געוועזן וואָס נור אין

קאָרט שטייט: אַ טערק, אַ טאָטער, אַ ציגיינער, אַן עכאָ-מאַכער, אַ וואַסערפּאַל-גיסער, אַ מאַראָקאַנער, אַן אוקראַינער, אַן אַפּאַש, אַ כינעזער און איצט בין איך אַליין אַ באַלעבאָס פון אַן אַפּאַשן-הייזל.

קומט אַמאָל אין אַן אָוונט, מאָסיע, אין מיין אַפּאַשן-קעלער. האָט נישט קיין מורא, די אַפּאַשן מיינע זענען אַזעלכע אַפּאַשן, ווי איך מיט אייך. איין אַפּאַש איז אַ העברעישער לערער פון וויטעבסק, אַ צווייטער איז אַ בייטל-מאַכער פון וואַרשע, און די איבעריקע זענען היטל-מאַכער פון „פלעצל”... ווען, מען דאַרף גיין זען וואָס מאַכן מיינע סאַנקילאָטן... גאַרסאָן! לאַריסיאָן! אַדיע, מאָסיע! גוד באַי! אָרעוואַר!..

דער ליבער פראָווינץ — אַ מתנה.

## ווי אַזוי איך האָב זיך אַליין באַגעגנט.

(הומאָרעסקע)

נאָך אַ לענגערער שקליא - וטריא און אַ לעבהאַפטער קאָרעס-פּאָנדענץ, בין איך מזכה געוואָרן צו קומען קיין ריפּעווקע אויף אַ פאָרלעזונג. דער לעצטער בריוו, וואָס איך האָב פון דאָרטן דער-האַלטן, האָט געקלונגען אַזוי:

„ענדלעך האָט געשלאָגן די גרויסע שעה, ווען איר מיט אייער סאַרקאַזם וועט קומען צו אונדז קיין ריפּעווקע אויף אַ ליטעראַטישן אָוונט. [illegible]נד וועט אויך אונדזער שטעטל, וואָס באָדט זיך אין אַן אַוטאָפּיע פון פינסטערניש און אומוויסנהייט, און וואָס ליגט אונטער די שוואַרצע פליגלען פון מיזאַנטראָפּיע, האָבן דאָס גליק צו געניסן פון אייער גייסטיקע שפּייזע צוגלייך מיט דעם קולטור-צענטער וואַרשע.

„אין דעם גליקלעכן טאָג, ווען איר וועט דערשיינען אויף דאָס האָריזאָנט פון אונדזער שטעטל, מיט דעם צוג, וואָס קומט מיטאָג - צייט, וועט אַ דעפּוטאַציע פון אונדזער עקזעקוציע פון אונדזער ביבליאָטעק „דער ליכטיקער שטראַל" אויף דעם נאָמען פון דעם גרויסן שרייבער און מענטשנפריינט שמואל זשעברע, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט כבוד אין אונדזער שטעטל רי-פּעווקע, — זיין אָנוועזנד אויף דער באַן - סטאַציע און באַגעגענען אייך מיט גרויס פּאַטאָס. כדי מיר זאָלן אייך קאָנען דערקענען, בעטן מיר אייך אַלס סימן צו האַלטן אין האַנט אַלס סיגנאַל די צייטונג „די דראָטלאָזע נייעס"; דאָסזעלבע וועלן מיר אויך טון.

מיר בעטן אייך, קומט פּינקטלעך מיט דעם אויבנדערמאָנטן צוג, ווייל מיר ווילן נאָך פאַרן אָוונט דורכפירן אייך איבערן שטעטל, כדי אונדזער גאַנצע מענטשהייט זאָל אייך זען אינקאָגניטאָ און איבערצייגן זיך, אַז איר זענט קאָנקרעט געקומען און אַז אייער כבוד איז שוין אָנוועזנד, מחמת נישט איינמאָל האָבן אונדז אייערע דיכטער אָנגעפּייפט, צוגעזאָגט צו קומען און נישט געקומען. די מענטשהייט איז דעריבער געבליבן אַבערגלויביש צו אונדזערע אַנגעלעגנהייטן. אונדז האָט עס אַריינגעטריבן אין גרויסע קאָסטן און מיר זענען געבליבן אַנטוישט אין דיכטער אַלס מענטש.

„מיר בעטן דעריבער אייך, גרויסער הומאָריסט, איר זאָלט אין זיך פאַרייניקן קונסט און מענטש און קומען גאַנצייטנס מיט אייער סאַרקאַזם. די גרויסע שעה האָט געשלאָגן. ביילייגנדיק דערביי 10 זלאָטעס מיט 75 גראָשן און רייזע־הוצאות 2־טע קלאַס, ווי איר האָט פאַרלאַנגט, פאַרבלייבן מיר

מיר גרויס באַאַבאַכטונג:

פּרעזעס פון קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזירטער פון דער ביבליאָטעק „דער ליכטיקער שטראַל" אויפן נאָמען פון גרויסן שרייבער און מענטשנפריי שמואל זשעברע: — יונה קוקורוזע".

צו דער באַשטימטער מינוט האָב איך אָנגעטון מיין שוואַרצן סירדוט (ער איז שוין אויף מיר אַ ביסל ענגלעך) מיט דעם אַלפּאַגענעם וועסט, מיט די פּאַסאָווע הויזן, אָנגעטון מיין האַרטן הויכן קראַגן מיט איין מאַנקעט (איין מאַנקעט האָב איך שטענדיק אַ טבע שטענדיק צו פאַרגעסן אויפן טיש), גענומען מיינע ווערק, ווי אַ בעל־מלאכה זיין געצייג און געלאָזן זיך אין וועג אַריין פאַרן קיין ריפּעווקע.

פאַרן, פאַר איך שטענדיק מיט דעם דריטן קלאַס, אַזאַ פּרינציפּ האָב איך און הגם אין מיין פּאַראַדנעם הילוך מיט דעם הויכן קראַגן און געשפּרינקלטן אַלפּאַגענעם וועסט, מיט דעם גרויסן אויסגעבוגדענעם ליטעראַרישן קראַוואַט, ווי אַ פּלעדערמויז, זע איך אויס צווישן די פּאַסאַזשירן אין דריטן קלאַס, ווי אַן אָנגעטוענער מענטש, וואָס דרייט זיך צרום אין אַ באָד, פונדעסטוועגן

טרעט איך קיינמאָל נישט אָפּ פון מיין דעמאָקראַטישן פּרינציפּ און פאָר דריטן קלאַס לשם עקאָנאָמיע.

צוקומענדיק נאָענט צו דער סטאַציע ריפּעווקע, האָב איך זיך פלינק אַריבערגעכאַפּט אין וואַגאָן 2־טן קלאַס, און ווען דער צוג האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט ביים סאַמע פּעראָן, בין איך מיט גרויס ווירדע אויסגעשטיגן, אַרויסגענומען, ווי עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, די צייטונג „די דראָטלאָזע נייעס" און געמאַכט מיין גאַנצן וועזן גרייט אויפצונעמען דעם גרויסן קבלת־פּנים.

שטיי איך אַזוי מיט מיין פּעקל ווערק אין איין האַנט און מיט דער צייטונג „די דראָטלאָזע נייעס" אין דער צווייטער האַנט, קוק אַהין, קוק אַהער, אין איש, נישטאָ קיין דעפּוטאַציעס, נישטאָ קיין באַגעגנער אויף אַ רפואה. בלויז צוויי יידן מיט שירעמס שטייען און שמועסן זיך איבער אויף מיין חשבון:

— עפּעס אַ מאָדנער פּאַרשוין דרייט זיך דאָ אַרום.

— קענטיק אַ קאָמעדיאַנטשיק.

ווערט מיר נישט היימלעך אויפן האַרצן, וואָס טוט מען? וווהין גייט מען און וווהין פאַרפאָרט מען?

לאָז איך מיך אַרויס פון וואָקזאַל און בלייב שטיין פאַר אַ קייטיקן פלעצל מיט שוואַרצע פּלייטן און עטלעכע, מיט בלאָטע באַשפּריצטע דראָזשקעס.

לויפט צו מיר צו אַ גרויער יידל מיט פּאַרליאַפּעטע שטיוואַלעס, מיט אַ בייטש אין האַנט און מיט אַזאַ באַוואָקסן פּנים, אַז פון די האָר אַליין האָט מען געקאָנט אָנשטאָפּן צוויי מאַטראַצן.

— פּעטער, וווהין פאָרן?

— איך ווייס? פירט מיך אין דעם בעסטן האָטעל.

— אין גראַנד־האָטעל, פּעטער! צו אברהם־לייבן דעם גראַנד־האָטעלטשיק.

— זאָל זיין אין גראַנד־האָטעל.

נאָך אַ האַלבע שעה האָצקען זיך איבער אַ שלעכטן שאָסיי און ווערנדיק פּאַרכליאַפּעט פון אַלע זייטן מיט בלאָטע, זענען מיר צוגעקומען צו אַ צוויי־שטאָקיק הויז — גראַנד־האָטעל.

אין אריינגאַנג איז מיר אַנטקעגן געקומען דער באַלעבאָס פון האָטעל, אַ יידל אין אַ שבתדיקער קאַפּאָטע מיט אַ פּירעקיק יאַרמולקעלע, מיט אַן אויסגעצויגן בערדל, אינגאַנצן אויפגערוימט, ערב־יום־טובדיק, און נאָך איידער איך האָב געזאָגט אַ וואָרט, האָט ער גענומען רעדן מיט אַ טאָן פון אומאָפּהענגיקייט און תקיפות, ווי ער וואָלט זאָגן: מיר האָבן, ברוך־השם, אורחים שענערע פון אייך און מיר דאַרפן אייך אויף כפרות.

— נישטאָ, ליידער, נישטאָ פּאַניע, פאַר אייך קיין צימער. געווען איין צימער, מען קאָן זאָגן אַ זאַל, וואָס מיר האַלטן פאַר בכבודיקע אורחים, איז ער שוין אויך באַשטעלט פון אַן אורח הגון פון וואַרשע.

— ווער איז זשע דער אורח?

— דער אורח איז אַ שרייבער, דער טונקעלער פון וואַר־שע, וואָס שרייבט אויף די גאַזעטן, ער דאַרף באַלד אָנקומען.

— קען איך פּילייכט פאַרנעמען דאָס צימער ביז וואַנען ער וועט אָנקומען?

— חס־וחלילה! די מינוט קאָן אָנקומען דער קאָמיטעט, וואָס האָט דעם צימער באַשטעלט. מער וועט מיר שוין נישט פעלן.

— אויף 5 מינוט, — זאָג איך, — איך וויל בלויז זיך אַרומוואַשן, אָפּפּוצן מיינע בגדים פון וועג. איך שווער אייך, אַז דער טונקעלער וועט גאָרנישט האָבן דאקעגן. איך קען אים גראַדע. איך בין אויך פון וואַרשע, און מיר זענען גוטע באַקאַנטע, מען קאָן זאָגן — גוטע פריינט, אָן מיר רירט ער זיך נישט פון אָרט.

— בנאמנות?

— בנאמנות.

— מלאַ, אויב אַזוי, קענט איר אַריינגיין זיך אַרומוואַשן, נאָר מאַכט עס גיך, מחמת אַ ליאָדע מינוט קאָן ער אָנקומען.

ער האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק, אויפגע־שלאָסן אַ טיר און אַריינגעלאָזט מיך אין אַ צימער. עס האָט אויף מיר אַ ווייע געטאָן מיט אַזוי פיל ווילגאָטש, טוכלעקייט און פייכט־

קייט, אַז איך האָט געמיינט, אָט באַקום איך אַ רעווומאַטיזם אויף מיין גאַנצן לעבן. די פּאָדלאָגע איז, קענטיק, נאָר וואָס געוואַשן געוואָרן, מחמת ביי די שפּאַלטן איז נאָך געווען גענוג נאַס. די שוואַרצע הילצערנע בעט איז געווען אויפגעראָמט מיט פרישע לאַנג געוואַשענע בעט-צייג, אויסגעהאַפּט מיט רויטע קווייטן און מאָנאָגראַמען. אין מיטן שטוב אַ קיילעכדיקער טיש איבערגעדעקט מיט אַ געשטריקטן טישטוך און אויפן טישטוך אַ צייטונג, אויף וועלכער מיין אויג האָט אויפגעכאַפּט אַ שורה מיט גרויסע ווערטער „הצפירה“ און נאָך אַ שורה מיט קלענערן שריפט: גביעת עדות של עסטערהאַזי אַל הפּראָצעס של דרייפוס ברען.“ אויף דער צייטונג איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט געלע וואַסער, איבערגעדעקט מיט אַ גלאָז. אין ווינקל איז געשטאַנען נאָר אַ טיש מיט אַ גרויסער פלאַש טינט. לעבן אויוון — אַ נידעריקע טאַבורעט-שטול מיט אַ שיסל וואַסער. די שיסל איז געווען אין קווייטן פון שקאַרלאַט-רויזן, בלאָע בלעטער און שוואַרצע פלעקן. דערביי איז געלעגן אַ פאַרדאַרטער שטיקל זייף פון דער פירמע „הירש“ און אַ האַנטוך אויסגענייט מיטן זעלבן מאָנאָגראַם און אַ שפּריכוואָרט אויף דייטש: „גוטן מאָרגן, קיינע זאָרגן“. איך האָב אָן עפּן געטאָן די טיר, וואָס פירט צום באַלקאָן, נאָר באַלד בין איך אָפּגעשפּרונגען ווי פון אַ ביס פון אַ שלאַנג. דער באַלקאָן איז טאַקע געווען אַ באַלקאָן, נאָר לחלוטין אָן אַ פּאַרענטש.

איך האָב זיך גענומען וואַשן — פּלוצלונג האָב איך דערהערט אין קאָרידאָר אַ געטופּעריי פון עטלעכע פּאָר פיס און אַ גערעדעריי פון עטלעכע שטימען. העכער פון אַלעמען האָט געקאָמאַנדעוועט איינער מיט אַ שטים, וואָס פלעגט זיך אָנהייבן מיט אַ באַס און געענדיקט מיט אַ סאָפּראַנאָ:

— נו, האָט איר שוין דעם צימער פאַרטיק, רב אַבֿרהם-לייב?

— יאָ, — האָט דעם באַלעבאָס שטימע געענטפערט, — ניִשט קיין צימער, נאָר אַ פּאַלאַץ. דער קיסר מעג דאָ איינשטיין.

— און אַ טישל צום שרייבן אויך אַריינגעשטעלט? מחמת דער חשובֿער גאַסט איז דאָך אַ שרייבער, ער וועט מסתמא דאָ

וועלן באַשרייבן אונדזער נאַטור און לעבן, מוז ער דאָך האָבן צו שרייבן.

— יאָ, אַריינגעשטעלט אַ טיש צום שרייבן, אַ גרויסן טיש.

— און טינט?

— טינט אויך.

— אַ סך?

— אַ גאַנצע פלאַש.

— גוט. וואָס מער טינט, אַלץ בעסער פאַר אַ שרייבער. ווארום אַ שרייבער, אַז ער האַלט ביים פאַרענדיקן אַ געדאַנק און פלוצלונג פעלט אויס טינט, איז ערגער ווי אַלץ.

— ווער זשע פלעטשקעט זיך דאָס דאָרטן אין צימער? — פרעגט אַ צווייטע שטים — האַ?

— דאָס האָב איך אויף אַ ווײַלע אַריינגעלאָזט אַ גאַסט, זאָל ער זיך אַרומוואַשן.

— ווער האָט אייך געגעבן די באַרעכטיקונג דערצו, האַ? — האָט די ערשטע שטימע זיך געבייזערט. — טאָמער קומט גלייך אָן דער חשובער גאַסט, וואָס וועט זיין? איר פינסטערע בריאה, וואָס איר זענט! אַך, די פינסטערע פראָווינץ!

באַלד האָט זיך אויפגעפראַלט מיין טיר, און עס האָבן זיך אַריינגעריסן דריי פאַרשוינען, איינ[illegible]ר אַ הויכער, גוט - באַוואַקסענער, מיט אַ קליין חסידיש היטעלע אויף אַ סטויג זאַפראַן - רויטע האָר, דער צווייטער אין אַ צעקנייטשט קאַפעליושל מיט אַ צעקנייטשט פנים, פונקט ווי עמיצער האָט זיך אויף זיין פנים אַוועקגעזעצט, עס געקנייטשט און אַזוי איבערגעלאָזט; דער דריטער — אַ דאַמע, אַ בידעריקע, מיט אַ גרויסן בוזעם, ווי אַ שטענדער און אַ קול פון אַ באַריטאָן.

דער ערשטער, דער רויטער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאָ-רויס און אַזוי געזאָגט: אַנטשולדיקט אונדז, וואָס מיר זענען אַריינ-געקומען צו אייך, נישט אָנקלאַפנדיק. די מינוט איז צו ערנסט און צו פייערלעך פאַר אַזעלכע פאָרמאַליטעטן. די זאַך איז די: דער דאָזיקער צימער איז באַשטעלט פאַר אונדזער חשובן גאַסט, דעם טונקעלן, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען אויף דער אַרענע פון אונדזער

שטעטל. און איר האָט נישט געהאַט די מינדעסטע באַרעכטיקונג און קיין שום „רעזאָן דעטער“ צו פאַרנעמען דעם דאָזיקן צימער!

— דאָס איז אַ ברוטאַלער טאַט-און-ראַט פון אייער זייט!

— האָט אונטערגעכאַפּט די דאַמע מיטן קול פון אַ באַריטאָן.

— שאַנד און שמאַך! — האָט צוגעגעבן דער יונגערמאַן מיט דעם צעקנייטשטן פּנים. — מען דאַרף אייך שטעלן צום שאַנד-סלופּ.

— אַנטשולדיקט, — האָב איך זיי געענטפערט מיט דעמזעלבן פריילעכן טאָן, — איך וויל נישט מיסברויכן מיט פרעמדן אייגנטום און פרייהייט. איך וויל נאָר אַרומוואַשן דעם שמוץ פון קערפּער און דעם שטויב פון מיינע פיס. אַזוי גלייך, ווי די דאָזיקע אויפגאַבע וועט ווערן דערליידיקט, וועל איך דעם צימער פאַרלאָזן. דרך-אגב מוז איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז דער טונקעלער איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער און וועט נישט האָבן דאַקעגן, ווען ער וועט מיך טרעפן ביי מיין ברוטאַלן „טאַט-און-ראַט“.

דער רויטער יונגערמאַן האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בליק פול מיט חשד און האָט געזאָגט:

— צו אייערע ווערטער קאָן מען זיך באַציען מיט בלויז סקעפּטיציזם. מיט וואָס קענט איר אונדז איבערצייגן, אַז אייער באַויפטונג איז אמתדיק און נישט קיין פּוסטע באַרימערייַ און דעמאַגאָגיע?

— דאָס קאָן איך אייך באַווייזן מיט אָט דער וויזיט-קאַרטע, וואָס ער האָט מיר געשענקט,—האָב איך געענטפערט און אַרויסגענומען אַ וויזיט-קאַרטע, אויף וועלכער עס איז געווען געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס:

> **דער טונקעלער**
>
> שרייבער, שריפטשטעלער און ליטעראַט

דאָס קאַרטל האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. די קאָמיסיע איז געוואָרן ווייכער און דער פּרעזעס האָט שוין געזאָגט גאָר פריינטלעך:

— אויב אַזוי, איז עס אַ געלונגענער פאַל פון דער בלינדער נאַטור. די זאַך איז די: דער טונקעלער, אָבוואָל ער איז באַרימט מיט זיין גייסט, איז דאָך זיין פּערסאָנאַל (ד. ה. זיין פּערזענלעכער אויסזען) אונדז נישט באַקאַנט. איצט גייען מיר אים באַגעגענען און מיר ווייסן אַפילו נישט ווי ער זעט אויס. און היות, ווי איר דערקלערט אין אייער קרעדאָ, אַז ער איז אײנס אַ גוטער באַקאַנטער, בעטן מיר ז׳ אין נאָמען פון אונדזער קאָמיטעט און אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציע, מיט אונדז מיטפאָרן און העלפן אונדז לויט אייער אָנווייזונג אָפּצוהאָלן אונדזער גאַסט.

— אָבער מיינע הערן, — האָב איך זיך געפּרווווט בעטן, — פּליכט איז געגלעך, איר זאָלט דערלויבן עפּעס צובייסן? איך בין הונגעריק ווי אַ וואָלף.

נאָר דער רויטער יונגערמאַנטשיק האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין אַקסל און געזאָגט:

— הייַנט עסט מען נישט! די מינוט איז צו ערנסט איבערצוגעבן זיך מיטן מאַטעריאַליזמוס. מיר מוזן שוין פאָרן! יאַזדאַ!

איך האָב געזען, אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן אין פרעמדע הענט און האָב געמוזט מסכּים זיין.

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ וועגל און דער רויטער האָט באַפוילן: „אין ביבליאָטעק אַריין, צו תּנחום מאַריאַשעס!"

— וואָס עפּעס אין ביבליאָטעק? — האָב איך געפרעגט.

— מיר האָבן דאָרטן צו באַזאָרגן זייער אַ וויכטיקע זאַך, — האָט דער רויטער געענטפערט מיט זייער אַ באַשעפטיקטן טאָן — וואָרים אַזוי גלייך ווי דער חשובֿער גאַסט וועט קומען, וועלן מיר אים פירן אין אונדזער ביבליאָטעק „דער ליכטיקער שטראַל", וואָרים די ביבליאָטעק איז דאָך די פּראָדוקטיווע סיבה פון זיין אָנקומען, ווילן מיר דאָרטן פּראָוויזירן אַ קליינע אויפנאַמע.

מיר זענען צוגעפאָרן צו אַ געוויינלעך קליין הייזל. שוין אין פאָדערהייזל איז געווען אַזאַ גרויסע חשכות, וואָס האָט גאָרנישט דערמאָנט אין אַ „ליכטיקן שטראַל". נאָכדעם האָט מען מיך געפירט פאַרביי עטלעכע פינסטערע אַלקערלעך און עטלעכע באַווינטע שטיבלעך. אין איין שטיבל האָט אַ ייד אין הילע אַרבל געאַרבעט עפּעס ביי אַ ברעט, קעגנטיק אַ סטאָליער; אין אַ צווייטן

צימער האָט אַ יידענע געוויקלט אַ וויינענדיק קינד אין ווינדעלע אין דריטן צימער האָט אַ ווייבל געוואַשן וועש און געזונגען: „אַ ליבע איז אַ וואָרע טשאַכאָטקע, אוי, ווי איז מיר!”..

ענדלעך זענען מיר צוגעקומען צום סאַמע צימער, ווו עס געפינט זיך די ביבליאָטעק גופא. אויף די ווענט זענען געווען צוגעשלאָגן עטלעכע פּאָליצעס מיט ביכלעך, עטלעכע פּאָרטרעטן פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער: ביאַליק, אסתּר רחל קאַמינסקי, שלום־עליכם און סיראָטע. דאָ און דאָרטן ביי די מיט טינט פאַרפלעקטע טישלעך, זענען געזעסן יונגע בחורים ביי אָפּע־נע ביכלעך זייער פאַרטיפט. איך האָב געכאַפּט א קוק אין די ביכלעך אַריין — מיינע ווערק. איינער איז געזעסן איבער מיין „חיים־יענקל דער האָניק־קוועטשער”, אַ צווייטער איבער „די פלעדער־מייז” און אַ דריטער איבער „דעם גרינעם פאַפוגיי”. דער רויטער האָט געוואָרפן אַ בליק איבער דעם גאַנצן עולם אַרום און האָט זיך צעבייזערט: „ווער האָט געוואַגט אַזוי צו צעזעצן די לייענער? — און מיר האָבן דאָך אויף דער באַראַטונג פון אונדזער עקזעקוציע באַשלאָסן מיט אַ מערהייט שטימען, אַז ביי „חיים־יענקל דעם האָניק־קוועטשער” זאָל זיצן מענדל אָשרס און נישט מלך ליפשיץ! ווער האָט זיך דאָס דערלויבט צו ענדערן אונדזערע באַשלוסן? איר, איר ראַבינאָוויטש זענט שולדיק אין דעם! — האָט ער זיך גע־ווענדט צו אַ דאַר דערשראָקן בחורל — און איר וועט טראָגן די קאָנזעקווענצן... ווייסט איר דען נישט, אַז „חיים־יענקל דער האָניק־קוועטשער” איז דאָס בעסטע ווערק פון מחבר און אַז ביי דעם ווערק דאַרף זיצן אַ מער אינטעליגענטער מענטש?”

און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ טאָן פון אַ גרויסן רעזשיסער פון אַ גרויסער מאַסן־אַקציע:

די רגע זאָל מען זיך איבערזעצן!

צוויי בחורים, וואָס זענען געזעסן איבער די ביכלעך, האָבן זיך געטוישט מיט די ערטער, אונטערגעשפּאַרט די קעפּ אויף די הענט און ווידער געבליבן זיצן פאַרטיפט. דער רויטער איז געבליבן צעפרידן פון דעם אינסצעניזירטן לעבעדיקן בילד.

— ווי מיינט איר, אַז ער וועט אַריינקומען אַהער, אייער גרויסער פריינט, אונזער חשובער גאַסט, און וועט זען, ווי מען זיצט איבער זיינע ווערק, וועט עס אים הנאה טאָן? ווי מיינט איר? איר קענט דאָך אַ ביסל זיין כאַראַקטער?

— איך מיין אַזוי, — האָב איך געענטפערט

— נו, מיר פאָרן צום באַן, יאַזדאַ? — האָט דער רויטער ווידער קאָמאַנדעוועט מיט גרויס קוראַזש. — די שעה האָט געשלאָגן!

מיר זיצן שוין ווידער אויף דער דראָזשקע און פאָרן צום וואָקזאַל.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטילשווייגעניש. פלוצלונג האָט זיך דער רויטער יונגערמאַן געגעבן אַ הייב אונטער פון זיין זיץ און מיר אַריינגערוקט אַ געלע האַנט און האָט געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, חבר! מיר האָבן דאָך גאָר פאַרגעסן! מיר האָבן זיך דאָך נאָך גאָרנישט פאָרגעשטעלט. איך האָב דעם כבוד זיך פאָרצושטעלן: יונה קוקורוזע, פּרעזעס פון קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזאַציע „יונגע שפּראָצונגען” און פון דער ביבליאָטעק „דער ליכטיקער שטראַל” אויפן נאָמען פון גרויסן שרייבער און מענטשן־פריינט שמואל זשעברע, און דאָס האָב איך דעם כבוד פאָרצושטעלן אונדזער סעקרעטאר ביניש קאָץ און דאָס איז אונדזערס אַן ערן־מיטגליד כיענע שפּרינצאַק! — דערביי האָט ער אַרויסגענומען זיין וויזיט־קאַרטע און מיר דערלאַנגט:

| יונה קוקורוזע<br>עוסק בצרכי ציבור און כלל־טוער |
|---|

קוקנדיק אויף אים, האָט אויך דער צווייטער יונגערמאַן מיטן צעקנייטשטן פּנים אַרויסגענומען זיין וויזיט־קאַרטע און מיר דערלאַנגט:

| ביניש קץ (פּסעוודאָנים „מעפיסטאָ”)<br>אַ לעזער פון די „ליטעראַרישע בלעטער” |
|---|

די דאַמע, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער, האָט אויפגעעפנט איר האַנט-בייטל, אַרויסגענומען אַ וויזיט-קאַרטע און מיר דער-לאַנגט:



— נאָכדעם ווי מיר זענען שוין פאַרטיק מיט אונדזער גייס-טיקער פאַרשטענדיקונג, — האָט דער פּרעזעס אָנגעהייבן, קענען מיר צוטרעטן צו אַ זאַכלעכער אויפקלערונג. זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר, ווי איר זאָגט — און מיר מוזן אייך אויסדריקן צוטרוי — זענט באַקאַנט מיט אונדזער חשובן גאַסט, וואָס דאַרף באַלד אָנקו-מען? אויב אַזוי, וועלן מיר אייך בעטן, איר זאָלט אונדז ענטפערן אויף עטלעכע אָנפראַגעס פון אינפאָרמאַציאָנס-כאַראַקטער.

— אַדרבה, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, וואָס ווילט איר וויסן?

— קודם-כל וועט איר אונדז ענטפערן אויף דער פראַגע, צי איז אָט דער טונקעלער אַ באַווייבטער? כּחמת אין מיין באַגרי-סונגס-רעדע וועל איך מוזן באַרירן אויך זיין ווייב.

— יאָ, ער האָט אַ ווייב.

— און ווי הייסט זי?

— שאָשע.

— פאָרט זי מיט אים אויף זיין טורנער?

— מעגלעך.

— אויסגעצייכנט. איך וועל טאַקע זאָגן, אַז „אָט די פרוי שאָשע, די לעבנסבאַגלייטערין פון אונדזער חשובן גאַסט, וואָס באַ-גלייט אים אויף זיין דאָרנדיקן וועג איבער שטעט און שטעטלעך, וואָס איז אויסגעשפּרייט מיט לאָרבער-בלעטער און בלומען-קרענץ, זי — זי האָט אים געגעבן די מאָראַלישע ליידנשאַפט צו שאַפן זיין יצירה"... ווי מיינט איר, עס קלינגט שיין?

— הערלעך!

— עס וועט אים הנאה טאָן?

— זיכער.

— נאָכדעם וועל איך פאַרגלייכן אונדזער חשובן גאַסט צו אַ דעמב, א יאָ, שיין?

— געוויס, אַ דעמב איז אַ וואַזשנע זאַך

— דער גרויסער סאַטירישער דעמבענער דעמב. — וועל איך זאָגן, — וואָס שטייט העכער פון אַלע דעמבעס, וואָס זיין וואָרצל האָט באַפרוכפערט די מוזע פון דער יידישער ליטעראַטור, ער, וואָס טראָגט די דעמבענע האַרפע, וועט זי אויפהענגען אויף דער ווערבע, דאָס מיינט מען זיין פרוי, און וועט שפילן מיט זיינע צאַרטע פינגער... ווי געפעלט אייך?

— פלאי פלאים. האָט איר אַ סך פאַר אים אַזעלכע אַטראַקציעס?

— וואָס רעדט איר! מיר האָבן אַ גאַנצן פראָגראַם פון פייערלעכקייטן. קודם-כל, אַזוי גלייך ווי ער גייט אַראָפּ פון באַן, פירן מיר אים אויף אַ דראָזשקע דורך די הויפּט-גאַסן פון אונדזער שטעטל, איבערן מאַרק און אויפן שול-הויף, כדי די מענטשהייט זאָל זען בידים, אַז די „קראַפט" איז דאָ! מחמת די היגע מענטשהייט האָט צו אונדז, יוגנט, נישט קיין צוטרוי, ווייל אייניקע מאָל האָבן אונדז אייערע „קרעפטע" אָנגעפייפט, צוזאָגנדיק קומען און נישט געקומען. איך בין זיכער, אַז אַ סך וועלן די קראַפט אָנטאַפּן מיט די הענט אויך, צו איבערצייגן זיך, צי די קראַפט איז טאָקע אַ קראַפט... מילא, זאָלן זיי טאַפּן.

— נאָכדעם וועט איר פירן די קראַפט מסתמא ערגעץ אין אַ רעסטאָראַציע עפּעס עסן? — האָב איך געפרעגט און אַראָפּגעשלונגען די שלינע.

— האָט זשע צייט, — זאָגט ווייטער דער פּרעזעס. — גלייך פון מאַרק פירן מיר אונדזער גאַסט צו אונדזער חבר בונצע בולקין, זייער אַ באַוווסטזיניקער און האָט אַ וועלט-אָנשויונג מיט פּראָבלעמען. דאָרט וועלן שוין אונדז אָפּהאַלטן אַ פּראָוויזאָרישע ליטעראַרישע דיסקוסיע וועגן דער מאָדערנער ליטעראַטור.

— פאַרשטייט איר מיך, — האָט זיך אַריינגעמישט דער יונגערמאַן מיטן צעקנייטשטן פנים, — יעדער חבר ביי אונדז האָט ברענענדיקע ווי אויך קיצלדיקע פראַגן און מיר וואַרטן טאַקע

אויף אַ שרייבער פון וואַרשע, וואָס זאָל אונדז די פראַגן פאַר־ענטפערן. איך, למשל, וועל שטעלן די ערשטע פראַגע וועגן גאָטהייט, מאַגנעטיזם און אַנדערע פעסימיסטישע פראַגן.

— און איך, — כאַפּט זיך אָן ווידער דער געלער יונגער־מאַן, — וועל פרעגן אַן אָנפראַגע קורץ און שאַרף; וואָס איז אַזוינס פוטוריזם און צי איז דאָסטאָיעווסקי אַ פוטוריסט? און אויב נישט, טאָ פאַרוואָס איז ער נישט קיין פוטוריסט?

— און מיך, — מישט זיך אַריין אויך דאָס פריילן, — אינטערעסירט בלויז איין פראַגע: וועגן עראָטיק. צי איז פאַראַן פּלאַטאָנישע ליבע אָדער דאָס איז בלויז עראָטיק. אויב ער וועט מיר זאָגן, אַז עס איז דאָ פּלאַטאָנישע ליבע, וועל איך אים אויפ־ווייזן, אַז עס איז בלויז עראָטיק, און אַז ער וועט מיר זאָגן, אַז עס איז דאָ עראָטיק, וועל איך אים אויפווייזן, אַז עס איז דאָ פּלאַטאָנישע ליבע און מאָראַלישע ליידנשאַפט.

— דאָרטן וועט זיין מסתמא אַ גלעזל טיי אויך? צובייסן? וואָס? — פרעג איך און איך פיל, ווי עס טריקנט מיר אין מויל, ווי אַ שטרויענער דאַך אין תמוז.

— חס־וחלילה! — ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע פּראָבלעמען, קאָן קיין פראַגע נישט זיין וועגן טיי, — גיט צו דער צעקנייטשטער פּנים.

— יאָ, נאָכדעם, ווען די אַלע פראַגן וועלן ווערן דער־לעדיקט, — ציט ווייטער דער רויטער זיין פּראָגראַם, — פירן מיר אונזער גאַסט.

— אין רעסטאָראַציע! — כאַפּ איך אונטער.

— לאָזט אָפּ! — מיר פירן אים אין אונדזער ביבליאָטעק. דאָרט וועט ער באַטראַכטן דאָס גאַנצע בילד. דאָרט וועט דער סעק־רעטאַר חבר ראַבינאָוויטש איבערגעבן אַ באַריכט וועגן דעם סטאַטיסטישן צושטאַנד פון אונדזער ביבליאָטעק. נאָכדעם וועלן מיר אים אונטערטראָגן אַ בוך, וווּ אַלע באַזוכער שרייבן דאָרט איין זייערע פאַראַדאָקסן, וועלן מיר אים געבן, ער זאָל אַריינ־שרייבן אַהער אַ סאַטירע אין גראַמען אַלס אָנדענק פון זיין

באַזוך אין אונדזער ביבליאָטעק „דער ליכטיקער שטראַל". נאָכדעם וועל איך אים דאַנקען און האַלטן אַ רעדע און...

— נאָכדעם פאָרט מען עפּעס עסן?

ווער האָט צייט צו עסן? און ווען מען קריכט גלאַט איצט דער ביסן אין מויל אַריין, אַז עס איז דאָ אַזויפיל אַרבעט. פאַרגעסט נישט, אַז עס ווערט שוין שפּעט, די מענטשהייט וואַרט שוין אויפן סאַלע אין קינאָ „עדען". אַהין פאָרן מיר איצט. מיר און נאָך עטלעכע חברים אין דער באַגלייטונג פון השובן גאַסט. מיר דערשיינען אויף דער בינע. דאָס פאָלק מאַכט אונדז אַ שטורמישע אָוואַציע און איך הייב אָן מיין באַגריסונגס־רעדע, ווו איך פאַרגלייך, ווי איר ווייסט שוין, דעם גאַסט צו אַ דעמב מיט אַ וואָרצל, זיין פרוי צו אַ ווערבע, אויף וועלכער ער הענגט אָן זיין האַרפע, אויף וועלכער ער שפּילט מיט זיינע צאַרטע הומאָריסטישע פינגער... דאָ קומט דער שטורמישער אַפּלויז... נאָכדעם מאַך איך אָן אַנאַליז און ווייז אויף, אַז דער העלד „חיים־יענקל דער האָניק־קוועטשער" איז אַ פאַרקערפּערונג פון יידישן פאָלק און זיין פּראָלעטאַריזירונג. מיט אָוואַציעס. נאָכדעם גיב איך דאָס וואָרט צו באַגריסן די אָרגאַניזאַציעס און פּריוואַטע פּערזאָנען. געענדיקט די באַגריסונגען, גיב איך דאָס וואָרט דעם חשובן גאַסט. אָוואַציעס. דער גאַסט האַלט זיין גייסטיקן רעפעראַט. ער מאָנאָלאָגירט זיין סאַטירע מיט סאַרקאַזם. ווידער אָוואַציעס. צום סוף נעם איך דאָס וואָרט צו אַ שלוס־רעדע. איך דאַנק דעם חשובן גאַסט און גיב אַ כאַראַקטעריסטיק פון זיין רעפעראַט. דאָס פּובליקום מאַכט אַ לאַנג־דויערנדע אָוואַציע און גייט מיט מאָראַלישן ערפאָלג אַהיים.

— און איצט ערשט גייט מען עפּעס נעמען אין מויל אַריין! — זאָג איך מיט אַ טאָן פון רחמנות, ווי אייבער, וואָס קומט איבער אַ לאַנגן תענית.

פאַרשטייט זיך, נישט נאָר אין מויל אַריין, נאָר אויף אַ גאַנצן באַנקעט! דער באַנקעט איז טאַקי ביי מיר אין שטוב, אינגאַנצן אויף מיין רעכנונג, מ'וועט קומען אַלע צו מיר אַזש. —

— מען נעמט זיך צו דער וועטשערע! — זאָג איך און מיין קול זינגט אַזש.

— האָט צייט, צוערשט גייט מיין ערעפענונגס-רעדע. די דאָזיקע "רעדע האַלט איך אין אַ סאַטירישן טאָן מיט הומאָר, ווי עס פּאַסט פאַר אַ באַנקעט-רעדע. דאָ וואַרף איך אַריין אַ פּאָר געלונגענע וויצן, וואָס איך ברענג פון זיין "קרומען שפּיגל". דאָס וועט אים אַ הנאה טון. איין וויץ וועגן אַ ישובניק, וואָס האָט געקויפט אַ ציג און עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ באָק און דער צווייטער וויץ וועגן אַ מלמד, וואָס פאַרטייטשט דאָס העמד אין מרחץ, כאַ-כאַ-כאַ... נאָכדעם האָב איך עטלעכע כעלמער מעשהלעך, נאָכדעם האָב איך אַ פּאָר משלים מיט עטלעכע פּאַראַדאָקסן מיט איראָניע... נאָכדעם קלויבן מיר אויס אַ טאָסט-מייסטער און עס הייבן זיך אָן די טאָסטן און ואחרי-כל-אלה — —

— דערלאַנגט מען צום טיש!

— האָט צייט! מיר האָבן דאָך עפּעס אונדזערע אייגענע "קרעפּלך", אייגענע טאַלאַנטן, זאָלן זיי ווייזן, וואָס זיי קענען. מיר האָבן דאָך עפּעס קינסטלער פון אונדזער דראַמאַטישער סטודיע, די "יונגע דעקאָראַציע".

— איך וועל איבערלייענען מיין סאַטירע אויף אונדזערע מיידלעך און די מאַסקע-בעלער! — זאָגט דער יונגערמאַן מיטן צעקנייטשטן פּנים.

— און איך וועל דעקלאַמירן "אויפן בוזעם פון ים" פון יונה ראָזנפעלד — דערקלערט דאָס מיידל מיטן גרויסן בוזעם.

— איך אַליין האָב אויך אַ גרעסערע זאַך, — זאָגט דער רויטער — נאָר איך וועל עס אים לייענען אויף צוזאַמענגנס אין האָטעל, זייער אַן ערנסטע זאַך און מען מוז איבער דעם גוט פאַרטראַכטן זיך. די ווירקונג פון מאַטעריאַליזמוס אויף דער אַנטוויקלונג פון גייסטיקן אבסקוראַנץ".

— און וואָס וועט זיין מיט דער וועטשערע? עס וועט זיין אַמאָל אַ וועטשערע, צי נישט, איך בין זייער טשיקאַווע צו וויסן! — זאָג איך, — וואָרים איך וועל דאָך אויסגיין, חלילה... דאָס הייסט, נישט איך... נאָר ער וועט דאָך מסתמא זיין הונגעריק. אָט דער ואַסט אייערער, אַ צער-בעלי-חיים!...

— האָט זשע צייט... איצט ערשט נעמט מען אַ כּוסה. וואָס טרינקט אייער פריינט? איר מוזט דאָך וויסן, וואָס ער טרינקט? קאָניאַק טרינקט ער?

— קאָניאַק? מהיכי־תּיתי, ער טרינקט, פאַרוואָס זאָל ער נישט טרינקען?

— און ליקער?

— ליקער אויך.

— און כּרמל־וויין?

— כּרמל־וויין אויך.

— און אַזוי אַ שנאַפּס, אַ פּשוט ביסל שנאַפּס?

— אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערס, טרינקט ער אַ פּשוטן שנאַפּס.

— זעט איר, און מיר האָבן געמאַכט דעם באַנקעט גאָר אָן שאַרפע „געטראַנקען". איך מיין, אַז עס איז אַ סך שענער, ווען ער וועט זען, אַז מיר טרינקען נישט, אַז מיר האַסן דעם ביטערן טראָפּן, וואָס פאַרטונקלט דעם באַוווסטזיין. אַ גלעזל לימאָנאַד, מהיכי־תּיתי, אַפילו קיין ביר האָבן מיר נישט צוגעגרייט. איך מיין, אַז דאָס וועט אים געפעלן, אייער באַקאַנטן און אונדזער חשובן גאַסט. ווי מיינט איר?

— המם... איך מיין... ע... — האָב איך געמרוקעט מיט מאָדנע קלאַנגען! — אַ ברירה וועט ער האָבן... אָבער עסן, עסן וועט דאָך זיין?

— עסן — געוויס! וואָס, אַ שטייגער, עסט ער, אייער פריינט, אונזער חשובער גאַסט? איר קענט דאָך זיין פּסיכאָלאָגיע.

— ער עסט, ער עסט אַלץ.

— ער האָט אַן אַפּעטיט?

— נישט צו פאַרזינדיקן.

— וואָס זשע עסט ער? אַ שטיקל פיש עסט ער?

— עסט, פאַרוואָס נישט?

— געפעפערטע?

— געפעפערטע.

— פליש עסט ער?

— ער עסט.
— וועלכע פלייש?
— וועלכע מען גיט אים.
— הון?
— הון.
— גענדזונס? קאַטשקע?
— גענדזונס, קאַטשקע אויך.
— געפּרעגלטע?
— מעג זיין געפּרעגלטע, געקאַכטע.
— און סתם אַזוי אַ שטיקל געבראָטנס פון רינד-פלייש?
— מעג זיין געבראָטנס, ער עסט געבראָטנס אויך.
— און מיר, זעט איר, האָבן געמאַכט גאָר אַן אָריגינעלן באַנקעט, מיר האָבן געמאַכט אַ וועגעטאַרישן באַנקעט. עס איז איידעלער און שענער אויך. זאָל ער זען, אַז מיר זענען נישט קיין בלוט-דאָרשטיקע חיות. מיר האָבן איינגעקויפט אַ ביסעלע קאַרטאָפל, אַ שטיקל קעז, אַ ביסעלע גרינס, פּעטרישקע, אַ שטיקל רעטאַך און שאר-ירקות... עס וועט אים הנאה טון? ווי מיינט איר?
— יאָ... אָבער שייך צו זאָגן...
— דער עיקר איז דאָך דאָס פאַרברענגען, און פאַרברענגען וועלן מיר ביז טאָג. מיר קענען, ברוך-השם, אי טאַנצן, אי זינגען, מיר האָבן, מיר האָבן פאָלקס-לידלעך אַ ים! מיר, אַז מיר גיבן אַ קלאַפּ מיט אַ כ אָ ר „לאָמיר אלע, אַלע אינאיינעם, דעם חשובן גאַסט מקבל-פּנים זיין!" וועט ער צעגיין פאַר נחת. נאָכדעם כאַפּן מיר דעם אמתן ריקודל ביז אין ווייסן טאָג אריין.
— איך, אַז איך וויל, קען טאַנצן אַ מיסטישן טאַנץ אויך מיט שטימונגען! — האָט די דאַמע מיטן גרויסן בוזעם צוגעגעבן.
— נאָכדעם, — זאָגט ווייטער דער רויטער, — גיבן מיר דעם חשובן גאַסט דאָס שלום-וואָרט און מיר גייען אָנקוקן אונדזער קינדער-היים...
— און שלאָפן? — פרעג איך.

— שלאָפן? היינט שלאָפט מען נישט! — האָט דער פרע־ וועס מיר איבערגעהאַקט, ווי איך וואָלט אַרויסגעזאָגט ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אַפּיקורסות. — היינט גייען מיר נישט שלאָפן! מיר האָבן אַזוי באַשלאָסן אויף אונדזער זיצונג מיט אַ מערהייט שטימען, אַז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דער חשובער גאַסט וועט ביי אונדז ווײַלן, זאָלן מיר נישט צומאַכן קיין אויג. ניש־קשה, מיר וועלן זיך נאָך אויסשלאָפן, אַז דער גאַסט וועט אַוועקפאָרן.

— וואָס זשע גייט איר טון ווייטער? איך בין טשיקאַווע צו וויסן, עס איז מיר אַ ביסל נוגע, ס'הייסט נישט מיר... נאָר סתם אַזוי, איך בין טשיקאַווע...

— גלייך מיטן טאָג הייבן מיר אָן צו פירן אונדזער גאַסט איבערן שטאָט, צו ווייזן אים אונדזערע אינסטיטוציעס. צוערשט נעמען מיר אים אין אונדזער קינדער־היים. פון דאָרט גייען מיר אין לינת־הצדק, פון לינת־הצדק גייען מיר אין הכנסת־אורחים, פון הכנסת־אורחים אין מושב־זקנים, פון אונדזער מושב־זקנים אין אונדזער גמילות־חסדים, פון דאָרטן אין דער ליי־און שפּאָר־קאַסע און אין שול. מיר האָבן אַ שול אַ צאַצקע, אפשר 30 יאָר אַלט. נאָכדעם גייען מיר אין אונדזער ספּאָרט־קלוב פון „מכבי”, פון מכבי צום חנוך־ילדים און אומעטום וועל איך זאָגן עטלעכע וואַרעמע ווערטער לכבוד אונדזער ליבן גאַסט... נאָכדעם, אַז מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט די אַלע אינסטיטוציעס, וועלן מיר פירן אונדזער גאַסט אין אכסניה אָפּצורוען. דאָ וועלן קומען די אַלע יעניקע, וואָס שרייבן, כדי צו לייענען אים זייערע כּתבֿ־ידן און פרעגן זיין מיינונג. איך אַליין וועל אים איבערלייענען מיין גרעסערע ווערק „ווי אַזוי דאַרף מען אויפהייבן דעם מאָ־ראַלישן גייסט פון מיין נאַציאָן און אַנדערע נאַציאָנען אין נאָ־מען פון דער ציוויליזאַציע!” אָוונט צו גייען מיר אַלע אין אונד־זער דראַמאַטישער סטודיע „די יונגע דעקאָראַציע”. דאָרטן וועט אונדזער חבר זלמן איבערלייענען דעם פּראָלאָג פון „גאָט, מענטש און טייוול” און — —

דאָ איז אונדזער דראָזשקע געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג צום וואָקזאַל.

רויטער פּרעזוס איז דער ערשטער אַרויסגעשפּרונגען פון וואָגן, און געבנדיק אונדז יעדן צו נומער „דראָטלאָזע נייעס" אין האַנט אַריין, האָט ער גענומען מאַרשירן און פירן אונדז מיט גרויס חשיבות אין וואָקזאַל אַריין.

אויפן פּלאַטפאָרם האָט ער אונדז צעשטעלט אויף פאַרשי־דענע פּונקטן, געגעבן אייניקע וויכטיקע פאַראָרדענונגען, ווי אַ גרויסער פעלד־מאַרשאַל פאַר אַ גענעראַל־שלאַכט.

אין אַ פּאָר מינוטן האָט זיך שוין געוויזן פון ווייטנס די רויכיקע טשופּרינע פון אַן אָנקומענדיקן לאָקאָמאָטיוו. דער צוג איז געבל בן שטיין. איך האָב דערוויילע אויסגענוצט דעם טומל און אַוועק בחפזון צום בופעט כאַפּן אַ ביס. נאָר באַלד איז אונ־טערגעשפּרונגען דער רויטער יונגערמאַן מיט אַ ירגזון:

— שאַנדע און שמאַך! אין אַזאַ צייט עסן! מען דאַרף אייך שטעלן צום שאַנדע־סלופּ! ס'איז אַרויס פון וואַגאָן עפּעס אַ פּאַר־שוין, קומט זען, צי איז ער נישט אַמאָל דער טונקעלער, דער־קענט אים!

ער האָט מיך געכאַפּט פאַרן אַרבל און אַוועקגעשלעפּט לעבן אַ פּאַרשוין.

דער פאַרשוין איז נישט געווען דער טונקעלער.

באַלד איז געקומען צופליען דער יונגערמאַן מיטן צע־קנייטשטן פּנים, האָט מיך אויך געכאַפּט ביים האַנט און געשלעפּט מיך צו אַ צווייטן פאַרשוין: ס'איז ווידער געווען נישט דער טונקעלער. באַלד איז צוגעלאָפן צו מיר די דאַמע מיטן גרויסן בוזעם, האָט מיך געכאַפּט ביי דער האַנט און געשלעפּט צו אַ דריטן פאַרשוין:

נאָר וויי! אויך יענער איז נישט געווען דער טונקעלער.

אַזוי האָבן זיי מיך געהאַלטן אין איין שלעפּן און צו־שטעלן מיך אויג אויף אויג מיט פאַרשידענע פאַרשוינען, נאָר קיין איינער פון זיי איז נישט געווען דער טונקעלער. צו דער פאַרצווייפלונג פון מיינע באַגלייטער איז נישט געווען קיין גרע־סערן. דער צוג האָט זיך גערירט אַוועקצוגיין. אין סומאַטאָכע האָב

איך זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ וואַגאָן און — אַוועקגעפאָרן פונקט אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג פון וואַרשע.

איך בין געקומען אויף דער ערשטער בעסטער סטאַציע און אַראָפּגעגאַנגען, אַריין אין בופעט און דערקוויקט מיין האַרץ מיט אַן אַלטן פוטער־שניט. דאָ בין איך געזעסן ביז האַלבער נאַכט. האַלבע נאַכט איז געקומען אַ צוג, וואָס גייט קיין וואַרשע און מיטן מאָרגן בין איך געקומען אַ היים.

אין דעמזעלבן טאָג האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו צום פאָרזיצער פון די „יוגנט־שפּראָצונגען" אין ריפּעווקע, אַזוי צו זאָגן:

„טייערע חברים! ליבע זיסע און האַרציקע יונגעלייט! זייט וויסן, אַז אָט דער פאַרשוין, וועלכער איז געווען ביי אייך אין ריפּעווקע און מיט וועלכן איר זייט געפאָרן באַגעגענען דעם טונקעלן, איז אַליין געווען דער טונקעלער, נאָר מחמת איר האָט אים אַרויסגעלייגט דעם גאַנצן צעטל פון די פייערלעכקייטן, וואָס איר האָט פאַר אים צוגעגרייט, איז אויף אים געפאַלן אַן אימה, אַ פחד און ער איז אַנטלאָפן מיטן לעבן, ווי די אויגן האָבן אים געטראָגן.

איצט איז דער טונקעלער צוריק אין וואַרשע און איז גרייט צו יעדער צייט צו קומען צו אייך בתנאי, אַז ווען ער וועט קומען, זאָלט איר אים אָפּגעבן ווינציקער כבוד, מער עסן און לאָזן שלאָפן.

מיט דרך־ארץ:
דער טונקעלער.

עיקר שכחתי.

האָט אויף מיר אויך נישט קיין פאַריבל, טאָמער וועל איך אויך די גאַנצע מעשה באַשרייבן אין אַ הומאָרעסקע. כלעבן, נישט פון בייזקייט, חלילה, טו איך עס, נאָר אדרבה, פון גרויס סימ־פּאַטיע צו דיר, מיין ליבע, האַרציקע פּראָווינץ.

ד. ס.

## דאָס צעשטערטע גליק.

ער איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ ליטוויש שטעטל און געהייסן ירחמיאל. נאָך אין זיין שטעטל האָט ער געשמט פאַר אַ גרויסן באַזיגער פון פרויען-הערצער. דערצו האָט ער געהאַט פאָלגענדיקע מיטלען: אַ שוואַרץ בערדל, ראָזע ליפן, בלאַסע פאַרהלטזע באַקן, אַ זיסע פוטער-ווייכע טענאָר-שטימע, און געקענט פילע רוסישע ראָמאַנסן און פאָלקס-לידער.

זי איז געווען אַ תמעוואַטע מיידל פון וואָלינער געגנט. אַ שניידערין. זי האָט געהאַט גרויס דרך-ארץ פאַר אַן אינטעליגענטליב געהאַט הויכע אומפאַרשטענדלעכע געשפרעכן, הויפטזעכטלעך וועגן „ליבע,ליידנשאַפט, לעבענסוועג און כאַראַקטער".ביידע האָבן זיי זיך באַקענט אויף אַ פאַרלעזונג „וועגן דער קראַפט פון ליבע". באַקענט, באַפריינדעט און —

ער האָט צו איר געגלוסט מיט אַ גרויס גלוסטיקייט.

ער האָט געהאַט אַ באַזונדער צימער אויף דער אייזן-גאַס, מיט אַ באַזונדער אַריינגאַנג...

ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס אין זיין מאַכט. ער האָט מיט איר פאַרבראַכט און גערעדט וועגן אַלץ, וואָס זי האָט ליב — „ליבע, ליידנשאַפט, לעבנסוועג און כאַראַקטער".

צווישן איין געשפרעך און דעם אַנדערן האָט ער איר געזונגען פאָלקס-לידער און ראָמאַנסן.

ער האָט איר האַרציק דערציילט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, וועגן זיינע גרויסע איבערלעבענישן און וועגן זיינע רייכע רייזע־וואַנדערונגען. דעם דערציילט ער איר איבער ווילנער גובערניע, בשעת ער איז געווען אַ געגנט פון זינגערס ניי־מאַשין.

— קיינעם, קיינעם, — האָט ער געזאָגט, און זיין שטים האָט געקלונגען מיט אַזאַ זאַנפטן ציטער, — קיינעם, קיינעם האָב איך נישט אויפגעדעקט מיין האַרץ, ווי אייך, חוה. ווייל איך האָב צו אייך פיל צוטרוי, פונקט ווי איך וואָלט אייך געקענט שוין יאָרן־לאַנג. און ווי רעטזלהאַפט איז דער לעבנסוועג!...

זי איז געווען גערירט.

— גיט מיר אייער האַנט, חוה.

— נאַט אייך.

— פאַרוואָס די לינקע?

— די לינקע האַנט איז נאָנט צום האַרצן.

ס'איז שוין געווען אויף אַ וועג. אַך, ווען זי וואָלט נאָר איינגעשטימט צו קומען צו אים אַן אָוונט, אין זיין באַזונדער צימער, מיט דעם באַזונדער אַריינגאַנג, אויף דער אייזן־גאַס...

נאָר דאָס האָט זי נישט געוואָלט בשום אופן.

— ווי קאָן איך אייך געטרויען, אַז איר, מענער, זענט אַזוי פאַרדאָרבן?... איר זענט טאַקע אַן אינטעליגענטער מענטש, ירחמיאל, אָבער אַז מיר וועלן זיין אַליין, וועט איר פאַרלירן אייער אינטע־ליגענץ. עס וועט זיך אין אייך אויפוועקן די חיה אין מענטשן, און איר וועט נישט קענען באַהערשן אייער ליידנשאַפט.

ירחמיאל האָט זי געמוסרט, אַלמאַי זי טרויט אים נישט אין זיינע ברידערלעכע געפילן צו איר; אַלמאַי זי איז נאָך אַזוי אָפגע־שטאַנען און פאַרשקלאַפט פון די מענטשלעכע פאָראורטיילן; אַלמאַי זי גלויבט אים נישט, אַז ער קוקט אויף איר נאָר ווי אַ מענטש און נישט ווי אַ פרוי, און זוכט נישט קיין קערפערלעכן גענוס; אַז ער ליבט איר נשמה און בלויז איר נשמה; און אַז צווישן זיין נשמה און איר נשמה ציען זיך אונזיכטיקע סטרונעס, וואָס קלינגען אין איין קלאַנג מיט זייערע הערצער א. אַז. וו.

און נאָך האָט ער גערעדט מיט אַ טאָן פֿון טיפֿער באַליידי־
קונג: אַלמאַי זי וויל נישט אַרויפֿקומען צו אים אין זיין איינזאַמען
„געצעלט” אויף דער אייזן־גאַס, צו טיילן מיט אים זיין איינ־
זאַמקייט און פֿאַרטרייבן דעם שווערן יוגנט־שמערץ, וואָס דריקט
זיין נשמה.

זי אָבער איז גרייט געווען צו טיילן זיך מיט זיין איינזאַמ־
קייט אויף דער גאַס און נישט אין צימער. ער האָט אָבער געטענהט,
אַז די הויפּט־איינזאַמקייט כאַפּט אים אָן אין זיין צימער, און אַז
בלויז זי און נישט קיין אַנדערער „קאָן זיין ווייטאָג פֿילן און
זיין שמערץ פֿאַרשטיין”, ווי עס שטייט געשריבן ביי פּרצן.

ענדלעך האָט ער געזיגט.

דאָס מיידל האָט איינגעשטימט. מאָרגן אין אָוונט — האָט זי
פֿאַרשפּראָכן — וועט זי אַרויפֿקומען צו אים אין זיין איינזאַמען
געצעלט, אויף דער אייזן־גאַס אָפּצורוען די נשמה און שטילן
זיין נשמה־שמערץ.

דאָס פּראָגראַם פֿון מאָרגנדיקן וויזיט האָט באַדאַרפֿט זיין
אַזאַ: מאָרגן, האַלב זיבן פֿאַרנאַכט, באַדאַרף ער איר אָפּ־
וואַרטן ביי דער פּראַצאָווניע אויף דער ברייטער גאַס. פֿון
דאָרטן גייען זיי ביידע אין אַ מילכיקן רעסטאָראַן אויף וועטשערע.
נאָך דער וועטשערע גייען זיי ביידע אין יידישן טעאַטער און
פֿון טעאַטער גייען זיי ביידע צו אים אַהיים אין זיין איינזאַמ־
צימער, כדי צו טיילן זיך מיט די געפֿילן און אָפּרוען מיט די
נשמות.

ירחמיאל איז צעגאַנגען פֿאַר נחת. יעדע מינוט, ווען ער
פֿלעגט זיך דערמאָנען אָן דעם פֿאָרשטייענדיקן גליק, פֿלעגט זיין
האַרץ אַ טיאָך טאָן פֿון פֿרייד. אין שפּאַנענדיקער דערוואַרטונג איז
דער טאָג אַריבערגעפֿלויגן. האַלב זיבן איז ער שוין געשטאַנען ביי
איר פּראַצאָווניע אַ שיינענדיקער, אַ גליקלעכער, וואָס זיי האָבן זיך
גטראָפֿן. אין רעסטאָראַן איז ער געווען פֿול מיט צערטלעכקייט און
אַ דערגעגעבנקייט גאָר אָן אַ גרענעץ. ער האָט איר געשמירט זעמל
מיט אַ דיקן שיכט פּוטער, צוגעוואָרפֿן איר אַלע ווייַלע מער מיט
אַ שטיקל הערינג, געלייגט איר צוקער אינם טיי. מיט איין וואָרט־

— ער איז געווען גרייט אויף דעם גרעסטן אָפּפער. אַפילו מיט די קעלנער האָט ער גערעדט גאָר מיט אַ מאָדנעם קול, אַזאַ זיסן, אַזאַ פריינטלעכן.

— גיט מיר, מיין ליבינקער, אָט די זאַלץ פון יעבם טישל.

נאָך דער וועטשערע איז מען געגאַנגען אין טעאַטער. אויפן וועג האָט ער איר געקויפט אַ באָמבאָניערקע אין אַ צוקערניע (דאָ קאָסט עס ביליקער איידער אין טעאַטער, כמעט אַ העלפט געלט).

אין טעאַטער איז געגאַנגען אַ מעלאָדראַמע „די פאַרפירטע”. אין ערשטן אַקט, אַזוי גלייך ווי דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהייבן, האָבן זיי דערזען אַ גאָרטן. לעבן אַ בוים שטייט אַ מיידל פון אַ יאָר 20, וואָס ווערט איבערגערעדט פון אַ בחור אַ סטודענט. דער בחור איז זייער אַ סימפּאַטישער און ער רעדט אָן דאָס מיידל, אַז זי זאָל גיין צו אים אַהיים אין זיין איינזאַמען צימער.

— אָ, נעלי! — האָט דער בחור גערעדט, אויסשטעלנדיק אַ פוס פאָרויס און אַוועקלייגנדיק די האַנט אויפן האַרצן. — איך האָב געוואַרט אויף דיר!.. פאַרוואָס פייניקסטו מיך?! קום, קום צו מיר, צו פאַרזיסן מיין עלנטן פיין און שטומע ליידן!..

און ער פאַרזיכערט איר, דער בחור, אַז ער קוקט אויף איר, ווי אויף אַן אומבאַפלעקטן ענגל, ווי אויף אַ ספר־תורהלע. דאָס מיידל ענטפערט:

— אָ, וואָס זאָל איך טון? גאָט מיינער! גיב מיר כוחות! און לאָזט זיך גיין מיט אים.

דער צווייטער אַקט שטעלט פאָר אַ צימער אין נעליס הויז. נעלי ליגט אויף דער אָטאָמאַנע און וויינט מיט גרויס פאַרצווייפלונג... עס קומט אַריין די מוטער. די מוטער וויל וויסן די סיבה פון איר טאָכטערס פאַרצווייפלונג — אָבער זי קען גאָרנישט דערגיין. פלוצלונג ברעכט אויס נעלי אין אַ היסטערישן געוויין: „מאַמע, איך בין פאַראומגליקט!” די מוטער וואַרפט אַ דורכדרינגענדיקן בליק אויף נעליס בויך און ברעכט אויס אין אַ יאָמערלעכן געשריי: „טאָכטער! טאָכטער! וואָס האָסטו געטון! ווער איז

דיין באַטריגער?!" אויף דעם געשריי קומט צו לויפן דער פּאַטער און טרייבט אַרויס די טאָכטער פון שטוב. ענדע צווייטער אַקט.

דריטער אַקט — אין שפּיטאָל. מען פירט אַריין אַ קראַנקע, אָפּגעריסענע גאַסן־מיידל. דאָס מיידל איז שווינדזיכטיק, דאָס מיידל רויכערט, הוסט, רעדט, וויינט און לאַכט זייער חוצפּהדיק. עס קומט אָן דער דאָקטאָר אין אַ ווייסן כאַלאַט מיט אַ שוואַרץ בערדל, ווי ביי ירחמיאלן, מיט אַזעלכע ראָזע ליפּן און כמעט אַזאַ צאַרטע שטימע. זיי קוקן זיך אַ ווײַלע אָן און דערקענען זיך ביידע. זי דערקענט אין אים איר פאַרפירער, און ער אין איר — זיין קרבן. אַ האַרצרייסנדיקע סצענע. זי שרייט: „דו פאַרדאָרבענער מאַנספּערשוין! דו באַטריגער אין מענטשן־געשטאַלט!"... ער שרייט: „נעלי, נעלי! איך לייד פון געוויסנסביסע!"... זי לאַכט: כאַ־כאַ־כאַ! — און שטאַרבט אין זיינע אָרעמס. פאָרהאַנג.

חוהס אויגן זענען געווען פול מיט טרערן. ער האָט געקוקט אויף איר פאַרטרויערט פּנים און דער צער האָט זיך אים אַריבערגעטראָגן: ער האָט געפילט, אַז דאָס דערוואַרטע גליק גליטשט זיך אַרויס... שטילשווייגנדיק און טרויעריק האָט ער איר אָנגעטאָן דעם מאַנטל. זיי זענען אַרויס פון טעאַטער, ווי פון אַ מתים־שטיבל. ער האָט איר געהאַלטן אונטערן אָרעם און ווי אַ געדאַנקען־טרעפּער, וואָס האַלט ביים האַנט, האָט ער נאָכגעשפּירט, ווהין אירע טריט ווענדן זיך... טאָמער? נאָר ווײַ! אירע טריט האָבן געצויגן נישט צו זיין היים, נאָר צו איר היים... שטיל, טרויעריק האָט ער איר אָפּגעפירט צום טויער, אָנגעקלונגען, טרויעריק זיך צעזעגנט און טרויעריק האָבן זיינע ליפּן געמורמלט:

— און דאָס גליק איז דאָך געווען אַזוי נאָנט...

---

די מאָראַל פון דער געשיכטע: אויב איר האָט אַ מיידל און איר גייט מיט איר אין טעאַטער, זאָלט איר פריער געוואָר ווערן, וואָס פאַר אַ שטיק מען שפּילט.

# דער ייד, וואָס האַלט אין איין פאָרן

## ער פאָרט קיין אַמעריקע.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך אים באַגעגנט אין „היאַס". אַ צעטראָגן יידל, אַ קליינס, אַ דאַרס, מיט אַ פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט עטלעכע פאַכן און פראָפעסיעס מיטאַמאָל. דער שטערן פון אַ כלי־קודש, נאָז און מויל פון אַ בעל־מלאכה און דאָס בערדל פון אַ יורדישן סוחר. דאָס גאַנצע גופל איז אומגעגאַנגען ווי אויף רעדלעך. די הענט האָבן געשוועבט, די אויגן — געבלאָנדזעט, דאָס היטל פאַרפאָרן רעכטס, דאָס האַלדזטיכל — לינקס, און דאָס בערדל — לארבע רוחות. אַלץ איז געגאַנגען כאַדאָראָם...

איך האָב זיך מיט אים צונויפגערעדט און געפרעגט, וואָס ער טוט דאָ. ער האָט אַ פאָר געטאָן מיטביידע הענט, ווי מיט אַ פאָר פליגלען פון אַן אעראָפּלאַן און מיט אַ לשון, וואָס לויפט גאַלאָפּ, האָט ער געזאָגט:

— מען פאָרט!.. איך פאָר, פאָרן, פאָרן און נאָר פאָרן!.. אַזאַ מענטש בין איך. איך האַלט בישט פון דעם פסוק "אשרי יושבי ביתך", אַ ייד דאַרף פאָרן.

— וווהין־זשע פאָרט אַ ייד?

— וווהין פאָרט אַ ייד? — קיין אַמעריקע. איך רעכן, אַז אי"ה תיכף היינטיקן שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, זאָל איך אַ פאָר טאָן קיין אַמעריקע דורך דאַנציג. און פון דאָרט גלייך קיין

נעוו־יאָרק. אפשר ווייסט איר, ווען גייט אָפּ אַ צוג קיין נעוו־יאָרק, מיין איך דאַנציג? און אפשר וועל איך פאָרן דורך שערבורג, און דאַן פאָר איך מיר דורך טשעכאָסלאָוואַקן און קרים און פּאַריז, און פריינקרייך. איר מיינט, אַז פראַנקרייך איז שלעכט? ס׳איז אָבער אַ צרה, וואָס פראַנקרייך איז אַ לאַנד, ווי אַ גענעץ. נישטאָ וווּ אַ קער צו טאָן זיך, נישטאָ וווּ אַ פּאָר צו טאָן זיך. ווי קומט עס צו אַמעריקע. ווערט מיר נמאס נעוו־יאָרק, גיב איך מיר אַ שפּרונג קיין טשיקאַגאָ, ברוקלין אָדער צינצינאַטי, בראָנקס אָדער באַלטימאָרע. אָדער איך גיב מיר אַ פלי קיין פילאַדעלפיע, אָדער איך גיב מיר זיך אַ האַצקע קיין סאַמע קאַליפאָרניע... פאַר מיר איז קאַליפאָרניע ווי אַנגעמאָסטן. מיין קלימאַט און מיין נאַטור. היינט די טייכן מיט די בערג, מיט די סעדער, מיט די גערטנער — גן־עדן־התחתון — איר האָט עס געמעגט אָנקוקן. איך ווייס גאָר־נישט, ווי לעבט עס אַ מענטש ערגעץ אַנדערש און נישט אין קאַ־ליפאָרניע.

— זענט איר שוין אַמאָל געווען אין קאַליפאָרניע?

— חלילה, דערוויל ווין איך אין וואַרשע, אויף דער שמאָלער מילע־גאַס, טויער נומער 37, טיר נומער 49. נאָר ווען איך גיב אַ פאָר קיין אַמעריקע, וואָלט איך נאָר געפאָרן קיין קאַלי־פאָרניע, פּשוט דערפאַר, ווייל מען קאָן פון דאָרט אַ פּאָר טאָן קיין מעקסיקע און קיין קובאַ, ווענעצועלע און טאַקע אין סאַמע יאַפּאָניע אַריין. וואָרים עס איז דאָך מיט די הענט צו דערלאַנגען. איר מיינט, אַז יאַפּאָניע איז אַ שלעכט לאַנד? אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ לעבן מען קאָן דאָרט מאַכן פון רייז, קוקורוזעס און כאַרי־קירי... ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס דאָס לאַנד האָט נישט קיין ים, מחמת יאַפּאָניע איז לויטער אינדזלען. איך האָב פיינט אַ לאַנד אָן אַ ים. יעדעס לאַנד מוז האָבן אַ ים, אַ נישט איז עס גאָרנישט ווערט. און דערפאַר פאָר איך טאַקע קיין אַמעריקע, וואָרים איך אויפן ים בין ווי ביי זיך אינדערהיים, טאַקי ווי אויף דער יבשה. און אַ שיף איז מיין לעבן. דאָס שיף גייט זיך איבערן ים, די כוואַליעס שלאָגן הימל און וואַסער, שטורם, שרעקלעכע ים־פיש יאָגן דיך נאָך איינצושלינגען און די וואַסער־מיידלעך זינגען. אַ

בס, וואָס די מוזיק שפּילט אויפן שיף. אויף יעדן שיף שפּילט די מוזיק, כדי צו פאַרטריבן דאָס געזאַנג פון די וואַסער-מיידלעך, וואָס ווילן דיך פאַנגען אין די אָפּגרונטן פון ים...

— זענט איר שוין אַמאָל געפאָרן מיט אַ שיף?

— דערווייל נאָך נישט, איך בין בכלל נאָך נישט געפאָרן. דערווייל בין איך געפאָרן מיט אַ טראַמוויי, נאָר איך האָב זיך גענוג באַכגעפרעגט און אָנגעהערט זיך... נו, האָט מיר קיין פאַריבל נישט. איך האָב קיין צייט נישט מיט אייך צו ברייען. איך האָב פאַר זיך אַזאַ וועג! עס פעלט נאָך מיר אַ פּאַס, אַ וויזע, אַ שיפס-קאַרטע און געלט. אַ וואַליזע האָב איך שוין. איך ווייס שוין אַלצ-דינג. איך דאַרף נאָר אויסגעפינען, ווען גייט אָפּ דער צוג פון נעוו-יאָרק קיין טשיקאַגאָ?.. נו, האָט מיר אַ גוטן אי"ה. אין צוויי וואָכן אַרום וועל איך שוין זיין דאָרט, ווייט, אין דער גאָלדענער אַמעריטשקע. אַדיע...

ער האָט אַ פּאָך געטאָן מיט זיינע הענט ווי אַ ווינט-מיל און איז פאַרשוווּנדן.

## ער פאָרט קיין ארץ-ישראל.

אַ צווייט מאָל האָב איך אים געטראָפן אין פאַלעסטינע-אַמט. דערזעלבער מיט דיזעלבע צעטראָגענע העויות און צעפאָרענעם פּנים. איך האָב אים אָפּגעשטעלט.

— וואָס מאַכט איר עפּעס, ר' ייד? וואָס טוט איר דאָ? איר וענט, דאַכט זיך, געוועז אין אַמעריקע?

— אין אַמעריקע? אַזש פאַרברענט האָט זי געמעגט ווערן, איידער מיר האָבן זי דערקענט. האָסטו געהערט? צאָלט מיר צו, איך זאָל אַהין פאָרן. בפרט, אַז מען לאָזט נישט אַריין, קוואָטעס, מיט גזירות, כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער! איך פאָר קיין ארץ-ישראל פאָר איך. אַ ייד דאַרף פאָרן קיין ארץ-ישראל. צו דער מוטער ציון ווירושלים. העלפן בויען אונדזער נאַציאָנאַלע היים. בפרט נאָך, אַז דאָס לאַנד איז געוואָרן אַ לאַנד, מיט „תצרת הארץ"

מיט קאָלאָניזאַציע און רוטענבערג - עלעקטריזאַציע און רויטשילדס מצה... פאָר איך טאַקע. איר פאָר דורך קאָנסטאַנץ און פון דאָרט גלייך קיין בריגדזי, מצרים, ים - המלח, קאַירא, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַלזשיר, אַפריקע און די פּיראַמידן. פון די פּיראַמידן אין די דאַרדאַנעלן אַריין און פון די דאַרדאַנעלן גלייך קיין יפו. און דאָרט האָב איך אַ ברירה: וויל איך, בלייב איך אין יפו און האַנדל מיט אתרוגים און פּאָמעראַנצן און מיט קאַקטוסן. און וויל איך, גיב איך מיר אַ פּאָר קיין תל - אביב, ווער אַ שרייבער און שרייב קאָרעספּאָנדענציעס מיט מאמרים אויף די צייטונגען... און אַז איך וויל גאָר, פאָר איך אַריין אין עמק און קויף מיר אַ נחלה מיט אַ „גזוז” אָט דאָ, איר זעט? קוקט דאָ אויפן האַנט... אָט איז דער הר הכרמל און אָט איז דער עבר הירדן. באַזעץ איך מיר דאָ צווישן, פלאַנץ אַ וויינגאָרטן און קוועטש מיר וויינטרויבן. דער עיקר, מען דאַרף פאָרן. איך דאַרף נאָר באַקומען אַ דרישה, אַ פּאַס, אַ וויזע און 500 פונט צו ווייזן. אַ וואַליזע האָב איך שוין... ווייסט איר נישט, ווען גייט אָפּ אַ צוג פון אַלעקסאַנדריע של מצרים קיין שכם? מען מוז עס אויסגעפינען... האָט מיר אַ גוטן. אויפן באַן וועט איר מסתמא זיין. קומט, וועלן מיר זינגען „התקוה”... איך באַדאַרף נאָר אָנשרייבן אַ געזעגנונגס - גראַטולאַציע אין די צייטונגען. געלויבט צו גאָט, אַ ייד פאָרט קיין ארץ - ישראל להתראות.

ווידער האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, ווי מיט צוויי פליגלען און איז אַנטלאָפן.

## ער פאָרט קיין אַרגענטינע.

דאָ נישט לאַנג האָב איך אים ווידער באַגעגנט אין איינער פון די עמיגראַציע - געזעלשאַפטן.

— אַ קענטלעכער ייד, — האָב איך געזאָגט צו אים, — דאַכט זיך, אַז איר זענט געווען אין ארץ - ישראל?

— זענט איר געווען אין ארץ־ישראל? — האָט ער מיך
צוריק געפרעגט מיט אַ שאלה.
— ניין. איך בין נישט געווען אין ארץ־ישראל, — האָב
איך געענטפערט.
— און איך בין אויך נישט געווען אין ארץ־ישראל, — האָט
ער געזאָגט — משמעות, אַז אַנדערע צוויי יידן זענען דאָס געווען
אין ארץ־ישראל... איך, ווי איר קוקט מיך אָן, פאָר קיין אַר־
גענטינע. ארץ־ישראל קאָן נאָך נישט אויפנעמען אַלע יידן. און,
אַגב, איז דאָרט יעצט אַ שטיקל קריזיס, מוז מען פאָרן ערגעץ אַנ־
דערש־ווו. אַרגענטינע איז אויך אַ לאַנד און דוקא אַ שאַרף
לאַנד. אַ קלייניקייט, אַרגענטינע מיט אירע תבואות! די גאַנצע
וועלט שפּייזט זי דאָך מיט איר ברויט. וועט זי מסתמא פאַר מיר
אויך האָבן אַ שטיקל ברויט... ס'איז אַפילו אַ שפּאָר־ביסל ווע־
צו פאָרן. נאָר פאַר מיר איז וואָס גרעסער דער וועג, אַלץ בעסער
צו פאָרן, ווייל בעצם בין איך אַ פאָר־מענטש. פאָרן איז מיין
נאַטור, מיין מהות... ס'איז נאָר נישט גוט, וואָס אויפן וועג קיין
אַרגענטינע באַדאַרף מען זיך אַלע ווייל אָפּשטעלן: אַלע רגע אַ
סטאַציע. עס ווערט נמאס און מאוס — שפּאַניע, ראָטערדאַם, אַמ־
סטערדאַם און נאָטערדאַם, פּאָרטוגאַל מיט דער אינקוויזיציע, און
ריגע און דרוזגעניק, אַ חוץ די וויספּעס דאָרט מיט די גאַנצע אינדז־
לען און מיט די האַלב־אינדזלען און פערטל־אינדזלען, מיט די
אינדזלען פון די קאַנאַריקעס... און איך האָב פיינט, אַז מען שטעלט
זיך אַלע ווײַלע אָפּ. אַז פאָרן, זאָל זיין געפאָרן... אָבער דאָס לאַנד
אַליין איז אַ מחיה. אַרגענטינע האָט ליב עמיגראַנטן. אַרגענטינע
וואַרט אויף אַן עמיגראַנט ממש, ווי אַ פרומער ייד אויף משיחן.
קומט אַן עמיגראַנט, באַגעגנט אים די מומע יק"א, דער פּוילישער
„אגודת אחים", די קאָאָפּעראַטיוון. קומט די פירמע „משה מאָנטע־
פיאָרע" און פאַרבעט אים אין איר ווילע; קומט די פירמע „באַ־
דאָן הירש" און פאַרבעט אים אין איר ווילע; און ווערן דיר
נמאס ביידע פירמעס, פאָרסטו זיך אַוועק אין דער קאָלאָניע בוי־
נעס־איירעס און ווערסט אַן ערד־אַרבעטער אין אַ פאַבריק
אָדער דו כאַפּסט און גיסט אַ שפּרונג קיין בראַזיליע, פון בראַ־

זיליע גיסטו אַ פּאָר קיין פּערו אָדער, ווי הייסט עס דאָרט, טשילי, פון פּערו — טשילי גיסטו אַ פלי קיין פּאַראַגוויי דורך או־ראָגוויי... שטייט־זשע, איך האָב שוין פאַרגעסן, צי ליגט אוראָ־גוויי אויפן וועג דורך פּאַראַגוויי, אָדער פּאַראַגוויי אויפן וועג דורך אוראָגוויי?.. מען וועט עס דאַרפן דאָרט אַ פרעג טון... בו־האָט מיר אַ גוטן. נישטאָ קיין צייט צו ברייען. מען שטייט אויפן וועג. איך באַדאַרף נאָך עפּעס דערלעדיקן. איך דאַרף לויפן אין צירקל אַריין אַרויסצונעמען אַ „וויטשאָנג" אויף אָנצוגעבן אַ ביטע אויף אַרויסצעבאַקומען אַ קוואַליפיקאַציע אויף צו אָנגעבן אַ ביטע אויף אַ זאַגראַניטשני פּאַס מיט די וויזעס קיין בראַזיליע, טשילי, פּאַראַגוויי, אוראָגוויי. אַ שאָד, וואָס איך ווייס נישט, צי ליגט פּאַ־ראַגוויי אויפן וועג קיין אוראָגוויי, אָדער פאַרקערט. מחמת איך דאַרף עס וויסן, וווהין צו נעמען אַ שטענדיקע וויזע און וווהין אַ טראַנזיט־וויזע. קאָנט איר מיר נישט זאָגן, ווען גייט־אָפּ אַ צוג פון ריאָ דע זשאַנייראָ קיין פּאַראַגוויי? ניין? אַדיע!

און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַזאַ בהפזונדיקייט, אַז עס האָט מיר אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן און — ואיננו!

## ער פאָרט קיין אויסטראַליע.

די טעג האָב איך אים געטראָפן אויף דער גאַס. ער איז געלאָפן מיט אַ שנעלקייט פון אַן עקספּרעס־צוג. איך האָב אים אָפּגעהאַלטן און געפרעגט:

— וווהין לויפט אַ יוד?

— לאָזט מיך, איך האָב קיין צייט נישט. איך פאָר קיין אויסטראַליע.

— און ווען זענט איר געקומען פון אַרגענטינע?

— וואָס אַרגענטינע, ווען אַרגענטינע? בעט ביי מיר אַ שמעק־טאַבאַק פאַר דער גאַנצער אַרגענטינע! געווען אַמאָל אַ לאַנד, היינט — אויס לאַנד! האָט אויך אָנגעהייבן מאַכן שוועריקייטן. צאָלט מיר צו, איך זאָל פאָרן אַהין. איצט פאָר איך קיין

אווסטראַליע. דאָס איז אַ לאַנד! יונג און פריש, בלוט און מילך. דאָס לאַנד בעט זיך רחמים, מען זאָל אַהין פאָרן. און אַז אַ לאַנד בעט זיך, קאָן מען קיין חזיר נישט זיין און מען מוז פאָרן, בפרט נאָך, אַז איך בין אַ געבוירענער פאָרער... ווער מיר גוטס גינט, זאָל פאָרן קיין אווסטראַליע. אַ שמאַלץ-גרוב. וואָס זאָג איך אַ שמאַלץ-גרוב, אַ גאָלד-גרוב. אויף יעדן שריט — גאָלד-גרובן, מיט בריליאַנטן-גרובן, מיט דימענטן און איידל-שטיינער... אמת, דער קלימאַט איז דאָרט נישט אַזוי ווי ביי אונדז אין קאַליפאָרניע. אין מאַנכע ערטער דערגרייכט די היץ ביז 40 גראַד אין שאָטן, נאָר ווער הייסט מיר זיצן אין שאָטן?... דערפאַר אָבער, וואָס איז ווערט דער וועג אַהין? קיין עין הרע, 48 מעת לעת רייזע. מען פאָרט און מען פאָרט און מען פאָרט, ס'איז אַ מחיה! דאָס שיף גייט ים-איין, ים-אויס, פון ים הקרח צום שוואַרצן ים, פון שוואַרצן ים צום באַלטישן ים, פון באַלטישן ים צום ים-סוף, ביז דו קומסט אין סאַמע אווסטראַליע. דאָ קומט די ענגלישע רעגירונג און דערלאַנגט דיר די פעטע הלוואה און דו הייבסט אָן בויען הייזער. איין הויז נאָכן אַנדערן, איין הויז נאָכן אַנדערן. אַ גאַנצן קוואַרטל הייזער און דו לעבסט פון דירה-געלט. ווערט דיר מיאוס דאָס שטאָטישע לעבן, פאָרסטו אַוועק אין דער קאָלאָניע סידניי אָדער מעלבורן און פאַרנעמסט זיך מיט האָדעווען פי, רינדער, אָקסן און, דער עיקר, שעפּסן. האָדעוועסט שעפּסן און דו שניידסט שעפּסן-וואָל. נעמסטו אַ פאַרטיע שעפּסן-וואָל און פאָרסט זיך דורך קיין ביאַליסטאָק אָדער לאָדז... אָדער דו דינגסט אָפּ אַ פלאַץ און פאַרזייסט אַ גאָרטן מיט וואַטע-ביימער. שניידסט וואַטע און פירסט קיין סיביר, קאַנאַדאַ, פינלאַנד אָדער גאָר צום סאַמע נאָרד-פּאָל. אַ', וואָס פאַר אַ טייער לאַנד דער נאָרד-פּאָל.

— האָט איר שוין אַמאָל געוווינט אויפן נאָרד-פּאָל? — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.

— לעת עתה נאָך נישט. לעת עתה וווין איך אויף דער שמאָלער מילע-גאַס, טויער נומער 37, טיר נומער 49... נו', נעמט נישט פאַר אומגוט, דאָט מיר און זייט מיר. איך האָב זיך מיט אייך פאַרשמועסט, און איך האָב נאָך אַזוי פיל אַרבעט. איך

באַדאַרף זיך נאָך איגפאָרמירן, ווי מען מאַכט דעם פּאַס אויף אַזאַ רייזע, און נאָך געלט באַדאַרף איך באַקומען, 500 פונט לענדיק געלט. אַ וואַליזע האָב איך שוין. קאָנט איר מיר נישט זאָגן, ווען גייט אָפּ דער צוג פון באַרצעלאָנאַ קיין מעלבורן? ביין? טאָ האָט מיר אַ גוטן.

ער האָט אַ מאַך געטון מיטביידע הענט און איז אַנטלאָפן, ווי אַ זעגל-שיף, געיאָגט פון אַ שטורעם-ווינט.

## פון שול — אין „קאָזע".

אַז אברהם שמחה דער דרדקי-מלמד פון שמינקעוויטש איז געקומען נאָך ראש-השנה צוריק אַהיים, האָט ער שבת-תשובה אין שול, נאָכן דאַוונען, דערציילט פאַר די שמינקעוויטשער ייִדן פאָלגנדיקע געשיכטע, וואָס איז מיט אים פאַרלאָפן אין וואַרשע.

— הערט איר, ייִדן! — האָט ער געטענהט. — איר זאָגט דאָך, אַז קיין שדים זענען שוין גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, און קיין רוחות מיט נישט-גוטע זענען שוין היינט נישט בנמצא — מוז איך אייך זאָגן, אַז איר האָט, במחילה, אַ גרויסן טעות. זיי זענען פאַראַן. איר פאַרשטייט, זיי זענען בנמצא און דווקא שטאַרק בנמצא. און נישט נאָר אין די קליינע שטעטלעך, נאָר אַפילו אין די כרכים, אַפילו אין סאַמע וואַרשע.

אַ טשיקאַווע געשיכטע. עס איז דאָך כדאי דאָס אַרויפ-צושטעלן אויף די בלעטער, ווי איר זעט מיך אַ ייִדן. הערט-זשע אַ מעשה.

ווי איר ווייסט, האָב איך הייַנטיקן ראש-השנה געמוזט זייַן אין וואַרשע, מחמת תיכף אויף מאָרגן פרי נאָך יום-טוב האָב איך געמוזט זייַן אין סאָנד. געהאַט אַן עסק מיט אַ משפט. מען האָט מיך געשטעלט פאַר אַן עדות, האָט מען מיך געשטעלט, אָט אין דעם משפט צווישן אונדזערע באַלעבאַטים די שותפים פון ציגעלניע בלך ליפשיץ און זאַנוול מויבעס.

פאָרן מיר אַלע דריי און קומען - אָן קיין וואַרשע אום סאָ-מע ערב ראש - השנה אין דערפרי. פאַרפאָרן מיר אַלע אויף איין אכסניה.

מילא, זיי זענען דאָך גבירים, די אַריסטאָקראַטן, וועלן זיי גיין אין קאָר - שול, דאָרט אויף בילעטן הערן דעם קאָר - חזן מיט דער קאַפּעלע. איך אָבער וועל דאָך אין קאָר - שול נישט גיין. גיי איך מיר אַרויס אין גאַס אַריין אויפזוכן אַן אָרט ערגעץ וווּ צו דאַווענען בציבור. אַ בית - המדרש, אַ שטיבל, ציִ, לכל הפחות, אַ מנין.

דריי איך זיך אַרום אַזוי איבער די גאַלעווקעס, קוק אַהין, קוק אַהער, טאָמער וועל איך דערזען ערגעץ אַן אָנגעקלעפּט קוויטל: „בכאן פאַרדינגט מען ערטער צום דאַווענען” אָדער „לשמוע אל הרנה ואל התפלה במקח השוה”. איז ווי איך שטעה אַזוי, קומט צו מיר צו אַ יונגערמאַן און פרעגט מיך, וואָס זוך איך. זאָג איך אים, אַז איך זוך עפּעס אַ מקום קדוש צו דאַווענען. זאָגט ער: „פעטער, קומט מיט מיר, איך וועל אייך געבן אַן אָרט צו דאַווענען, וועט איר הנאה האָבן”.

און ער זעצט מיך אַריין אין אַ דראָזשקע און פירט מיך צו צו אַ גרויסן מויער פון כמה שטאָק, און ער זעצט מיך אַריין אין אַזאַ שאַפע, פאַרשליסט מיך אויף צוויי טירן און מיר הייבן אָן זיך הייבן אַרויף! עס איז מיר פרחה נשמתי געוואָרן. און די שאַפע הייבט זיך, הייבט זיך, איך האָב געוואָלט מאַכן געוואַלד, האָט מיר אָפּגענומען דאָס קול. עס איז מיר דאָס גאַנצע חיות אַריינ-געפאַלן אין פיענטע. איך האָב דערפילט, ווי אַרום האַרץ איז מיר געוואָרן קיל.

ביז׳ ענדליך, די שאַפע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער עפנט די טירלעך און מיר גייען אַריין אין אַ קאָלידאָר און פון קאָליד-דאָר גייען מיר אַריין אין אַן אמתער יידישער שול. אָבער טאַקע אַ שול כדבעי, גאָר לייטיש, מיט אַ שיינעם אָרון - קודש, מיט אַ פרוכת, מיט אַ מגן - דוד. אַ שיינע שאַנק מיט ספרים. אַ מעשע-נער הענג - לייכטער הענגט אויף דער סטעליע, און אַ בעלעמער מיט אַן עמוד, מיט אַ שיינעם אויסגעקלאַפּטן „שויתי” און אַ האַנטפאַס

אפילו מיט אַ האַנטוך. אַ שול, זאָג איך אייך, אַן אנטיקל. אַן אמתער מקום קדוש.

פרעג איך, וויפל וועט דאָ קאָסטן איבערצודאַוונען דעם ראש=השנה? זאָגט ער: גאָרנישט. פרעג איך: סטייטש? זאָגט ער: אַזוי איז עס. אַדרבה — זאָגט ער — מען וועט, זאָגט ער, נאָך מיר צוצאָלן. זאָג איך: אפשר מיינט איר, אַז איך בין אַ בעל=תפילה? — האָט איר אַ טעות. איך בין אַפילו נישט קיין בעל=תקיעה און נישט קיין בעל־קריאה, נאָר אַ פשוטער ייד, וואָס וויל דאַוונען. זאָגט ער: עס מאַכט נישט. מען וועט מיר נאָך געבן, זאָגט ער, אַ גוטע וועטשערע מיט געגדזנס, מיט משקה, מיט אַ שיינער אַ מוציא מיט האָניק, נאָר בתנאי, איך זאָל זיך תיכף זעצן ביים טיש לערנען.

— לערנען, — זאָג איך, — אַך, מיטן גרעסטן כבוד. לערנען אַ ביסל ערב ראש=השנה — מהיכא תיתי, בפרט נאָך, אַז מען קריגט דערפאַר געצאָלט. ווי זאָגט איר, מצא שכרו בצדו, שוין שכר אויף דער וועלט

און איך טראַכט ביי זיך: וואָס קאָן דאָ זיין? מסתמא אַ חולה, אַן אָבל, אָדער סתם עפּעס אַ גרויסער עושר, וואָס האָט זיין אייגן בית=המדרש און האַלט אויס לערנער.

און ער זעצט מיך אַוועק ביי אַ הילצערנעם טיש, וואָס אין פאַרשמאָלצן מיט חלב, ביי אַ גרויסער גמרא. איך כאַפּ אַ קוק. אַרום מיר זיצן, אָן עין הרע, ביים טיש נאָך יידן מיט שיינע בערד און פיאות. למדנים, בכבודיקע יידן און אָרעמע יידן אין שטריימלעך, קאַשקעטן, יאַרמעלקעס און טלית־קטנס. אַלע זיצן ווי איבער גרויסע ספרים און לערנען, און שאָקלען זיך און שמעקן טאַבאַק. דאָרט, ביים עמוד, זע איך, שטייט גאָר אַ שאַרפער לערנער, קענטיק — אַן עלוי און לערנט מיט גרויס התמדה און עמקות. און דאָרט, אין ווינקל, לויפט אַרום עמעצער מיט גרויס דבקות און גלאָצט מיט די אויגן. קענטיק — אַ בעל־מקובל. און אַ שמש גייט אַרום און לייגט צונויף טליתים און שנייצט די ליכט אין די הענגלייכטער, און אין ווינקל, ביים אויוון, זיצט זיך אַ מוכר־ספרים, אַ פאַקנטרעגער. פאַקעוועט זיינע ספרים און בינדט צונויף פעקלעך

מיט ציצית. געפעלט מיר דער עסק, געליבט דער אויבערשטער, ער האָט מיר צוגעשיקט אויף ראש־השנה דעם אמתן מקום קדוש צום דאַווענען. ער האָט מיר צוגעשיקט מיין סביבה, מיינע לייט.

און אַזוי כּלאחר יד כאַפּ איך אַ קוק אַ ביסל ווייטער אויף יענעם עק בית־מדרש און עס ווערט מיר קשה. דאָרט, אין יענער זייט, איז דער בית־מדרש — אויס בית־מדרש. נאָר אַ פּשוט וואָכעדיקע שטוב, אָנגעשטעלט און אָנגעוואָרפן מיט ברעטער, לייטערס, דרענגער און אַנדערע חפצים. די ווענט פאַרהאָנגען מיט כּלערליי מלבושים און אַלערליי מטלטלים און מכשירים און קלאַפּערגעצייג. אויף דער פּאָדלאָגע שטייען עמערס פאַרב מיט באַרשטן... רבונו של עולם! ווער ווינט עס דאָ? אַ שניידער — נישט קיין שניידער, אַ סטאָליער — נישט קיין סטאָליער, אַ פאַרבער — נישט קיין פאַרבער. און פאַרשוינען דרייען זיך דאָרט אַרום — שוין גאָר אַנדערע פאַרשוינען: גלוחים מיט קורצע מאַרינאַרקעס און גאָר אָן מאַרינאַרקעס, מיט קאַפּעלושן און בגלוי ראש. און זיי האַווען און שמייען און פּאָרען זיך עפּעס, ווי אויף אַ חתונה פון נישט־גוטע און נקבות דרייען זיך דאָרט אויך אַרום. טייל אין שייטלען, טייל ווי חצופות. אַ טשיקאַווע געשיכטע — טראַכט איך — איין שטוב: פון איין זייט אַ מקום־קדוש און פון דער אַנדער זייט—אַ שמיעטניק... און דערום, טראַכט איך, וועמען גייט עס אָן דער גאַנצער ענין. איך האָב מיר דאָ מיינע יידן און וועל לכּבוד ערב ראש השנה געשמאַק אַ לערן טון און איך צעשאָקל זיך מיט גרויס התמדה —

— אָמר אַביי!...

איך כאַפּ אַ קוק אין דער גמרא אַריין, ערשט — שטייט גאָרנישט קיין גמרא, נאָר אַ קאַנטאָרסקע בוך. וואָס האָבן זיי מיר דאָ אוועקגעלייגט פאַר אַ ספר? און פּלוצלונג דערהער איך, ווי אָט דערזעלבער פאַרשוין, וואָס האָט מיך אַהער געבראַכט, שטייט אויף יענע זייט, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט, ווי אַ פעלדשער, אַ גלוח און אָן אַ היטל, האַלט אַ טראָמבקע, ווי אַ גרויסע לויקע און טראָמבעט אַריין מיט אַ קול פון אַ כאַס, און שרייט און קאָמאַנדעוועט, ווי אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר:

— שאָקלט זיך!... שאָקלט זיך!... שטאַרקער! שטאַרקער!... אָט אַזוי!... און אָט יענער ייד, וואָס מיט דער געלער באָרד!...

זאָל ער איינשלאָפֿן איבערן ספר!... און דער ייד, וואָס מיט דער גוליע אויף דער ליפּ, זאָל ער דרייען מיטן גראָבן פינגער... שטאַרקער, שטאַרקער! אָט אזוי אָ!... און... דער שמש... ווו איז דער שמש?! זאָל ער צוגיין צו דעם „למד-וואָוניק" און געבן אים אַ שמעק-טאַבאַק... אָט אזוי... באַכאַמאָל! און איצט גיט אַ ניס. עי, למד-וואָוניק! גיט אַ ניס! אַ שטאַרקן ניס, עס זאָל פאַרלאָשן ווערן דאָס ליכט אויפן טיש... אָט אזוי... און אָט יענער ייד, וואָס איז נאָר-וואָס געקומען פון די באַלעוועקעס, זאָל ער אַ קער טון דאָס פּנים אַהער און קראַצן זיך אונטער דער באָרד... און זאָל ער אַריינלייגן אַ פּאָר פינגער הינטערן קאָלנער... עס שאַט נישט...

אַז איך ווער דאָס אַ צעקאָכטער און שפּרינג אויף:

— אַ, דו, שייגאָץ! דו עוכר-ישראלניק! דו עזות-מחוצפ-ניק!... דו ווערסט מאַכן חוזק, ווען יידן לערנען!... טרייבסט קאַטאַ-וועס מיט לומדי תורה! געננוג, וואָס דו אַליין לערנסט נישט, לאָזט נאָך אַנדערע נישט לערנען? דער גיהנום איז פאַר דיר ווייניק! דו, טריפהנער יונג! דו משומד! יידן, וואָס שווייגט איר! זעט נאָר, וואָס פאַר אַ ספר האָט מען מיר אוועקגיילעגט?! אַ קאַנטאָרסקע בוך!

און די יידן — אָנשטאָט אָננעמען זיך פאַר דעם כבוד התורה — זיצן זיך רויק! און טוען וואָס מען הייסט זיי: דרייען מיטן גראָבן פינגער, שמעקן טאַבאַק, גלאָצן מיט די אויגן, ניסן, שלוקערצן... און איינער, אַ בכבודיקער ייד, וואָס זיצט לעבן מיר, שלעפּט מיך ביים אַרבל: „זיצט, זיצט. נישט אייער באָבעס דאגה!... לערנט, שאָקלט זיך... איר וועט קריגן אַ וועשטערע מיט געגדזנס און נאָך אַ ביסל מזומן אויך. וואָס אַרט אייך? לאָזט מאַכן אַ קינאָ".

— אַ קינה?! וואָס פאַר אַ קינה פּלוצלונג? עס איז, דאַכט זיך, ראש-השנה און נישט תשעה-באָב, וואָס מען זאָל דאַרפן האָבן קינות?

און איך כאַפּ אַ קוק און דערזע, אַז ביי דעם ייד אין שטריימל האָט זיך אָפּגעקלעפּט אַ וואָנס און ער קלעפּט עס צו מיט שפייעכץ... און דער בעל-מקובל, וואָס דבקהט זיך איבערן

עמוד, כאַפּט אַלע ווײַלע אַ ביס קעלבאַס... און דאָרט, אין ווינקל קלעפּט מען עמעצן אַ באָרד. און דער עלוי מיטן למד-וואָוניק שמועסן זיך דורך אויף גוייש און רעדן נבול-פּה, אַז מען זאָל באַהיט ווערן!... און דער עוכר-ישראלניק שטייט און טראָמבעט אין זײַן טראָמבע און דונערט:

— רוהיק!... וואָס איז דאָרט פאַר אַ סומאַטאָכע?... לערנט, לערנט!... שאָקלט זיך!... פירט אַרײַן דעם גענעראַל!... נו, אָט אַזוי... רויק... ליכט!!!

און פּלוצלונג ווערן אָנגעצונדן זיבן הונדערט לבנות מיט אַכט הונדערט זונען, מיט טויזנט לאָמפּן, מיט לעמפּלעך, מיט ליכט און עס ווערט אַ מין ליכטעניש, אַז מען זאָל באַהיט ווערן. איך האָב געמיינט, אַז די וועלט ברענט, אַז דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן, אַז טויזנט בליצן זענען אַרײַנגעפאַלן! עס האָט מיר געגעבן אַ זעץ אין די אויגן אַרײַן, איך האָב געמיינט, אַז איך וועל בלינד ווערן...

און דער יונגאַטש דאָרט האַלט אַלץ אין איין טראָמבען: — רויק!... לערנט!... שאָקלט זיך!... אָט אַזוי... פאַקנטרעגער, גיי אַהער!... שמש, גיי אַהין!... גענעראַל! דריי זיך אויס אַ ביסל אַהין... לאַנגזאַם! געלאַסן! איך דריי! מיר דרייען!... מען דרייט!...

— רבונו של עולם! וואָס טוט זיך דאָ? וועמען דרייט מען, האַ? ווער דרייט!... נישט אַנדערש, אַז איך בין אַרײַנגעפאַלן אין אַ פאַרשטעלטער חברה!... אַ חברה כּת-לצנים! נישט-גוטע האָבן מיך פאַרפירט!...

און עס פאַלן מיר איין אַ סך „נישט-גוטע"-מעשיות, וואָס האָבן פּאַסירט מיט ערלעכע יידן ערב-ראש-השנה, און איך הייב אָן פּאָכן מיט די ציצית און שרייען „שמע ישראל!" און לאָז זיך לויפן נישט מיט מײַנע כּוחות. און אַרום די חברה שטייט און מאַכט — כי, כי, כי! און כי, כי, כי!... און די נקבות קווייטשען. און איינער אַ לץ האָט מיר געגעבן אַ שטורך אין בויך און געמאַכט „קבקך"...

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עס... און האָב זיך געלאָזן פון די טרעפּ אַראָפּ. איך לויף און עס ברעכן זיך די

פיס אונטער מיר, און אין די אויגן איז מיר חושך, פינסטער פון די פריערדיקע ליכט, און די טרעפ ווילן זיך גאָרנישט אויסלאָזן. טרעפ און טרעפ. עס נעמען זיך גאָרנישט אויס קיין טרעפ, ווי א כשוף, ר״ל.

ערשט, אַז איך בין געווען שוין גאָר אונטן, האָט דער סטרוזש דערזען, אַז איך לויף העענדום-פּענדום פון די טרעפ, האָט ער געמיינט, משמעות, אַז דאָס איז אַ גנב, האָט ער מיך פאַרהאַלטן און אָפגעפירט אין קאָזע אַריין. דאָרט בין איך אָפגעזעסן דעם גאַנצן ערשטן טאָג ראש-השנה, ערשט אויף מאָרגן האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט.

איצט פרעג איך אייך, מיינע ליבע יידן, זאָגט מיר, אַדרבה, וואָס איז דאָס אַזוינס געווען? האַ? איז דאָס נישט אַ שפּיצל פון נישט-גוטע, וואָס לאָקערן איבער דעם בידנעם ערלעכן ייד?

## מיין ווייב איז גערעכט און איר משפט איז גערעכט.

גלוי וידוע פאר דער גאנצער וועלט. איך בין א באוויבטער. איך מיט מיין ווייב זענען מיר א פאר - פאלק. און פונדעסטוועגן גייען מיר אמאל שפאצירן און רעדן צווישן זיך גאר פרייַנטלעך.

מיין ווייב געפעלט מארשאלקאָווסקא. אויף מארשאלקאָווסקא-גאס — זאָגט זי — פילט זיך דער לעבעדיקער פולס פון לעבן, עס פילט זיך ריטם, הארמאָניע. זי האָט ליב דעם רוישיקן טעמפּאָ פון גרויסע שטעט...

דער מעכטיקער דראַנג פון מיין ווייבס נשמה צו „ריטם", „פולס", „טעמפּאָ" און „הארמאָניע" דערקלערט זיך אייגנטלעך דערמיט, וואָס אויף מארשאלקאָווסקא געפינט זיך דער גרויסער מאָדע-מאגאזין „הערצע", דער מעכטיקער כישוף, וואָס באצויבערט אלע דאמען - הערצער און מאכט זיי איבערלעבן שטארקע איבערלעבענישן.

און כדי צו האָבן מיט וועמען זיך צו טיילן די דאָזיקע שטארקע געפילן, נעמט מיך מיין ווייב מיט זיך אויפן שפאציר.

ביי יעדן שוי - פענסטער באזונדער שטעלט זי זיך, מיין ווייב, אָפּ און נעמט איבערלעבן שטארקע געפילן. איר הארץ קלאפט, ווי מיט א האמער. איר פנים ווערט פארזויגן מיט א הייליקן עקסטאז און אירע ליפּן מורמלען, ווי אין א תפילה:

— גאָט מײַנער! וואָס פאַר אַ געטלעכע מאַרקיזע!.. אָט די, וואָס מיט די קאָנטראַ־פאַלדן, מיט דעם פּראָנצוויזישן „כינעסקי האַפּט", מיט די גריכישע מאַריאַ־אַנטואַנעט־שפּיצן!.. און אָט דער קאָסטיום!..

און ווי געזאָגט, פון גרויס איבערפלוס פון געפילן נעמט זי זיך טיילן מיט מיר אירע געפילן, און זי פרעגט:

— פון וואָסער סחורה, מײַנסטו, מײַן מאַן, איז געמאַכט דער קאָסטיום?

— איך ווייס, — זאָג איך, — פון מאַנופאַקטור, מסתמא.

— דראַ־דע־דאַם! אידיאָט!

— דראַ־דער־רע־דאַם! — חזר איך איבער.

— און אָט דער „סטאַניטשעק"?

— מסתמא אויך פון טראַ־דערע־דאַם!

— און וואָס פאַר אַ ספּאָדניטשקע, מײַנסטו, באַדאַרף מען האָבן צו אַזאַ סטאַניטשעק?

— מסתמא אויך פון טראַ־דע־רע דאַם!

— וואָס האָסטו זיך צו טראַדערעדאַמעוועט! — צעשרײַט זיך מײַן ווײַב. — עך, עך, עך, האָט עס מיר גאָט צוגעשיקט אַ מאַן! קיין ברעקל אידעאַל! קיין ברעקל זין פאַר אַ ווײַבערשער ספּאָד. ביצע! קיין פונק עסטעטיק האָט עס אין זיך נישט, קיין ברעקל גײַסט־רײַכקייט!.. קום שוין, קום!.. קום אַריבער אַהין, אויף יענער זײַט גאַס. אויף יענער זײַט גאַס איז פאַראַן זון!.. ווייסט דאָך, ווי דײַן ווײַב האָט ליב זון מיט זונענשײַן, מיט שטראַלן!..

דער סוד פון מײַן ווײַבס ליבע צו זון, זונענשײַן און שטראַלן דער קלערט זיך דערמיט, וואָס אויף דער זײַט גאַס געפינט זיך נאָך אַ געשעפט פון דאַמען־וועש פירמע „וואָראָניטש".

דאָ, בײַם שוי־פענסטער פון דאַמען־גוטס, בלײַבט מײַן ווײַב ווי־דער שטיין מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, מיט טרייסלענדיקע קנאָכן און מיט אַ פּנים פון אַ מאַנאַכין, וואָס שטייט פאַר אַ הייליק בילד, און עס פליסטערן אירע ליפּן אין אַ געבעט:

— אַך, גאָט מײַנער! וואָס פאַר אַ טוטענקאַמען!.. עכטער ווענעציאַנער טוטענקאַמען!.. בריסעלער מאַנדאַרין!.. זײַדענער

האָפּט מיט גריכישע זאַמבעס!.. זע נאָר, זע נאָר אַ פּיזשאַמע!.. אָט אָ די, מיט די סקוזשאַנע ווסטאָנזשקעס!.. אַך וויפּיל עלעגאַנץ!

— און אָט דער שלאָף-ראָק! און אָט די מייטעטשקעס, ענגלישער באַטיסט מיט פּיליע... ווי מיינסטו, וואָס זאָל מען אַריינמאַכן אין די מייטעטשקעס?

— איך ווייס, — זאָג איך, — מיינטוועגן מעגסטו איינמאַכן ציצית.

— אַ ווסטאָנזשקע, אידיאָט איינער, אַ ווסטאָנזשקע! אַגב, וועלכן קאָליר?

— איך ווייס? מסתמא, אַ פּאָפּיעלאַטע

— אַ ליליע, אַ ליליע!.. אַ מענטש זאָל נישט האָבן קיין ברעקל זין פאַר אַ שלאָף-ראָק... קום שוין, קום, שלים-מזל... מאַרשאַלקאָווסקא-גאַס געפעלט אים... אויסגעקליבן אַ גאַס... איך האָס די מאַרשאַלקאָווסקא, ווי דעם טויט... אַ פּראָזאַאישע גאַס, לויטער קאָמערץ... נישט קיין כאַראַקטער, נישט קיין סטיל... לאָמיר בעסער גיין אויף ניי-וועלט... דאָרט איז פיל אינטערעסאַנטער צו שפּאַצירן. ניי-וועלט איז אַ גאַס אַ ברייטע, מיט כאַראַקטער, מיט סטיל, מיט טראַדיציע. דאָרט זעט מען דאָך אַ שטיקל הימל!.. ד ווייסט דאָך, ווי דיין ווייב האָט ליב הימל...

מיר גייען דורך די דראָזשקעס, טראַמווייען, אויטאָמאָבילן און לאָזן זיך גיין אויף ניי-וועלט.

דער „כאַראַקטער", „סטיל", „טראַדיציע" און „הימל", וואָס מיין ווייב געפינט אויף דער דאָזיקער גאַס, באַשטייט אייגנטלעך דערין, וואָס דאָ געפינט זיך דאָס גרויסע שוך-געשעפט פירמע „לעשצינסקי".

ביי דער וויסטאַווע פון אַלערליי שיך שטעלט זיך מיין ווייב אָפּ אַנאַנצ׳קטע, אַ פאַרדבקהטע און רעדט מיט דעמזעלבן לשון פון די חסידים אין „דבוק":

— אָ! גאָלדענע פּאַנטאָפּעלעך!.. שילדקרעטעווע פּולבוטיקעס!.. זיידענע סאַנדאַלטשיקלעך!. געשטיקטע מיט שטיינער!.. „רעניער"!..

עס פאַרכאַפּט איר אַזש דעם אָטעם פון התפעלות און זי הייבט אָן מיט מיר זיך ווידער צו טיילן איר שטאַרקן איינדרוק.

— ווי מיינסטו, מיין מאַן, וועלכע זאַכן דאַרף מען צו אַזעלכע סאַנדאַלטשיקלעך?

— איך ווייס? מסתמא, וואָלענע זאַכן.

— ביזט אַ גולם. „פאַקסטראָט!"

— איך מיין אויך „פאַקסטראָט".

— און אפשר „זאַנענבראַנד?"

— מעג זיין, — זאָג איך, — „זאַנענבראַנד".

— און אפשר „מאָף?"

— „מאָף".

— און מיט אַ „שטשאַלקע?"

— געוויס, מיט אַ „קאַטשאַלקע".

— קאַטשאַלקע — שמאַלקע! וואָס מען זאָגט אים, זאָגט ער נאָך, ווי אַ פּאַפּוגיי. נו, אַ מאַן ביי לייטן!.. קום שוין, קום.. עס איז מיר שוין דערעסן דיין ביי - וועלט. אויף ביי - וועלט שלעפּט ער מיך... קיין טראָפּן פּאָעזיע... קום בעסער אויף קרו- טשע. דאָרט איז, לכל - המחות, פאַראַן פּאָעזיע... קרוטשע - גאַס האָט אין זיך רייץ, געמיטלעכקייט... דאָרט קאָן מען דאָך אַ ביסל טרוי- מען... אָפּרוען מיט דער נשמה... אַך, ווי איך בין פאַרליבט אין קרוטשע-גאַס!..

דער שכל איז אַ פּשוטער: אויף קרוטשע גאַס געפינען זיך אַלע מאַגאַזינען פון דאַמען - היט.

מיין חייב ווייס נישט, ביי וועלכן פענסטער זיך פריער אָפּ- צושטעלן. אירע אויגן צעגליען זיך מיט אַ מאָדנע פייערל. פליען אום פון איין שויפענסטער צום אַנדערן. ענדלעך בלייבן זיי הענגען אויף אַ גרויסן שויפענסטער. איר פּנים פאַרגייט אין אַ מיסטישן עקסטאַז, ווי ביי אַ קינסטלער, וואָס שטייט פאַר דער היי- ליקער טיקסטינער מאַדאָנע, און ווידער טראָגן זיך ווערטער פון הויכער באַגייסטערונג:

— גאָט, מיינער! וואָס פאַר אַ פּראַכטפולער צילינדריק!.. וויפל עלעגאַנץ. פאַרי ער מאָדעל!.. און אָט דער פאַנטאַזיע - קאַ.

פעלושל מיט די פּאַזאַנעז!.. נאַדזוויטשיינע!.. באַסקי!.. און אָט דער „מאַמליגעל!" און אָט דער „מאַרינאַרזש!"...

און זי הייבט ווידער אָן צו טיילן זיך מיט מיר אירע שטאַרקע איבערלעבענישן.

— געפעלט דיר עפּעס אָט די טשאַפּעטשקע מיט דעם פּאַר־ריסענעם ראַנדעק?

— געוויס, דער פאַרריסענער ראַנדעק איז וווּנדערשיין!

— און די קאָקאַרדע פון פּאָרנט?

— הפלא ופלא.

— און איך וואָלט די קאָקאַרדע אַראָפּגענומען.

— געוויס, מען דאַרף עס אַראָפּנעמען.

— און אַן אָפּענער פאָרנט, מיינסטו, איז שוין גאָר שיין?

— געוויס, — זאָג איך, — וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס אַן אָפּענער פּאָרנט?

— וואָס מיינסטו, זאָל מען אָנגייען?

— אין' ווייס? מעג זיין אַ לונג און לעבער.

— הייבסט שוין אָן מיט דיינע חכמות? מיר איז איצט נישט צום לאַכן. איך מיין, אַז מען זאָל אָנגייען אַ פאַנטאַזיע... ווי מיינסטו?

— געוויס, אַ פאַנטאַזיע.

— און אפשר אַ שטרויס־פעדער אַריינשטעקן?

— מעג זיין אַ שטרויס־פעדער.

— אַז ביי אים איז אַלץ איינס... אַ מענטש זאָל נישט האָבן קיין כאַראַקטער, קיין אויסגעהאַלטנקייט. טפו! זינט איך לעב, האָב איך אַזאַ מאַן נישט געזען!

קום שוין, קום אַהיים!.. קרוטשע־גאַס געפעלט אים, קיין שענערע גאַס האָט ער נישט געפונען.

---

דער שפּאַציר־גאַנג האָט זיך געענדיקט... מיר גייען אַהיים... מיר גייען פאַרביי אַ בוך־געשעפט. איך, זינדיקער מענטש,

האָב אַ שטיקל שייכות צו אַ בוך, קוק אַמאָל אַריין אין אַ ספר. שטעל איך זיך צו ביים שוי־פענסטער, כאַפּ אַ קוק אויף די נייע אויסגאַבן... נאָר דאָ גיט מיך מיין ווייב אַ שלעפּ אָפּ מיט אַ בייזער:

— שוין ווידער זיך אַוועקגעשטעלט!.. ווו נאָר אַ פענסטער, שטעלט ער זיך אָפּ!.. עס איז פון אים נישט אויסצוהאַלטן!.. עס איז מיט אים אַ גאַס נישט דורכצוגיין!... קום שוין, שלים־מזל!.. קום!...

איך גיי אַ פאַרשולדיקטער.

מיין ווייב איז גערעכט און איר משפּט איז גערעכט.

## גוטע פריינט.

אויסער וואָס איך בין אַ גרויסער שרייבער, בין איך אויך אַ גלענצנדער פּאָרלעזער און דעקלאַמאַטאָר און רעציטאַטאָר און וואָס אירווילט אַליין (זאָל דאָס לעטלאַנד נעמען אין אַכט), און אַז מען לאַדט מיך איין אויף אַ הומאָריסטיש - ליטעראַריש - מוזי־קאַליש - וואָקאַלישן אָוונט, איז מען זיך נוהג דאָס צו אַנאָנסירן אויף די זייטן פון צייטונגס - בלעטער און מודיע צו זיין דער גרויסער ברייטער וועלט אָט וועגן דער דאָזיקער העכסט סענסאַציאָנעלער געשעעניש.

דאָס טוט מען, אייגנטלעך, דערפאַר, ווייל איך בין אַ קראַנקער און אַ שטאַרקע קראַפט, וואָס ציט צו אַ גרויסן עולם, וואָס פּילט אָן אַ קאַסע, און טאָמער, חלילה, איז קיין עולם נישטאָ און די קאַסע איז פּוסט, איז אויך דער צער נישט גרויס — אין אַזאַ פאַל האָב איך שטענדיק „אַ מאָראַלישן ערפאָלג".

פאַר מיר אַליין זענען די דאָזיקע אַנאָנסן און מודעות אויך אַ גרויסער געווינס, מחמת זיי ברענגען מיר איין אַ היפּש ביסל גוטע פריינט און באַקאַנטע פון אַלע עקן וועלט.

פּלוצלונג, ווי נאָר אַזאַ אַנאָנס באַווייזט זיך אין די בלעטער, אַז דאָ און דאָ קומט פאָר אַ פאָרלעזונג, אַ קאָנצערט מיט מיין באַטייליקונג, אַזוי גלייך הייבן זיך אָן שיטן גוטע פריינט און קרובים און מקורבים און ידידים פון אַלע זייטן, ווי שטערן אין הימל און ווי זאַמד אויפן ברעג ים.

און די אַלע גוטע פריינט, קרובים און מקורבים און ידידים פרעגן זיך נאָך, קלינגען, רייסן אָפּ דעם טעלעפאָן, זוכן, בענקען, לעכצן נאָך מיר און גייען אויס נאָך מיר מיט דער נשמה.

אין יענעם טאָג, נאָך גאָר באַגינען, אַזוי גלייך ווי די צייטונגען באַווייזן זיך אויף דער ליכטיקער וועלט, און צעטראָגן די גרויסע נייס פון מיין אַרויסטריט לאַרבע פנות עולם, הייבט אָן מיין טעלעפאָן צו אַרבעטן אויף אַלע כלים.

און עס הייבט זיך אָן אַ געקלינגעריי.

— טררר!... מען קלינגט... אַ מיידל - שטים:

— האַלאָ... פּאַניע ט!... אַך, דאָס זייט איר?... פּאַניע ט. אַליין?... דאָס רייד איך... פּאַנאַ רוזשאַ... רוזשאַ פון באַגנע-גאַז. רוזשאַ פּימסנהאָלץ... איר דערקענט מיך נישט?...

— ניין, ליידער... — שטאַמל איך.

— אי, אי, אי, אַזאַ קורצן זכרון האָט איר!... ערשט פאַר צוויי יאָרן האָבן מיר זיך באַקענט אין טראַמוויי נומער 23... מיין קאָלעזשאַנקע פריילן גוטיע האָט אונדז באַקענט... איר האָט דאַמאָלסט געהאַט אַ נאָז - קאַטאַר... וואָס מאַכט ער?

— ווער?

— דער קאַטאַר.

— שוין לאַנג אַדורך.

— שוין אַדורך? גאָט צו דאַנקען... און איך בין געווען אויס מענטש!... די גאַנצע צוויי יאָר בין איך געווען אויסער זיך... אַזאַ טאַלאַנטפולער מענטש, אַזאַ סימפּאַטישער הומאָריסט זאָל ליידן פון אַ נאָז - קאַטאַר!... אַ הומאָריסט טאָר דאָך נישט האָבן קיין נאָז - קאַטאַר, ווייל מיט אַ נאָז - קאַטאַר קען מען דאָך נישט שאַפן קיין הומאָר... וואָס, נישט אַזוי?... זאָגט עפּעס אַ וויץ... כאַ, כאַ, כאַ! איר זאָגט נאָך גאָרנישט און איך לאַך שוין! אי, זייט איר אַ פריילעכער. אין אייער געזעלשאַפט קען מען זיך גוט ווייזן... איז עס אמת?... מען זאָגט, אַז אין לעבן זייט איר דווקא סעריאָזנע... און אַז איר לאַכט, לאַכט איר מיט געוויין דורך טרערן... איז עס אמת?...

— איר ווייסט, איך האָב דאָך יענע וואָך איבערגעלעזן אייער בוך „דער מענטש, וואָס לאַכט" — אַ וואָזשנע בוך.

— אַנטשולדיקט, ס'איז נישט מיין ווערק, עס איז פון וויקטאָר הוגאָ.

— עס קען נישט זיין! אייער סטיל, אייער מאַניער. ערן־וואָרט... אייער יעדן וואָרט קען מען דאָך אויסקריצן אויף אַ מאַרמאָר־נעם טאָוול. ווען איך בין אַ מיניסטער, וואָלט איך אייערע וויצן הייסן לערנען אויף אויסווייניק אין אַלע שולן און אַקאַדעמיעס... פאַרוואָס פאַרקויפט מען עפּעס נישט אייערע בילדער אויף די פּאָסטקאַרטעס?

— ווייל איך האָב אַ פרישטשיק אויף דער נאָז.

— מיין גאָט, דאָס איז דאָך אַזאַ קליייניקייט. מען קויפט אַ מאַזש, מען שמירט אויס דעם נאָז אויף דער נאַכט און אין דער־פרי גייט מען צום פאָטאָגראַף... טרעפט איר זיך מיט גוטיען?..

— וועלכע גוטיע?

— אָט די גוטיע, וואָס האָט אונדז באַקענט. מיין קאָליע־זשאַנקע.

— ניין.

— און איך האָב זי באַגעגנט מיט ניין חדשים צוריק.. איך האָב ביי איר נאָכגעפרעגט אויף אייך, געפרעגט, וואָס איר מאַכט... איז וואָס־זשע מאַכט איר?... איר שרייבט עפּעס גוטע ראָמאַנען?... שטעלט מיך אַריין... יאָ, איז וואָס האָב איך גע־הערט? אַז איר טרעט אַרויס די טעג אויף אַ קאָנצערט... יאָ, וועט איר מיך מיט גוטיען דורכלאָזן... אַזוי... נישט פיל, אַ פיר קאָנ־טראַמאַרקעס. מיר האָבן דאָך עפּעס חתנים... סטודענטן... אַזוי האַלטן זיי נישט פון יידישע קאָנצערטן, נאָר אַז מיר וועלן זיי בעטן, וועלן זיי זיין נאַציאָנאַליסטיש געשטימט... שיקט איר צו?.. יאָ... אַ דאַנק, אָבער פאַרגעסט נישט... אַדיע!

אין אַ מינוט אַרום — מען קלינגט ווייטער. אַ מאַנסבילשע שטים:

— טררר... האַלאָ... דאָס זענט איר, הער ט. ?.. דאָס בין איך, משה רעטעך. ענדלעך האָב איך זיך צו אייך דערקלונגען.

מיט דריי חדשים צוריק האָב איך אייך געקלונגען, איז דער טע-לעפאָן געווען פאַרנומען... וואָס-זשע מאַכט איר? דאַכט זיך, אַז איר האָט געליטן אויף הינעראויגן?.. אַיאָ... טאָ הערט זשע, וואָס איך וועל אייך זאָגן: דאָס בעסטע זאַך צו הינער-אויגן איז אַ פרייער שוך, וואָרים ווי זאָגט אַ גלייכוואָרט: קיינער ווייס נישט ווען דער שוך קוועטשט... כאַ-כאַ-כאַ! האַ? איך קען אויך אריינזאָגן... איז וואָס-זשע מאכט איר עפּעס אין געזונט?

— אַ דאַנק פאַרן נאָכפרעגן. געזונט.

— געלויבט דער אויבערשטער, אַבי איר זענט געזונט. גע-זונט, הערט איר, איז דאָס בעסטע זאַך... און וואָס מאַכט עפּעס אייער ברודער ברוך?

— איך האָב נישט קיין ברודער ברוך.
— ווי זשע הייסט ער, אייער ברודער?
— איך האָב נישט קיין ברודער!

— וואָס-זשע האָט איר? אַ פעטער האָט איר?

— יאָ, איך האָב אַ פעטער, נפתּלי הייסט ער.

— איז וואָס-זשע מאַכט עפּעס אייער פעטער נפתּלי?... איז ער געזונט? איז ער, חלילה, נישט צוגעקילט?... מען דאַרף זיין היינט זייער פאָרזיכטיק, מחמת עס גייט אַרום די „אינפלוענצע" ד' ירחם... איר ווייסט, אייער גאַנצע משפּחה איז דאָך מיר איינ-געבאַקן אין האַרצן... יאָ, מחשבותן, איך האָב געהערט, אַז איר האָט „אַן אָוונט", איר וועט דרשהנען... קען מען האָבן אַ שאַנס אויף אַ בילעט?.. אַזוי, נישט קיין סך, אַ צוויי בילעטלעך פאַר מיר מיט מיין ווייב... יאָ?.. אַ גרויסן דאַנק אייך, און גריסט גאָר הערצלעך אייער שוואָגער נפתּלי מיט זיין גאַנצן הויז-געזינד...

— איר מיינט מיין פעטער?

— איך מיין אייער פעטער נפ[illegible]לי מיט זיין גאַנצן הויז-געזינד. אַדיע.

ווידער אַ קלונג.

— האַלאָ! וואָס מאַכט איר?
— ווער רעדט?

— איך, מאַדאַם ציינשטעכער... וואָס מאַכט עפּעס אייער קליינער?

— וועלכער קליינער?

— אייער ייִנגעלע? אַך, איז דאָס אַ יונגאַטש!.. אַ מזיק פון אַ קינד... וועט עס זיין אַ פּרויען־האַרץ־פּרעסער!..

— איך האָב נישט קיין ייִנגעלע.

— איז עס גאָר אַ מיידעלע? המם... און איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ ייִנגעלע!.. וואָס־זשע מאַכט זי עפּעס? האָט זי שוין געמאָלט?.. שניידן זיך איר שוין ציינדעלעך?..

— איך האָב נישט קיין מיידעלע... איך האָב בכלל נישט קיין קינדער. איך בין אַ בחור בין איך, אַ כאָלאָסטיאַק.

— אַזוי גאָר? איר האָט נישט קיין קינדער? אַ שאָד, ווען איר וואָלט געהאַט קינדער, וואָלטן זיי געווען מיין חיות. איך וואָלט זיי אויסגעקושט די גלידערלעך, טייערינקע קינדערלעך... מיר פאַר אייערע ביינדעלעך... זיי וואָלטן זיכער געווען זשעניען, פּונקט ווי דער טאַטע... ווי זאָגט מיין אַדאָלף: דאָסביימעלע וואַקסט נישט ווייט פון צווייגל... און דאָס צווייגעלע פאַלט נישט ווייט פון עפּעלע... איר ווייסט, מיין אַדאָלף זאָגט, אַז איר שטאַמט פון אונדזער געגנט. איר זענט דאָך פון באַראַנאָוויטש און מיר שטאַמען פון קאָזשעניץ, לעבן לאָדז. איר ווייסט, גאַנץ קאָזשעניץ גרויסט זיך דאָך מיט אייך... יאָ... איז, איז... הייסט עס... מיין אַדאָלף קומט היינט פון גאַס און דערציילט, אַז איר נעמט אָנטייל אויף אַ קאָנצערט, איר וועט לייענען אייערע איראָנישע זאַכן... מיין אַדאָלף זאָגט, אַז איר לייענט, וועלן מיר שוין זיכער גיין הערן... עפּעס זענט איר דאָך אַ אונדזעריקער... אַזוי, אַ פאָר בילעטן וועט איר אונדז צושיקן, וועט עס זיין גענוג... פאַר מיר, פאַר מיין אַדאָלפן, פאַר מיינע טעכטער, די סטודענטקעס און פאַר מיינע צוויי איידעמס, איינער אַ דאָקטאָר, און דער אַנדערער אויך אַ קאָמיוואָיאַזשאָר... זייט־זשע מיר געזונט... געזונט איז דער עיקר... ווי זאָגט מיין אַדאָלף: געלט פאַרלאָרן, מוט פאַרלאָרן,—

געזונט פאַרלאָרן, געלט פאַרלאָרן, מוט פאַרלאָרן... איז עס ער־לײדיקט. נו, אַדיע! צום װידערזען בײ אײך אױפן קאָנצערט!
אַ נײער קלונג. אַ הײזעריק־פּאַראָװאַקטענע שטים.
— האַלאָ! דאָ װױנט דער ה׳ ט.? דאָס זײט איר אַלײן בײם טעלעפאָן? — הממ... איך האָב גאָרנישט דערקענט אײער שטים... און איר מיך דערקענט אױך ניט?.. איך, אהרן לײזער דער שנײדער, ערשט מיט אַ יאָר אַכט צוריק האָב איך זאָך פאַר־ריכט אײך אײער קאַמזשעלקע, און געלײגט אַ לאַטע אױף די תחתונים... װאָס האָב איך געהערט, אַז איר האָט דאָ נישט לאַנג, פאַר קײן יידן נישט געדאַכט, איבערגעקומען אַן אָפּעראַציע אויף מירידן און אַז מען האָט אײך געניײט און געטרענט און פּאָס־טריגעװעט?
איר האָב נישט קײן מירידן.
— איך האָט נישט קײן מירידן? געלױבט דער אױבער־שטער... מער האָט נישט געפּאַסט, אַז איר מיט אײער קאָפּ זאָלט נאָך לײדן אױף מירידן... און גײן אונטערן מעסער, און לאָזן זיך צעשנײדן, סטריגעװען נײען און טרענען... יאָ, מחשבותן, אײן װאָס זאָגט מען אין שטאָט, אַז איר טרעט אַרױס בקרוב אין טעאַטער און װעט װײזן די קונץ... בין איך אױך אַ בעלן... אפילו אַ שנײדער, אָבער איך האַלט פון צױױליזאַציע. און אַ גוט שטיקעלע בין איך אױך אַ בעלן צו הערן... קען מען בײ אײך כאַפּן אַ האַלבע טוץ בילעטלעך פאַר מיר, פאַר מײן באַשען און פאַר מײנע געזעלן... יאָ? גוט! אַ יישר־כוח אײך... און האָט אַ גוטן תמיד..
און זעט, היט זיך פאַר מירידן... אַ פּאַסקודנע קרענק מירידן... איבעריקנס, זאָגט מען, אַז מען הײלט שוין היינט מירידן גאָר אָן צאָן־װײטיק, נאָר פּשוט מיט אַ פּראָשעק... אַ גוטן.

---

אָט אַזױ האַלט מײן טעלעפאָן אין אײן קלינגען, פון פרי ביז שפּעט און מיט יעדער רגע װאַקסט און עס הײבט זיך און

עס מערט זיך די צאָל פון מיינע גוטע פריינט, פאַרערער און און באַקאַנטע און ידידים, לעכצן און גייען אויס נאָך מיר מיט דער נשמה, וואָס בענקען און לעכצן נאָך מיין פריינטשאַפט און — ביילעטן.

## מען האָט אים צערעכט געמאַכט.

אין צוג, וואָס איז געגאַנגען פון וואַרשע קיין ווישקאָוו, האָב איך אים געטראָפן. אין אַ קליין פלאַך וועגעלע איז ער — געזעסן, ציגעשטאַנען, — איז שווער געווען צו באַשטימען, מחמת קיין פיס האָט ער נישט געהאַט. זיי זענען געווען אונטערגעהאַקט ביזן סאַמע אָרט, פון וואַנען זיי וואַקסן. קיין סימן פון הענט האָט ער אויך נישט געהאַט און האָט דעריבער אויסגעזען, ווי אַ קלעצל, אַ לעבעדיק קלעצל. דער קאָפּ אַרומבאַנדאַזשירט מיט אַ סך שמאַטעס, פון צווישן וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט אַ שטיקל שמייכעלענדיק פּנים, אָן ציין, מיט גוטמוטיקע מקבל־באהבהדיקע אויגן.

— ווהין פאָרט איר? — האָב איך דעם קלעצל געפרעגט.

— אַהיים קיין ווישקאָוו.

— אַן אינוואַליד?

— חלילה.

— געפאָרן קיין וואַרשע צום דאָקטאָר?

— חלילה. געפאָרן אַזוי זיך. אויף אַ לוסט־רייזע.

— אין אַזאַ צושטאַנד?

— ווען איך בין געפאָרן קיין וואַרשע, בין איך נישט געווען אין אַזאַ צושטאַנד.

— ווי לאַנג צוריק?

— מיט אַ וואָך.

— מיט אַ וואָך צוריק, הייסט עס, זענט איר נאָך געווען גאַנץ?

— גאַנץ מיט אַלע מײַנע רמ״ח אברים ושס״ה גידים.

— ווי - זשע איז עס געשען?

— וואָס זאָל געשען? גאָרנישט איז געשען. פאַרבראַכט אין וואַרשע אַ וואָך צייט אויף אַ לוסט - רייזע, איז עס געשען.

— דערציילט כסדר.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? פשוט. איך בין מיר גע-קומען קיין וואַרשע, אַ ביסל די צייט צו פאַרברענגען. גיי איך מיר אַראָפּ פון באַן און לאָז זיך מיר גיין אין שטאָט אַריין. גיי איך מיר אָפּ אַ גאַס, און עס פאָרט אויף מיר אָן אַ ראָווער. ער וואַרפט מיך אום און איך פאַרליר פינף ציין. מיין ערשטער ברוך הבא איז דאָס געווען. דער ראָווער איז אַנטלאָפן און איך בין גע-בליבן קלויבן די ציין. עס איז מיר אַ שאָד די פינף ציין. אמת, צווישן זיי זיינען פאַראַן צוויי קראַנקע און איינער אַ צעפוילטער. אָבער צוויי זענען נאָך לחלוטין געזונט, און עס פאַרדריסט מיך. נאָר באַלד טרייסט איך מיך: איך האָב איצט אַ שאַנס אַריינצו-שטעלן גאָלדענע ציין, וואָס דאָס גיט צו דעם מענטשן מער חן און עס מאכט אים אינטעליגענטיש.

צונויפגעקליבן די ציין, לאָז איך מיר צו מיינעם אַ באַקאַנטן דענטיסט אויף גזשיבאָוו. ערשט ווי איך גיי אַזוי, פאָרט אָן אַ טרעגער מיט אַ וועגעלע, פאָרט מיר אַריין מיטן דישל גלייך אין זייט אַריין און צעברעכט מיר צוויי ריפּן. האָב איך אַ ביסל אַנגסט: וויפיל האָב איך זיי, מישטיינס געזאָגט, די ריפּען? טאָמער האָב איך זיי אַ צוועלף שטיקלעך, באַדאַרף מען מיר זיי ברעכן? און צוריק גערעדט, טראַכט איך מיר, אז מען פאַרלירט אַ פּאָר ריפּן, איז מה בכך? ווו איז דער דין, אַז מען דאַרף האָבן דווקא גאַנצע צוועלף? אָט האָט דאָך אונדזער זיידע אדם הראשון געהאַט ווינציקער מיט אַ ריפּ און פאַרבליבן פונדעסטוועגן אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט. איך האָב נאָך גוט אָפּגעשפּילט, וואָרים וואָס וואָלט איך געטון, ווען מען מאַכט מיר פון מיינע צוויי ריפּן צוויי ווייבער? זאָג איך מיר אָפּ דעם פּסוק „גם זו לטובה“ און גיי מיר ווייטער. און איך פיל, אַז עס אַרט מיך, עס קימערט מיך. נישט אַזוי די ריפּן, ווי דאָס, וואָס איך האָב פאַרלוירן די סימעטריע אין מיין קערפּער.

איין זייט איז ביי מיר צעשעדיקט און די צווייטע נישט, און דאָס שטערט די האַרמאָניע פון מיין גוף, דאָס גלייכגעוויכט פון מיין קערפּער-בוי.

אויף צומאָרגנס האָב איך זיך באַרויקט, כמעט פאַרגעסן די אבידה פון מיינע צוויי ריפּן און די סימעטריל־אָזיקייט פון מיין גוף, און איך לאָז זיך מיר ווידער אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער די וואַרשעווער גאַסן פון פאַרגעניגן וועגן, שעפּן לופט, אָנקוקן די שטאָט. ערשט נישט ווייט פון פּזשעיאַזד פאָרט אויף מיר אָן אַ דראָזשקע, וואַרפט מיך אום און איך פאַל, ווי עס קנעטן מיך אַדורך פיר קאָפּיטעס און פיר רעדער. איך כאַפּ זיך אויף — עס פעלן מיר שוין נאָך צוויי ריפּן פון דער צווייטער זייט. פאַרדריסט עס מיר ווידער: גאַנצע פיר ריפּן פאַרלוירן. שוין אַ ביסל צופיל, נאָר צו דערזועלבער צייט טוט עס מיר אָבער הנאה: איצט האָט מיין גוף באַקומען די ריכטיקע סימעטריע און האַרמאָניע. ביידע זייטן צעשעדיקט און איך האָב באַקומען דאָס פיזישע, ווי אויך דאָס מאָראַלישע גלייכגעוויכט.

אויפן דריטן טאָג מאַך איך מיר ווידער אַ שפּאַציר. אויפן האַרצן אויפגעלייגט. די שטימונג אַ פריילעכע. אַ שיינע שטאָט וואַרשע, שיינע גאַסן, שיינע הייזער. איז ווי איך גיי אַזוי אויף דער מאַזאָוויעצקע-גאַס, פליט אויף מיר אָן אַן אויטאָ מיט גרויס קוראַזש און מיט גרויס ליבשאַפט שניידט ער מיר אָפּ מיינע ביידע הענט און אַנטלויפט. מילא, פון דער עסטעטישער זייט בין איך צופרידנגע־שטעלט. פאַרשווונדן ביידע הענט פון ביידע זייטן. סימעטריש אויסגעהאַלטן. וואָרים וואָס וואָלט איך געטון, ווען איין האַנט זאָל בלייבן שטאַרצן פון איין זייט? וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט עס גע־האַט? פונדעסטוועגן פאַרדריסט מיר אַ ביסל: אָן הענט איז אַ ביסל אומבאַקוועם און עס מאַכט קאַליע מיין גוטע שטימונג. אַ לעבן, אַז מען געוויינט זיך צו צו די הענט, און פּלוצלונג אויס הענט, און אָן הענט בין איך ווי אָן אַ האַנט. ווי וועל איך יעצט געבן אַ תקיעת כף? ווו וועל איך יעצט נעמען עלנבויגנס זיך דורכצע־שטופּן אויף אַ מיטינג? ווי וועל איך יעצט מאַכן אַ פייג, אויב מען וועט דאַרפן? ווי וועל איך יעצט הייבן ביי אַן אָפּשטימונג

אויף אַ זיצונג? און וואָס וועל איך טאָן, ווען אַ מיידל וועט זיך אין מיר איינליבן און בעטן מיין האַנט, און ווי וועל איך יעצט קאָנען זיין אַ האַנט אין קאָרטן? און בכלל, מיט וואָס וועל איך יעצט רעדן?

פון די דאָזיקע געדאַנקען ווער איך אַ ביסל אָפּהענדיק. נאָר באַלד הייב איך זיך אָן צו באַרעכענען, אַז דער שאָדן איז נישט אַזוי גרויס, אַז אין אַ נויט קאָן מען זיך באַגיין מיט די פיס. מען דאַרף נאָר זען מאַכן, אַז די פיס זאָלן שטענדיק זיין צו דער האַנט. מען דאַרף זיך גוט איינאיבן, און דאַן קאָן מען מיט די פיס טאָן אַלץ, וואָס מען דאַרף. אָט האָבן מיר דאָך נישט לאַנג געהאַט דאָ אין צירק אַ פאַרשוין לחלוטין אָן הענט, איז ער דורכגעקומען מיט די פיס אויפן בעסטן אופן: געגעסן, גערויכערט, געשריבן און אפילו געשפּילט פּיאַנאָ און פידל. פאַרוואָס זאָל איך זיך נישט נעמען אַצינד צו מיינע פיס? און מדחק וועל איך זיך אויסלערנען מאַכן אַ פייג אפילו מיט די פינגער פון די פיס. אויף אַ מיטינג וועל איך, אָנשטאָט אַ האַנט, הייבן אַ פוס. און טאָמער וועל איך ווערן אַ באַאַמטער, וועל איך קאָנען נעמען „לאַפּוווקע" מיט די פיס, פונקט אַזוי גוט ווי מיט די הענט. אָנשטאָט די על־נבויגנס, וועל איך זיך באַנוצן מיט די קני און חשבונען וועל איך אויך קאָנען אויף די פיס־פינגער, ווי אויף די הענט־פינגער. און טאָמער וועל איך נישט אַזוי גוט קאָנען שפּילן פּיאַנאָ, וועל איך שפּילן פוס־האַרמאָניע. וואָס אָנבאַלאַנגט רעדן, קאָן מען ביי אַ געוויסער אָנשטרענגונג זיך אויסלערנען רעדן מיט די פיס נישט ערגער ווי מיט די הענט.

הכלל, ביי אַ גוטן ווילן און אַ ביסל מי קאָן מען מיט די פיס זיך אַוועקשטעלן אויף די פיס און מאַכן אַ גאַנץ שיינע קאַריערע. איך וועל אי"ה זיך אויסאַרבעטן די אמתע פוס־טעכניק און ווערן אַ גרויסער פוס־ווירטואָז. לייט וועלן זאָגן, אַז איך האָב „גאָלדענע פיס" און וועלן מיר מקנא זיין.

מיט די דאָזיקע פריילעכע געדאַנקען האָב איך מיך גענומען צו אַנטוויקלען די באַהאַלטענע פעיקייטן פון מיינע פיס: האָב מיר

באַשטעלט אַ פּאָר פיס־שוּ אָנשטאָט האַנט־שוּ, געלאָזן מיר מאַכן דעם אמתן פּעדיקיור, אָנגעטאָן אַ גאָלדן רינגל אויפן גראָבן פינגער פון לינקן פוס און אָנגעהייבן באַנוצן די פיס, פּונקט ווי די הענט. איך האָב שוין אַפילו גערעדט, דיסקוסירט און געאַמפּערט זיך מיט די פיס...

אַ פּאָר טעג האָב איך זיך געאיבט אין מיין נייעם פאַך, און פּלוצלונג, אויפן דריטן טאָג, גיי איך מיר אַזוי אויף קאַרמעליצקע־גאַס און עס פאָרט אָן אויף מיר אַ טראַמוואַי, און שנייט מיר אָפּ מיינע ביידע טאַלענטפולע פיס.

זיץ איך מיר אַזוי אויף די שינעס, קוק אויף די אָפּגעשניטענע פּאָר פיס מיינע, וואָס ליגן ביי דער זייט, און עס קלעמט מיר אויף דעם דאָס האַרץ. אַזעלכע פעיקע און באַגאַבטע פיס! אין סאַמע מיט פון אייער גייסטיקן וווּקס, אין רעכטן ברען פון אייער אַנטוויקלונג, זענט איר פאַרשניטן געוואָרן. אויף וועמען האָט איר מיך פאַרלאָזן! ווי וועל איך אָן אייך קאָנען אַ שריט מאַכן? מיט וואָס וו,ל איך יעצט „שימי" טאַנצן? ווײ, ווײ!

נאָר באַלד דערמאָן איך מיך, אַז אויך דאָ איז דער שאָדן נישט אַזוי גרויס. קודם־כל בין איך פּטור געוואָרן פון מיינע היינער־אויגן און פון די שפּיציקע שיך און דעם בינדעניש פון די שנוראָוואַדלעס און פון געטרעס און קיינער, קיינער וועט מיר שוין היינט נישט קאָנען אָנטרעטן אויפן פוס.

אי, ווי וועל איך מיר באַוועגן? וועל איך מיר לאָזן מאַכן אַ וועגעלע אויף פיר רעדלעך און וועל מיר פאָרן, ווי אַ פּריץ.

האָב איך מיר געמאַכט אַזאַ וועגעלע, געדונגען אַ יינגל, ער זאָל מיך שטופּן און זיך געלאָזן איבער די וואַרשעווער גאַסן צו פאַרענדיקן מיין לוסט־רייזע. און כדי דאָס פאַרגעניגן זאָל זיין נאָך גרעסער, בין אין מיט מיין וועגעלע אויף די נאַלעווקיס אַרויפגעפאָרן אויף אַ יידענע און זי איבערגעפאָרן. די גאַנצע צייט האָלט מען אין איין פאָרן איבער מיר און רעדלען מיך, פּונקט ווי איך וואָלט געווען אַ מצה. איצט האָב איך אויך עמעצן איבערגעפאָרן, דערפילט מיין הייליקן חוב.

איצט, ווי איר זעט, פאָר איך אַ היים. אַ ווײַל שטעטל וואַר־שע. זייער גוט צוגעבראַכט די צייט מיט אַטראַקציעס און אומגע־הײַערע איבערלעבענישן און אײַנדרוקן. נישט מער, מען האָט מיך אַ ביסל צופיל אַרומגעהיבלט. נאָר, מילא, גם זו לטובה...

## פיר יידן מיט צוויי דאָלמעטשער.

ביי אונדז, יידן, קענען פּאַסירן אַזעלכע שיינע זאַכן, וואָס קיין שום אומה ולשון קאָן עס נישט פאָרקומען.

דהיינו:

קומט צו פאָרן קיין וואַרשע אַן אַמעריקאַנער. דאָס הייסט, אַ ייד, וואָס וווינט אין אַמעריקע. וווינען, וווינט ער דאָרט אין סאַמע גאַליציאַנער קוואַרטל אויף ריווינגטאָן - סטריט. האָט זיך דאָרט זיין סאָדע - וואַסער - בודקע, פאַרקויפט יידישע צייטונגען, פייענט יידיש, רעדט יידיש און זייער ווייניק ענגליש, מחמת זיין ענגליש איז פאַר אַמעריקע אַ ביסל נישט גאָר פּערפעקט.

קומט ער צו פאָרן קיין וואַרשע און פאַרפאָרט אויף אַ יידישער אַכסניה — אַזאַ היימישער פּענסיאָנאַט אויף די נאַלעווקיס.

דאָ, אין דער דאָזיקער אַכסניה, געפינט דער אַמעריקאַנער פאַר זיין פליכט אָנצוהאַלטן דעם פּרעסטיזש פון די פאַראייניקטע שטאַטן און רעדט דעריבער בלויז ענגליש.

נישט די באַלעבאַטים פון אַכסניה און נישט די דינערשאַפט פאַרשטייען, נעבעך, נישט קיין וואָרט ענגליש. און דאָס פאַרשאַפט אַ ביסל שוועריקייטן אינם צוזאַמענרעדן זיך מיט דער נייער סביבה. אַ נס, וואָס אין דערזעלבער אַכסניה געפינט זיך אַ לאָנדאָנער מיידל, פון לאָנדאָנער ווייטשעפּל און וואָס אַרבעט דאָ הי אין אַ שיף - געזעלשאַפט. קאָן דאָס מיידל רעדן אי ענגליש אי יידיש

דינט, זי דאָס דאָזיקע מיידל, אַלס דאָלמעטשערין צווישן דעם אַמעריקאַנער און די באַלעבאַטים פון פענסיאָנאַט.

— עי, ליטל העריגג מאַאַר! — זאָגט דער אַמעריקאַנער ייד צו דער דאָלמעטשערין, דאָס לאָנדאָנער מיידל פון דער שיף-געזעלשאַפט.

— נאָך אַ שטיקל הערינג, — זעצט דאָס מיידל איבער פאַר דער באַלעבאָסטע פון אכסניה אין יידיש.

— וויט אָניענס! — זאָגט דער אַמעריקאַנער.

— מיט ציבעלע! — זעצט איבער דאָס מיידל אין יידיש.

— פרייד אָניענס!

— געפּרעגלטע ציבעלע!

און אַזוי קומט מען זיך דורך.

טרעפט, אַז דער אַמעריקאַנער גאַסט באַדאַרף האָבן אַ פּאָר זאָקן. און זאָקן באַקומט מען אויף קאַרמעליצקע און דאָרט רעדן די קרעמער און די אָנגעשטעלטע דורכאויס פּויליש. דאַרף מען האָבן אַ נייעם דאָלמעטשער, וואָס זאָל איבערזעצן פון ענגליש אין פּויליש. און אַזאַ איז אין קראָם נישט פאַראַן. דאָ זענען פאַראַן בלויז אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען יידיש און פּויליש.

בלייבט, אַז מען זאָל איינלאַדן דעם בעל-אכסניהס טאָכטער, וואָס קאָן יידיש און פּויליש, וועט מען גיין אין זאָקן-געשעפט אַלע דריי: דער אַמעריקאַנער, דאָס לאָנדאָנער מיידל און דעם בעל-אכסניהס טאָכטער. וועט דער אַמעריקאַנער רעדן צו דער לאָנדאָנער מיידל אין ענגליש, וועט די לאָנדאָנער מיידל איבערזעצן פאַר דעם בעל-אכסניהס טאָכטער פון ענגליש אין יידיש, וועט דעם בעל-אכסניהס טאָכטער איבערזעצן פאַר דעם זאָקן-קרעמער פון יידיש אין פּויליש, וועט דער קרעמער וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. און אַזוי אַרום וועט מען איינקויפן אַ פּאָר זאָקן און עס וועט זיין אַגיל ואשמח.

איז אַוועק דער אַמעריקאַנער מיט זיינע צוויי דאָלמעטשערינ. אויף קאַרמעליצקע-גאַס און אַריין אין דעם באַרימטן זאָקן-געשעפט פון איגנאַץ גימפּלאָן עט קאָמפּ.

— גוט מאָרנינג, — זאָגט דער אַמעריקאַנער.

— גוט מאָרגן! — זאָגט דאָס לאָנדאָנער מיידל.

— דזיען דאָברי! — זעצט איבער דעם בעל-אכסניהס טאָכטער.

— דזיען דאָברי! — ענטפערט די פּאַרקויפערין, — אַ יידיש מיידל פון פראַנצישקאַנער גאַס, — צאַ פּאַנסטוואָ סאָביע זשיטשאָן?

— וואָס פאַרלאַנגט דער הער? — זעצט איבער דעם בעל-אכסניהס טאָכטער פאַר דער לאָנדאָנער מיידל, זי זאָל עס איבער-געבן דעם אַמעריקאַנער.

— וואָט די יו וואָנט, מיסטער? — זעצט דאָס לאָנדאָנער מיידל איבער פאַרן אַמעריקאַנער.

דער אַמעריקאַנער האָט גלייך דערפילט, אז ער קאָן, אייגנ-טלעך, זיך ווענדן דירעקט צו דער פּאַרקויפערין אין יידיש און איינשפּאָרן די טרחה מיט די צוויי איבערזעצערינס, נאָר כּדי אָנ-צוהאַלטן דעם כּבוד פון אַמעריקע, האָט ער געענטפערט:

— איי פער אָף סטאָקינג.

— אַ פּאָר זאָקן! — האָט גלייך אונטערגעכאַפּט דאָס לאָנ-דאָנער מיידל.

— פּאָנטשאָכי! — האָט דעם בעל-אכסניהס טאָכטער גלייך איבערגעזעצט פאַר דער פאַקויפערין.

אויך די פּאַרקויפערין האָט דערפילט מיט איר יידישן חוש, אַז דער אַמעריקאַנער איז מאַחינו און אַז זי קאָן מיט אים אַדורכ-קומען אָן דער הילף פון די צוויי איבערזעצערינס, נאָר כּדי אָנצע-האַלטן דעם פּרעסטיזש פונם זאָקן-געשעפט פון איגנאַץ גימפּלזאָן עט קאָמפּ. האָט זי געפרעגט אויף פּויליש:

— פּאָנטשאָכי, טשי סקאַרפּעטקי?

— זאָקן, צי סקאַרפּעטן? — האָט דעם בעל-אכסניהס טאָכ-טער איבערגעזעצט.

— סטאָקינגס, צי סאָקס? — האָט דאָס לאָנדאָנער מיידל איבערגעחזרט.

— איט קען בי סאָקס, — זאָגט דער אַמעריקאַנער.

— עס קאָן זיין סקאַרפּעטן! — זאָגט די ערשטע איבער-זעצערין.

— מאַגאַן ביטש סקאַרפּעטי! — זאָגט די צווייטע איבער־זעצערין.

— איליע פּאַר?

— וויפל פּאָר?

— האַאו מעני פּער?

— אואַן פּער.

— איין פּאָר!

— יעדנאָן פּאַרען!

— דאָבזשע! — זאָגט די פּאַרקויפערין.

— גוט! — זאָגט איין איבערזעצערין.

— אָל־רייט! — זאָגט די צווייטע איבערזעצערין.

— אָל־רייט! — זאָגט דער אַמעריקאַנער.

— יאַקעגאָ קאָלאָרו פּאַן סאָביע זשיטשי? — פרעגט די פּאַרקויפערין ווייטער.

— וועלכן קאָליר פּאַרלאַנגט דער הער?

— וואָט קאָלער דו יו וואָנט, מיסטער?

— בלעק! — ענטפערט דער אַמעריקאַנער.

— שוואַרץ!

— טשאַרני!

— דאָבזשע!

— גוט!

— אָל־רייט!

אָט אַזוי שטייען זיי די פיר יידישע קינדער פון פאָלק ישראל און רעדן דער צו דעם און דער צו יענעם, פונקט ווי זיי וואָלטן מחדש געווען די לבנה: שלום־עליכם! עליכם־שלום!...

— אָל־רייט! — זאָגט דער אַמעריקאַנער.

— האַאו מאַטש דאַז איט קאָסט?

— וויפל קאָסט עס?

— איליע קאָשטויאַן?

— דווא זלאָטי!

— צוויי זלאָטיס!

— דווא זלאָטע!

— אָל - רײט !
— גוט!
— דאָבזשע !
— פראַשן !
— גוד באַי !
— אַ גוטן !
— אויף װידערזען !
— דאָװידזעניאַ !

— — — — — — — — — — — —

פּאַרטיק. דער מסחר איז דערלײדיקט. אַ פּאָר זאָקן זע-
גען אײנגעקױפט געװאָרן.

װי איר זעט, ליבע לעזער, האָט דער דאָזיקער משא - ומתן געקענט אַדורכגעפירט װערן דירעקט צװישן דעם אַמעריקאַנער פון ריװינגטאָן - סטריט און דער פאַרקױפערין פון זאָקן - געשעפט גימפּלזאָן עט קאָמפּ. גאָר אָן פאַרמיטלונג פון צװײ דאָלמעטשערינס, נאָר מחמת... גײ װײס, װאָס פאַר אַ סיבות האָבן געבראַכט דער-צו, אַז פיר יידישע קינדער זאָלן דאַרפן דורכמאַכן אַזאַ קאָ-מעדיע.

# דער רעדאַקטאָר.

לשון - הרע - פעליעטאָן.

— פּאַניע רעדאַקטאָר, איך האָב אַ גלענצנדע אידעע פאַר אַ קאַריקאַטור פאַר דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג פון אונדזער צייטונג „דער פאַרפלשלינגער".

אַזוי האָט געזאָגט דער באַוווסטער קאַריקאַטוריסט פענדזל-שפּיץ צום רעדאַקטאָר פון טעגלעכן „קורייער", מערכאָטיפּכאָ און זיך באַלעקט פון זיין אידעע, ווי פון גוטן איינגעמאַכץ.

— דהיינו? וואָס פאַר אידעע? לאָמיר הערן! — האָט דער רעדאַקטאָר מערכאָטיפּכאָ געזאָגט.

— מיר וועלן אויסמאָלן, ווי אַזוי אַן איידעם באַגלייט זיין שוויגער צו דער באַן און פאַרשפּעטיקט צום צוג... כאַ - כאַ - כאַ!... איר פאַרשטייט נאָר אַ לאַגע: אַן איידעם באַגלייט זיין שוויגער צו דער באַן, מיינט, אַז ער ווערט פון איר פּטור און בלייבט מיט אַ נאָז!... עס איז אַ גאָלדענער איינפאַל! עס וועט זיין אַן אַנטיקל פון אַ קאַריקאַטור. אַזוי חיציק און אַזוי אָריגינעל. עס איז די איראָניע פון שיקזאַל. דער לעזער וועט שטאַרבן לאַכנדיק.

דער רעדאַקטאָר האָט זיך אָנגענומען ביי זיין לינקער וואָנס און זיך פאַרטראַכט.

— מיינט איר, אַז די קאַריקאַטור וועט קיינעם נישט באַליידיקן? וועט עס, חלילה, קיינעם נישט אויפרייצן?

— גאָט באַוואַר! וואָס רעדט איר, פּאַניע רעדאַקטאָר. עס איז אַן אומשולדיקער וויץ, אַ וויץ וועגן אַ שוויגער.

— איז עס אפשר פּאָליטיש נישט גאָר כשר?

— וואָס האָט עס צו טון מיט פּאָליטיק?

— אפשר געזעלשאַפטלעך צו שאַרף?

— ווי קומט אַהער געזעלשאַפט? עס איז אַ פּשוטער גוטמוטיקער וויץ אויף אַ שפּאָגל-נייער טעמע — די שוויגער.

— המם... איך מיין אויך אַזוי, אַז קיין גרויסע סכנה שטעקט דאָ נישט, איך מיין, אַז מען מעג... נאָר... ליתר תוקף וועלן מיר, אַזוי זיך, פון זיכערקייט וועגן, פּרוּוון אָנקלינגען אין אַ צוויי, דריי ערטער.

ער האָט צאַרפּגענומען דאָס טעלעפאָן-רערל און אָנגעקלונגען

— 05-113!... האַלאָ!... ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע?... ווער רעדט? דעפּוטאַט פּעקבאַק? דאָ רעד איך, רעדאַקטאָר מעריכאָטיפּכאָ... אַנטשולדיקט, איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגן. עס איז אונדז צוגעפאַלן אַ מערקווירדיקער געדאַנק פאַר אַ קאַריקאַטור, וואָס זאָל זיין געדרוקט אויף די שפּאַלטן פון דער הומאָריסטישער צבטיילונג פון אונדזער צייטונג. די קאַריקאַטור דאַרף פאָרשטעלן, ווי צַן איידעם באַגלייט זיין שוויגער צו דער באַן און פאַרשפּעטיקט דעם צוג. כאַ-כאַ-כאַ, איר פאַרשטייט די איראָניע פון שיקזאַל! אַן איידעם באַגלייט זיין שוויגער צו דער באַן, מיינט, ער ווערט שוין פון איר פּטור און בלייבט מיט אַ נאָז אַיאָ, אַ גלענצנדע קאַריקאַטור?... ווי מיינט איר, פון שטאַנדפּונקט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז עס גענוג טאַקטיש?... וועט זיך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, חלילה, נישט פילן געטראָפן פון דער דאָזיקער סאַטירע?... וועט זי נישט אויסטייטשן די שוויגער אַלס סימוואָל פון דער „פערטער עליה?" ניין?... און דער „ועד-העירוני" וועט זיך אויך נישט באַליידיקן?... און דער „קרן היסוד?" און „קרן קימת לישראל?" אויך נישט? זיכער נישט?... מעגן מיר עס מאַכן, הייסט עס... דרייסט?... און אפשר זאָלט איר זיך מיישב זיין מיט דעם צ. ק. און געבן מיר אַ תשובה? נישקשה, איך קען וואַרטן ביז אַ זיצונג. און איר אפשר זאָלט צונויפרופן

אַ גענעראַל - פֿאַרזאַמלונג ? ס'לוינט נישט ? אויף אייער פֿאַראַנט. וואָרטלעכקייט ?... אַ דאַנק... אויף ווידערזען ! להתראות !

אַוועקגעלייגט דאָס רערל און ווידער געקלונגען :

— 28 - 177 ! האַלאָ ! ראַבינאַט !! גוט מאָרגן ! אַנטשולדיקט, רבי, וואָס איך שטער אייך. דאָס רעד איך, רעדאַקטאָר מערכאָטיפּכאַ. מיר ווילן מאַכן אַ קאַריקאַטור פֿאַר אונדזער צייטונג... נישט טעמפּעראַטור, נאָר קאַריקאַטור... אַן איידעם גייט באַגלייטן... נישט טויטן, נאָר באַגלייטן... ער באַגלייט זיין שוויגער צום באַן... וואָס פֿאַר אַן עגונה ? וואָס פֿאַלט אייךאיין פֿלוצלונג עגונות ? דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ קאַריקאַטור... נישט שנור, נאָר קאַריקאַטור... אַ געמאָלעריי אַזאַ.. ער פֿירט איר צום באַן... נישט מאַן' נאָר באַן... סטאַציע... וואָקזאַל !... וועל איך אייך בעטן... וואָס פֿאַר אַ גטן ? נישט גטן, נאָר בעטן... איר זאָלט מיר זאָגן, צי וועט עס, חלילה, נישט פּוגע בכּבוד זיין דעם ראַבינאַט ? און צי װעט עס נישט אָנרירן, חלילה, די רעליגיעזע געפֿילן פֿון די אָרטאָדאָקסישע יידן און צי איז עס בכלל נישט מחלל דעם כּבוד התורה. . האַ ? איר זאָגט, אַז נישט ?.. און איר אַליין פֿערזענלעך אויך נישט ? איך ווייס ? אפשר האָט איר אַ שוויגער ?... ניין... איר האָט נישט קיין שוויגער ?.. גוט, אַ יישר כּוח אייך, רבי... השי"תב זאָל צושיקן ישועות ונחמות אויף יידן, אמן סלה, אַדיע !...

אויפגעהאָנגען דאָס רערל, אַראָפּגענומען און ווידער געקלונגען:

— סיים ? אידישע פֿראַקציע ? דעפּוטאַט וואַסערדרעשער ? אַ גוט מאָרגן אייך, הער דעפּוטאַט ! מיר האָבן אַ אידעע פֿאַר אַ קאַריקאַטור... נישט קאָניוקטור, נאָר קאַריקאַטור !.. ווי אַזוי אַן איידעם גייט באַגלייטן אַ פֿאַרפֿלשלינגער אויף די שפּאַלטן פֿון זײַער שוויגער, טפּו, מיין איך, פֿון דער באַן און פֿאַרשפּעטיקט אויפֿן בלאַט... ווי מיינט איר, וועט די פֿראַקציע נישט האָבן דאַקעגן ? איז עס נישט אַנטי - מלוכיש ? איך ווייס ? „שוויגער" — אַנדערע וועלן עס אויסטייטשן „די רעגירונג"... ווי מיינט איר, עס שמעקט מיט גאָרנישט ?... קען מען דאָ נישט איינגעפֿינען קיין רמז, אַז איך רייץ דאָ איין טייל באַפֿעלקערונג קעגן דער

צווייטער?... ניין? און די צייטונג וועט מען נישט קאָנפיסקירן? געדענקט זשע, אויף אייער אחריות!... נו, גוט... אַדיע!...

ער רייסט איבער און קלינגט ווייטער:

— האַלאָ! מיר האָבן אַ גלענצנדיע אידעע וועגן אַ קאַריקאַטור. וואָס? האַ? וואָס?... ווער רעדט? די סטאַציע גאָר? אַנטשולדיקט!... ביטע, גיט מיר דעם „פרויען־פאַריין“... וועלכן נומער? שוין, גלייך!.. 34 - 78!... האַלאָ! מיר האָבן אַ גלענצנדע אידעע פאַר אונדזער בלאַט: אַ קאַריקאַטור באַגלייט אַן איידעם אויף דער באַן און פאַרשפּעטיקט די שוויגער... וויל איך אייך פרעגן, צי אייער „פרויען־פאַריין“ וועט נישט האָבן דאַקעגן... איך ווייס? אַ שוויגער געהערט דאָך אויך צום פרויען־געשלעכט... מסתמא האָט איר דאָך אויך שוויגערס אין אייער פאַריין... ווי? געשטאָרבן? ווער איז געשטאָרבן... מיין שוויגער? חלילה, זי איז דאָך נישט געשטאָרבן... איך דאַרף נישט קיין חברה־קדישא... ווער רעדט? חסד של אמת? נישט דער „פרויען־פאַריין“? מילא, זאָל זיין „חסד של אמת“... איך קען זיך מיט אייך אויך מיישב זיין. מיר האָבן אַ גלענצנדע אידעע פאַר אַ קאַריקאַטור... אַן איידעם באַגלייט אַ צוג אויף די שפּאַלטן פון „פאַרפלשלינגער“... האַלאָ!.. איבערגעריסן!... האַלאָ!... איר הערט?... יאָ... איך וויל אייך פרעגן... ווער רעדט! ווער? פירמע געצעלזאָן עט קאָמפּ?... טריקאָטאַזש־אויסאַרבעטונג? גוט, איך קען זיך מיט אייך אויך מ״ישב זיין... מיר האָבן אַ גלענצנדע אידעע פאַר אונדזער „פאַרפלשלינגער“: אַ שוויגער באַגלייט איר קאַריקאַטור אויפן צוג... וועט עס אייך נישט באַליידיקן?... וואָס?... ווער זידלט זיך דאָרטן?... משוגענער!... איר זייט אַליין אַ משוגענער!... הייסט עס, אַז מען קען מאַכן? וואָס, מיט די זייטן? מאַכט אַליין מיט די זייטן!.. פּאַסקודניאַק!

דער רעדאַקטאָר האָט אָפּגעווישט די שווערע טראָפּנס שווייס פון פאַרפלאַמטן פּנים און זיך געווענדט צום קאַריקאַטוריסט, וועלכער האָט געוואַרט אויף אַ גינסטיקן רעזולטאַט מיט לעכצנדיקע אויגן, און געזאָגט:

— עס גייט אויף אַ דרך. לעת עתה איז קיינער נישט קענען
דער קאַריקאַטור. אַ האָפענונג, אַז מיר וועלן עס קענען מאַכן...
בלויז נאָך איין קלונג אין אַ צוויי־דריי ערטער און מיר זענען
פאַרטיק.

ער האָט ווידער גענומען אַריינרעדן אין טעלעפאָן.

ער האָט גערעדט מיט דער חברה „ביקור־חולים", „טאָז",
„אָרט", מיט דעם גבאי־ראשון פון גאָגאָל־שול, מיט דעם
„שאַך־קלוב", „בונד", „היטל־מאַכער־פאַריין", אַקציען־געזעל־
שאַפט „שנורעוואַדלע", חברה ש"ס, „סוחרים־פאַריין", „לינת הצדק"
און מיט נאָך פיל אַנדערע אינסטיטוציעס, פערזענלעכקייטן און ווי'
אויך מיט עפּעס אַ יידן, וואָס הייסט יששכר־פישל.

ענדלעך האָט ער געמאַכט אַ קליינע הפסקה, זיך אָפּגעווישט
דעם שווייס פון הינטערן קאָלנער און זיך געווענדט צום קאַרי־
קאַטוריסט;

— אַצינד נאָר איינאיינציק קליין קלינגעלע און די זאַך
איז דערלעדיקט:

— 27־180! האַלאָ! ציפּע־דבורה!? דאָס בין איך
דיין מאַן, רעדאַקטאָר מערכאָטיפּכאָ!... איך האָב דיר געוואָלט
פרעגן... מיר פּלאַנעווען דאָ אַ קאַריקאַטור פאַרן בלאַט: אַן איידעם
פירט אַ שוויגער אויף די שפּאַלטן פון פאַרפלשלינגער... ווי מיינ־
סטו, וועט זיך דיין מאַמע, חלילה, נישט באַליידיקן?... ניין? זיכער
נישט?... נו, איז גוט!... געדענק זשע, אויף דיין אחריות... גוט...
צום ווידערזען! קענסט שוין גרייטן צום טיש. איך קום באַלד אויף
מיטאָג.

ער האָט שווער אָפּגעזיפּצט, ווי נאָך אַ שווערער איבערקו־
מעניש... אַריינגעוואָרפן אַ מיענטע־צוקערל אין מויל אַריין, זיך
צו דערקוויקן, אָנגענומען דעם גליקלעכן קאַריקאַטוריסט פאַר די
שפּיצן אויערן און געזאָגט;

— אַי, זייט איר אַ גנב!... נאָר וואָס זאָל איך מיט אייך טון...
אַז אַלע זענען מסכים... קיינער האָט נישט דאַקעגן... און... פון
גרויס געפאַר זענען מיר, דאַכט זיך, אַרויס... נאָר... פונ־
דעסטוועגן... ווייסט איר וואָס? אפשר קענט איר אומבייטן די

ש ו י ג ע ר אויף אַ ש ו ו אָ ג ע ר ? אַן איידעם באַגלייט אַ שוואָגער אויף דער באַן... למאי נפקה מינה?... אָדער ווייסט איר גאָר וואָס איך וועל אייך זאָגן? לייגט עס אָפּ!.. פֿאָלגט מיך און לאָזט אָפּ... צו וואָס זאָלן מיר זיך איינשטעלן און איינרייסן מיט דער וועלט... פֿאָלגט מיך, זוכט עפּעס אויס אַן אַנדער אידעע פֿאַר אַ קאַריקאַטור... בנאמנות!..

## פאַרוואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט מיט מײַן פעליעטאָן.

(אַ בריוו אין רעדאַקציע).

חשובער רעדאַקטאָר!

לויט אונדזער אָפּמאַך האָב איך אײַך באַדאַרפט צושטעלן אויף מאָרגן אַ פעליעטאָן. לויט אײַער פאַרלאַנג — אַן אַקטועלן פּאָליטיש־עקאָנאָמישן פעליעטאָן, וועגן דעם יעצטיקן פינאַנץ־קריזיס, וואַלוטע, סטאַביליזאַציע, אינפלאַציע, סאַנאַציע, דעוואַלו־אַציע, וואַלאָריזאַציע וכדומה אַזעלכע „אַציעס״.

האָב איך תיכּף נאָך מיטאָג זיך אַוועקגעזעצט צו שאַפן דעם דאָזיקן פעליעטאָן. איך האָב שוין אויסגעשפּרייט דעם בויגן פּאַפּיר אויפן טיש, אַרומגערינגלט זיך מיט אַ פּאָר ענציקלאָפּעדיעס, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע טראַקטאַטן, פרעמד־ווערטער־ביכער וכדומה אַזעלכע הומאָריסטישע ווערק. איך האָב שוין גענומען די פּען אין האַנט, גרייט צו שרייבן.

פּלוצלונג קומען אָן דריי דאַמען, מײַן ווײַבס חברטעס: איינע הייסט גוטיע, אַ צווייטע סולימע און אַ דריטע רעגינע.

און אַזוי ווי מיר האָבן נישט מער ווי איין צימער, נעמט זיי מײַן ווײַב אויף ביים צווייטן טיש און עס הייבט זיך אָן צווישן זיי אַ געשפּרעך.

— ביזטו שוין פאַרטיק מאָרגן צום מאַסקן־באַל, זאָשע? (אַזוי הייסט מײַן ווײַב)? וואָס וועסטו אָנטון?

— זאָל מיך אַזוי וויסן בייז. איך רעכן אָנטון אַ געוויינלעך

קלייד אויפן קאָפּ אַ פּאַרוק מיט אַ מאַסקע און יוצא. און וואָס וועסטו טון?

— איך וועל מיר קריגן אַ פּיזשאַמע. אַ פּישזאַמע איז היינט העכסט מאָדיש... אויף ביעלאַנסקע שטייט אַרויסגעשטעלט אַ פּראַכט־פּולע פּיזשאַמע, אַ גראַנאַט־זיידענע פּיזשאַמע מיט רויטע סקוזשאַנע סטיאָנזשקעס. האָסט געזען?

— שוועטניע! צודראָוונע!

— און איך האָב נישט ליב קיין הויזן.

— און איך האָב דווקא ליב הויזן. טאָ מניע באַרדזאָ דאָ טוואַזשי.

— און איך מיין, אַז שוין הויזן, איז בעסער אַ „פּעראָט" אָדער אַ „פּאַזש". ווי מיינסטו, גוטיע?

— און איך וועל מיר מאַכן „אַן אָבטיסלי" סטאַניטשעק פון פּלאָרא־זייד, הינטער אַרום מיט קלאָשן, פאָרנט פאַרהאַפט מיט „ספינקס" און מיט „דזשעט".

— ביי זמיגרידער אין פענסטער האָב איך געזען אַזאַ קליידי באַדזוויטשיינאַ!

— האָסט אַ טעות. דאָס איז כינסקי האַפּט.

— נישט כינסקי, נאָר רישעליע!

— נישט רישעליע, נאָר כינסקי!

— דו ביזט אַן אידיאָטקע!

— ביזט אַליין אַן אידיאָטקע!

— און איך זאָג דיר, אַז דאָס בעסטע איז „אַ מאַרקיזע". אויפן בויך „אָנגעקליבן", פון הינטן „פּאַרנומען", ביי די זייטן „געקנייטשט" און מיט צוויי קאָנטראַפּאַלדן פון אונטן.

— זאַכוויצעניע!

— און דעם קאָפּ?

— דעם קאָפּ „אויפשלאָגן".

— בעסער אָנדאָלירן. אַרומבינדן מיט אַ באַנט און מיט אַ שלייף, און מיט פאַראַדיזן און מיט אַ שטרויס־פעדער און מיט...

— צאָ זאַ זאַווראַצאַניע גלאָווי! שוין בעסער לאָקאָנעס, אַלאַ ליודוויק דער 14־טער.

— מיינסט, ליודוויק דער 16 - טער!
— דער 14 - טער.
— מיין איך, דער 15 - טער!
— איר האָט אַלע אַ טעות, ליודוויק דער איין און צוואַנציקסטער!
— ביזט אַן אידיאָטקע!
— ביזט אַליין אַן אידיאָטקע!
— האָסט זיך פאַרגעסן, אַז צו לאָקאָנעס דאַרף מען האָבן אַ קרינאָלינע.
— אויך מיר אַ מציאה. איך וועל נעמען מיין באַטיק-קלייד, אונטערשלאָגן מיט קלאָשן, פוןביידע זייטן קאָקאַרדעס, אויבן אַ פאַנטאַזיע-סטאַניק און עס וועט זיין אַ קרינאָלינע, אַלאַ שיק ז'מאַרמאַלאַדאָן!
— און איך האָב די קרינאָלינעס. אַלע האָבן זיך היינט אָנגעטון אין קרינאָלינעס. איך וועל מיר בעסער פראָסט אָנטון אַ פאָקסטראָט-קלייד פון שיפאָן-דעוועליור מיט פאַנטשאָכי פאָקסטראָט מיט שילדקראָטעווע פאַנטאָפל.
— שוין בעסער באַיאַדערע.
— בעסער שימי!
— באַיאַדערע!
— שימי!
— ביזט אַן אידיאָטקע!
— ביזט אַליין אַן אידיאָטקע!
— האָסט געזען ביי הערזען?
— שוויעטניע!
— און איך וועל מיר גאָר דורכגיין אויף שוו. קשיסקאַ און אויסבאָרגן אַ קאָסטיום פון אַ ציגיינערין.
— בעסער אַ קאָלאָמבינאַ.
— אַך, קאָלאָמבינאַ!
— אפשר אַ הישפאַנקע! פאַראַיאָרן האָב איך זיך אַזוי „געבאַוועט".
— איך האָב זיך אויך „געבאַוועט".

— באַיעטשניע!

— — — — — — — — — — —

אַזוי האָבן די פיר חוהס טעכטער גערעדט פון דריי נאָך מיטאָג ביז 6 פאַרנאַכט. זיי האָבן גערעדט גיך, מיט אַפּעטיט, איבערשלאָגנדיק איינע די אַנדערע. נאָך זעקס אַ זייגער האָבן זיי שוין גערעדט זאַלבאַצווייט און זאַלבאַדריט, געגלעקלט און גע־גרעגערט אָן אויפהער. אַרום עלף - צוועלף האָבן זיי שוין גערעדט אַלע פיר צוזאַמען מיט אַמאָל אין כאָר און עס איז געווען אַ יאָגעניש פון ווערטער, אַן אויסכאַפּעניש, אַן איילעניש. דאָס גאַנצע צימער איז פול געווען מיט רעדעכץ. אין דער לופט איז געשטאַנען אַ הודזעניש און אַ זשומען פון ווערטער:

— שיפאָן וועליור... רויטן קרעפּ... באַיאַדעראַ... פּאָקס - טראָט... קרעפּ - זשאָרזשעט... גאָלדענע פּאַנטאָפל... שטרויס - פעדערן... קאָקאַרדעס... פאַלדן... קלויבעניש... פאַרנעמעניש... הינטן... פאָרנט... האַר... זאָקן, זאָקן, זאָקן...

איך בין געזעסן ביים שרייבטיש אַ מטושטשער און נאָך אַלץ געהאַלטן די פען אין האַנט... אין קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט אַ זאווערוכע, אַ גרעגעריי פון אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, ווי טויזנט לעכערדיקע זעק זאָלן שיטן מיט אַרבעס אויף פויקן. אַ גרילצעניש פון פולעמיאָטן און דזשאַזבאַנדן.

האַלב איינס ביינאַכט האָט מיר מיין ווייב מכבד געווען צו באַגלייטן אַלע אירע חברטעס אַהיים.

און אָט פאַרוואָס, פּאַניע רעדאַקטאָרשע - לעבן, איך האָב נישט „זשדאָנזשעט" אויף היינט מיט מיין פּאָליטיש - עקאָנאָמישן פעליעטאָן.

איך מיין, אַז אַ ייד, אַ באַווייבטער, ערב אַ מאַסקן - באַל איז בכלל נישט נוטה צו שרייבן אַרטיקלען ובפרט נאָך הומאָריס־טישע פעליעטאָנען. דער מאָמענט איז צו ערנסט.

איר וועט, אַלזאָ, מוזן זיך באַגיין היינטיקס מאָל אָן מיינעם אַ פעליעטאָן. האָט נישט קיין פאַריבל.

מיט גרויס דרך ארץ.

## גייסטיקע געשפּרעכן.

נאָכמיטאָג.

אויף דער זון־טעראַסע פון פּענסיאָנאַט „די גאָלדענע יויך" ליגן אויסגעלייגט אַ צענדליק ווייבער. ליגן אויף די וויג־שטולן, לעזשאַקעס, בעטלעך, דיקע, אויסגעפּאַשעטע, מיט גוידערס ווי טאָר־בעס, ליגן, פּריען זיך אויף דער זון; זענען שטאַרק באַשעפטיקט מיט פאַרדייען דעם מיטאָג, וואָס זיי האָבן נישט לאַנג אָפּגעגעסן און פירן דערביי אַ העכסט־גייסטרייכן שמועס.

— פּאַני באַלבינאַ, אַ, פּאַני באַלבינאַ! האָט איר היינט פּאָס־מאַקעוועט די לעגאָמינע? — פרעגט איינע אַ יידענע, ווי אַן איבערגעבונדענער קישן ביי איר קאָלעגין, אַן עסערין „פּאָ־פּאַכו".

— ווייס איך וואָס! — ענטפערט די חברטע, אַ דאַמע מיט אַ גרויסן בויך, ווי דער רוימישער קאָלאָסעאום — ווער קאָן דען עסן? מער ווי צוויי שטיקלעך לעגאָמינע האָב איך נישט געקאָנט אויפעסן. עס קריכט מיר שוין פון האַלדז דאָס גאַנצע עסן, די לע־גאָמינעס מיט די קאַקאַאָ, מיט די מילך... וויי מיר, נעבעך, אַז עס דריקט מיר אונטערן האַרצן. איך עס און עס דריקט מיר אונטערן האַרצן. אַז איך הער ווי דאָס גלעקל קלינגט צום טיש, פאַלט מיר איין דאָס האַרץ.

— און איך מיין, אַז מען גיט דאָ גאָרנישט אַזוי פיל צו עסן, — פאַלט אַריין אַ דריטע יידענע מיט אַ פּנים פון געפּעקלטן

פלייש. — ביי די פעפערשמעקערס אין פענסיאָנאַט גיט מען אַ סך מער צו עסן. דאָרט קאָן מען עסן, עסן און עסן...

— וויפל, אַ שטייגער, גיט מען דאָרט אייער צום פריש־טיק? זי זענען דאָך, דאַכט זיך, דאָרט געזעסן און געגעסן אַ לענגערע צייט?

— וויפל אייער? ווארטן זי נאָר. לאָמיר זיך נאָר דער־מאָנען. דאַכט זיך, פינף אייער, און אפשר טאָקע די גאַנצע זעקס. יאָ, יאָ, גאַנצע זעקס אייער!

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, מען האָט שוין געקלונגען צו פּאָדוויעטשאָרעק?

— און ביי ליבערמאַנען אין פענסיאָנאַט שטעלט מען אַוועק די גאַנצע שיסל אייער און קלאַפּ דיר, וויפל דיין האַרץ גלוסט. קלאַפּ און עס, קלאַפּ און עס!

— ווער זאָל אַזוי לעבן?

— מיר אַלע זאָלן אַזוי לעבן! קלאַפּ דיר אָן אַ פולע גלאָז, כאָטש סאַמע „זשולטקע".

— הערט נאָר, דאַכט זיך, מען קלינגט צו פּאָדוויעטשאָרעק, ווי מיינט איר?

— מען קלינגט נישט, עס דאַכט זיך אייך אויס.

— און איך האָב ליב אַ יאַיעטשניצע.

— אַ וועלכע יאַיעטשניצע גוסטירן זי, מאַדאַם? אַ „גענסטע" אָדער אַ „זשאַדקע".

— איך, פּראָשען פּאַני, האָב ליב „אַ סאַדזאָנע נאַ ציבולקע".

— לאַנג לעבן זאָלט איר. דאָס איז דאָך מיין מאכל. איך פאַר אַ „סאַדזאָנע יאַיעטשניצע נאַ ציבולקע" וועל אוועקגעבן מיין גאַנצן לעבן. מיר האָבן אַזעלכע גלייכע געפילן און אַמביציעס.

— און איך, איר זאָלט מיך הרגענען, איך זאָל עסן אַ יאַיע־טשניצע. איך האָב ליב אַ „יאַיקע וו׳סקאָרלופּצע". דען איך האָב נישט קיין „זאַופאַניע" צו אַן איי. איך, אַז איך עפן אויף אַן איי, מוז איך צוערשט אַרומטראָגן איבערן טיש און געבן אַלעמען

צו שמעקן, און ווען אַלע זאָגן מיר, אַז עס איז פריש, וועל איך ערשט דעמאָלט עסן. אַזאַ נאַטור האָב איך. עס איז שוין ביי אונדז אַזאַ פאַמיליען-כאַראַקטער: קיין פאַרשטונקענע אייער וועלן מיר נישט עסן, איר זאָלט אונדז אָפּגילטן.

— און איך האָב ליב „יאַיקי דאָ שקלאַנקי", מחמת מ'קען אַהין אַריינטון אַ גאַנץ פערטל פוטער.

— און איך דאַרף נישט האָבן קיין גאַנצע שיסל מיט איי-ער, — רופט זיך אָפּ אַ נייע יידענע פון אַ בעטל אַרויס; אַ לאַנגע מגושמדיקע יידענע מיט וואָנסן און מיט אַ מאַנסבילשער שטים. — וואָרים איך בין גאָר אַ קליינע עסערין. ביי מיר, אַז איך עס אויף דער ערשטער „שניאַדאַניע" אַ „קלייאיטשעק אָוושאַני" מיט גזשי-בקעס, עטלעכע זעמל מיט פוטער, מיט שווייצאַר-קעז, אַ טעלערל קאַרטאָפל מיט זויער-מילך, אַ שיסעלע שמאַנט מיט פּאָזיאָמקעס, מיט עטלעכע שטיקלעך הערינג מיט פּאָמידאָרן, מיט אַ סאַרדינקע, מיט רעטעכלעך, מיט אַ פּאָר שטיקלעך אוגערקעס און 4 האַרטע אייער און פאַרטרינק מיר מיט אַ גלאָז קאַקאָאָ — איז מיר שוין די צווייטע „שניאַדאַניע" שווער צו עסן, מחמת עס דריקט מיר אונ-טערן האַרצן...

— פּאַני באַלבינאַ, דאַכט זיך, מען קלינגט שוין ווידער צום פּאָדוויעטשאָרעק? האַ?

— ניין, עס דוכט זיך אייך אויס, איר זענט נערוועז.

— האָט איר זיך געוויגן היינט, פּאַני קירבעס?

— נאָך נישט. אָבער איך מיין, אַז איך האָב צוגענומען אַ צוויי — זעקס קילאָ.

— און איך בין דווקא דאָ געוואָרן שצופּלער, — זאָגט די יידענע מיטן בויך, ווי דער רוימישער קאָלאָסעאום.

— איז עס וואָר? אויפן פּנים זעט איר, קיין עין הרע, אויס קיילעכדיק, ווי אַ באַליע.

— מאָיאַ דראָגאַ! גיבן זי מיר נאָר אַ טאַפּ אָט דאָ אונטן ביים ריפּ, וועלן זי זען, אַז איך בין מער זגראַבנע.

— איר האָט מזל, פּאַני, און איך, וויפל איך זאָל נישט עסן, קאָן איך נישט ווערן שצופּלע.

— און איך בין פון פענסיאָנאַט גאָרנישט צופרידן. דער דאָקטאָר האָט מיר געהייסן עסן וועגיטאַרישע עסנס: בעט איך, מען זאָל מיר געבן עפּעס וועגיטאַרישעס, גיט מען מיר מייערלעך, קאַלאַפיאָר און אנדערע יאַזשינקעס און קיין ברעקל געדנזנס זע איך נישט פאר די אויגן.

— פאני ברוכבאנד, וואָס עסט איר דאָ ביי אייך פון זע־קעלע? טרוסקאַווקעס? וואַרפט נאָר צו אַהער א פּאָר טרוסקאַווקעס. עס דריקט מיר אזוי אונטערן לעפל.

— מען קאָן דאָ, אפנים, פאַרלירן אין וואָג, אז קיין איין דעליקאַטע שפּייזע גיט מען דאָ נישט. זאָל מען דאָס אמאָל געבן כאָטש א געוועגזלטן הערינג.

— געזונט און שטאַרק זאָלט איר זיין, פּאַני לעבן! — כאַפּט זיך אויף אַ ליטוויש ווייבל. — געוועגזלטער הערינג איז דאָך מיין חיות. געוועגזלטער הערינג גייט דאָך ביי מיר פון שטוב נישט אַרויס. מיין מאַן וועט דאָך נישט גיין צום טיש, ווו עס זאָל נישט זיין קיין געוועגזלטער הערינג! וואָס פאַר אַ „פּאָדאָבנע" נאַטורך מיר האָבן.

— און מיין מאַן האָט ליב האַרטן קעז.

— און איך עס פּרינציפּיעל נישט קיין צוויי פליישן צו מיטאָג, דערפאַר זע איך אויס אַזוי דעליקאַט, — פאַלט אַריין די יידענע מיטן מאַנסבילשן קול. — איך עס מיר בלויז דאָס ער־שטע פלייש: „אַ שניצל ציעלענצי", „אַ שטוקא מיענסא", „ציע־לענצינאַ וו'ביגאָשע" אָדער „צעילענצינאַ פּעטשאָנאַ", „מאָס־טעק", „וואָנטרובקאַ"... דערצו נאָך מיט אַ ביסעלע יאַזשינקע, אָדער קליסקעלעך, אָדער „פּולפּיטלעך" און שוין. איך וויל שוין דאָס צווייטע פלייש נישט עסן, סיידן דאָס צווייטע פלייש וועט באַ־שטיין פון קורטשאַק, הון, אינדיטשקע, אָדער געדנזנס, אָדער אַ געבראָטענעם קאָטלעט. דאָס מוז איך דאָך עסן, ווייל געפליגל — דאָס איז דאָס אייגציקע פלייש, וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר דער־לויבט צו עסן פאַר מיין שוואַכן געזונט. רינדערן פלייש טאָר איך צום מויל נישט נעמען. אַבי וואָס, דריקט מיר שוין אויסערן האַרצן, אז איך קען נישט עסן. איך בין איבערהויפּט אַ קליינע עסערין...

— עסן דאַרף מען קענען, מײַן פרײַנט, — זאָגט די ײדענע מיטן גרויסן בויך. — מײַן מאַן, עליו השלום, פלעגט זאָגן, אַז עסן איז אַ קונסט... אַ מאָגן איז געגליכן צו אַ וואַליזע. האָט איר אַמאָל געזען, ווי מען פּאַקט אַ וואַליזע? אײנער לײגט אַרײַן אַ פּאָר שטיקלעך און די וואַליזע איז שוין פול, און אַן אַנדערער אָבער לײגט און פּאַקט און די וואַליזע איז נאָך אַלץ לער. דאָס איז ווײַל ער ווײס ווי צו פּאַקן. אַ מאָגן איז אױך אַזױ. יעדער ביסן האָט זיך זײַן אָרט, מען דאַרף װיסן װוּהין אַראָפּצעלאָזן. אַז מען ווײס, ווי צו פּאַקן דעם מאָגן, קען מען עסן און עסן און עסן.

— און ווי עסט איר דעם קורטשאַק, פּאַני קירבעס, „סמאַזשאָני" צי „פּעטשאָני"?

— „סמאַזשאָני", נאָר „סמאַזשאָני", פּאַני ברוכבאַנד.

— און איך עס נאָר „גאָטאָוואַני". אַזאַ פּרינציפּ איז עס בײַ מיר.

— און איך עס נאָר „זאַדניע קורע".

— האָט איר געהערט, קאָביעטי? הײַנט צו „פּאָדוויעטשאָרעק" וועט מען געבן אַ „קרופּניטשעק!" — איז מודיע אַ דיק ווײַבל.

— ווידער אַ „קרופּניטשעק"? מיר ווילן נישט קײן קרופּניטשעק!

— האָסטו געהערט? אַלע טאָג אַ קרופּניטשעק. מיר פּראָטעסטירן!

— בײַ לײטן גיט מען אַמאָל אַ באָבעלע, נאַליעסניקעס...

— אַ באָבעלע! אַ באָבעלע! נאָר אַ באָבעלע! אַנדערש גײען מיר נישט צום טיש.

עס ברעכט אויס אַ שרעקלעכער בונט פון ווײַבער. אַ רעוואָלוציע קעגן קרופּניטשעק. עס דערהערט זיך אַ קלונג. מען קלינגט צו „פּאָדוויעטשאָרעק". די ווײַבער הײבן זיך אָן צו רירן פון זײערע געלעגערס. אַ סקריפּערײַ און געקרעכצערײַ: „אַך, דאָס עסן, ווידער דאָס עסן, נישט אויסצוהאַלטן פון גלעקל".

די ווײַבער שטײען אויף, מאַכן זיך אין אָרדנונג און רופן אײנס דאָס צווײטע:

— קומט שוין, קומט צום טיש. אַז מיר וועלן פריער אָפּ־עסן „פּאָדוויעטשאָרעק“, וועלן מיר מיט מער אַפּעטיט קענען עסן קאָלאַציע.

די צען ווייבער לאָזן זיך אַוועק ווי אַ טשערעדע אויף פּאַשע. די טעראַסע ווערט ליידיק.

## צוויי מענטשן — צוויי מזלות

אַזוי איז עס.
אַז עס גייט — גייט, און [illegible] עס גייט נישט, איז כאָטש טו
ז ך אָן א מעשה.
דאָס גליק, ווי דאָס אומגליק, האָבן זייער שטיקל צייט.
שפּילט עמעצן דאָס שטיקל צייט זיין גליק, גייט פון טיר און פענסטער. אַלץ געלינגט אים, אַלץ געראָט אים. און טוט זיך, חלילה, פון עמיצן אָפּ דאָס מזל, גייט אַלץ מיטן פוטער אַראָפּ, אַלץ קאַפּויר, שלים - שלים - מזל.
און הייבט מען זיך אָן אַריינטראַכטן אין דער דאָזיקער דערשיינונג, פאַרדרייט זיך אַזש דער קאָפּ פון געהיימניספולקייט פון מענטשנס גורל, און מען דערזעט פאַר זיך אַ תהום פון אומפאַר-שטענדלעכעס, מיסטישעס, פאַטאַליסטישעס וכדומה.
ווער האָט כוחות דערצו?
טאָ לאָמיר בעסער איבערלאָזן דאָס טראַכטעניש מיט די חקירות פאַר די פילאָזאָפן מיט די אייזערנע קעפּ און שטאַרקע הערצער און מיר וועלן אייך בעסער געבן אַ פּשוטע שילדערונג פון דעם, ווי אַזוי דעם בר - מזל גייט פון אַלע זייטן און דעם שלים - מזל, אַז עס הערט אים אויף צו גיין, גייט עס נישט ביזן סוף.

---

צווי מענטשן, צווי קאָרטנשפּילער. איינער — אַ געווי־
נענער, דער צווייטער — אַ פאַרשפּילטער. ביידע
האָבן געשפּילט אַ גאַנצע נאַכט אין קאָרטן. איינעם איז געגאַנגען,
דעם צווייטן — נישט.

וואָס פּאַסירט ווייטער מיט דעם, וואָס האָט געוווּנען, און
וואָס פּאַסירט מיט דעם, וואָס האָט פאַרשפּילט?

געוויינלעך פּאַסירט עס אַזוי:

שפּעט אין דער נאַכט, אַזוי אַרום אַ זייגער האַלב נאָך פינף,
שטייט אויף דער געווינענער מיט פולע קעשענעס געלט
און מיט אַ פול האַרץ מיט שמחה. ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס
און לאָזט זיך גיין. אין פאָדער־צימער זוכט ער די דינסט, צו
איבערלאָזן איר אַ פּאָר מאַרק. נאָר צו זיין מזל איז די דינסט
אַוועק אויף אַ גאַנצע נאַכט און ער איז פּטור בכלום.

ער גייט אויף די טרעפּ, ער וויל אָנצינדן אַ שוועבעלע,
נאָר ס'איז איבעריק. די טרעפּ זענען באַלויכטן. מען האָט פאַרגעסן
אויסלעשן דאָס ליכט.

ער קומט צו צום טויער. בזו הרגע קומט אָן עמעצער אַ
פּראַנט פון דער גאַס, פון אַ מאַסקן־באַל און קלינגט אין טויער.
דער סטרוזש עפנט אויף דעם טויער און אונזער בר־מזל גייט
אויף דורך בהרחבה.

אין דרויסן קומט אים אַנטקעגן זיין נאַכט־טראַמוואַ, וואָס
פירט אים אָפּ צום סאַמע הויז.

עס הונגערט אים אַ ביסל, נאָר בזו הרגע קומט אונטער אַ
יידענע מיט פרישע, וואַרעמינקע בייגל. ער עסט זיך די פרישע
וואַרעמע בייגל. בינה לבינה גייט פון זיין הויף אַן אַרבעטער צו
דער אַרבעט. דער טויער ווערט אויפגעעפנט און אונדזער בר־
מזל גייט צו זיך אין שטוב אַריין.

דאָס ווייב שלאָפט ווי געהרגעטע. ער לייגט זיך אין בעט
אַריין, שלאָפט איין מיט זיסע חלומות און זעט גאָלע מלכים מיט
טייז און זשעברעוועט די גרויסע מאַטניעס.

אויף מאָרגן פרעגט אים דאָס ווייב: ווען ביזטו געקומען?
ער ענטפערט:

— אַרום צוועלף.

און דאָס ווייב גלויבט אים.

אַ בר־מזל.

---

אַזוי געשעט מיט דעם ג ע וו י נ ע נ ע ם. מיט דעם פאַר־שפּילטן געשעט עס אַנדערש.

---

האַלב נאָך פינף שטייט ער אויף אַ פאַרצאָרנטער, אַ צעקלעמטער, אַ צעפּלאַמטער, ווי מען וואָלט אים גוט אויסגעפּאַטשט. אין די קעשענעס איז אַ מערקווירדיקע פּוסטקייט. ער וויל פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס. ער זוכט און געפינט נישט, ווייל אַלע האָבן היינט געוויכערט בלויז זיינע פּאַפּיראָסן. ער באָרגט ביי דעם באַלעבאָס אַ פּאָר מאַרק פאַרן סטרוזש. אין פּאָדערהויז קומט אים גראָד אָן די דינסט אַנטקעגן און ער גיט איר אַוועק די געבאָרגטע פּאָר מאַרק. אויף די טרעפּ איז פינסטער. וויל ער אָנרייבן אַ שוועבעלע, האָט ער נישט. עמעצער פון די שפּילער האָט ביי אים די שוועבעלעך אַוועקגעבאָרגט און אים עס נישט צוריקגעגעבן.

קומט ער מיט סכנות אַראָפּ פון די טרעפּ און נעמט זיך דרייען אין פרעמדן פינסטערן הויף, טאַפּט די ווענט, זוכט דעם סטרוזש. דרייט ער זיך אַזוי אַ האַלבע שעה און קען נישט געפינען. קריכט ער אַרויף צוריק צו זיין פריינט, וווּ ער האָט געשפּילט אין קאָרטן און קלאַפּט אין טיר. מאַכט מען אים אָפּ הינטערן טיר, וווּ דער סטרוזש וווינט, קריכט ער צוריק אַראָפּ און טאַפּט ווידער אַ וואַנט, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס הייבט אָן צו שאַריען אויף טאָג.

באַמערקט ער דעם סטרוזשס טיר. קלאַפּט ער אָן. קומט רויס דער סטרוזש און וואָרטשעט. עפנט דעם טויער. האָט אונדזער שלים - מזל נישט וואָס צו געבן דעם סטרוזש, און לויפט דורך בחפזון. גיט דער סטרוזש אַ האַק מיטן פאָרטקע און האַקט שיער אים נישט אָפּ ביידע פיס.

אויף דער גאַס רעגנט גראָד. האָט ער דעם פּאַראַסאָל פאַרגעסן ביי זיין פריינט אויבן, שטייט ער אויפן רעגן און וואַרט אויפן טראַמוואַי. גייען דורך אַלע טראַמוואַיען, נאָר נישט דער, וועלכן ער באַדאַרף.

ענדלעך קומט אָן זיין טראַמוואַי. לאָזט דער קאָנדוקטאָר נישט אַרויף: דער טראַמוואַי איז קאַליע און פאָרט אין רעמיזע.

לאָזט ער זיך גיין צופוס. קומט אָן אַן אַסיניזאַציע - וואָגן און גייט מיט אים דעמזעלבן וועג און באַגלייט אים ביז זיין טויער צו.

עס הונגערט אים. קומט צו אַ יידענע מיט פרישע, וואַרעמע בייגל, נאָר ער האָט נישט פאַרוואָס צו קויפן.

נעמט ער קלינגען אין טויער מיט רוגזה, ביז ער רייסט אָפּ דאָס גלעקל. נעמט ער קלאַפּן אין טויער. כאַפּט זיך אויף דער גאַנצער הויף. כאַפּט זיך אויף דער סטרוזש און לויפט אַרויס מיט רציחה: „ווער ברעכט עס דעם טויער?!" כאַפּט זיך אונדזער שלים - מזל אַדורך דעם טויער מיט סכּנות - נפשות, לויפט צו זיך אויף די טרעפּ, שליסט אויף דעם קלאַפּשלאָס, נאָר די טיר עפנט זיך נישט. דאָס קייטל איז פון אונטן פאַרלייגט. לאָזט ער זיך צוריק פון די טרעפּ און גייט מיט דעם הינטעראייבגאַנג. וועקט אויף די דינסט. גנבט זיך אַריין אין שלאָף - צימער, ווי אַ גנב. ער האָט מורא אָנצינדן פייער, דאָס ווייב זאָל זיך נישט אויפכאַפּן. נעמט ער זיך אויסטון אין דער פינסטער, וואַרפט ער אַראָפּ אַ וואַזאָן פון נאַכט - שענקל. כאַפּט זיך אויף דאָס ווייב מיט אַ ירגזון און פרעגט:

— ווי שפּעט איז איצט?

ענטפערט ער:

— צען מינוט צו צוועלף.

בזו הרגע הייבט אָן שלאָגן דער זייגער און שלאָגט אָפּ — גאַנצע זעקס.

כאַפּט ער פון דעם ווייב אַ פּאָרציע מיט אַ הבטחה אויף מאָרגן אי"ה צו „פּאַרבעסערן".

ענדלעך לייגט זיך אונדזער שלים-מזל אין בעט אַריין, אין מיט אַ פּוסטן מאָגן, מיט אַ האַרץ-קלעמעניש און מיט אַ טרויעריקער פּערספּעקטיוו צו כאַפּן מאָרגן פון דעם ווייב דעם גוטן „פּאַטשאַנטעק", ווערט ער איינגעשלאָפן אין אַ שווערן קאָשמאַר און זעט בייזע חלומות, שלעכטע קאָרטן און גרויסע פאַרלוסטן. און אַזוי און אַזוי.

צוויי מענטשן — צוויי מזלות.

# שפּאַסיקע
# סצענקעס

## בריליאַנטן.

(אַ שפּאַס פון וואַרשעווער לעבן אין איין אַקט)

פאַרשוינען:

אַ בעל-מלאכה, אַ גאַליציאַנער, אַ רעדאַקטאָר, אַ רוסישער ייד, אַן ז׳ויסלענדישער ייד און אַן עמיגראַנטקע.

(אויף אַ באַנק אין שטאָדט-גאָרטן זיצן דריי יידן: רעכטס אַ חסידיש יידל, אַ וואַרשעווער, אין אַ קליין היטעלע, אַ שוואַרץ בערדל, לאַנגער מאַנטל — אַרבעטסלאָזער בעל-מלאכה. אין מיטן אַ ייד מיט אַ געלער באָרד, אין אַ פוטער, אין אַ פוטערנעם היטל — אַ גאַליציאַנער סוחר. לינקס: אַ ליטוויש יידל אָן אַ באָרד און אָן וואָנסעס, אין אַ האַרטן קאַפעלוש, ברילן, אַ פּאָרט-פעל אונטערן אָרעם — אַ גאַזעטן-שרייבער. דער גאַליציאַנער האַלט אַ צייטונג און לייענט).

...איז דער סוחר ק. פון פרוזשאַנע געקומען קיין וואַרשע קויפן סחורה פאַר 275 דאָלאַר. זיצנדיק אין שטאָדט-גאָרטן, איז צו אים צוגעקומען אַ פאַרשוין און אָנגעשלאָגן אים אַ פּאָר בריליאַנטן פאַר שפּאָט ביליק. ק. האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער מציאה, ווי אָן אַ הייסן קאַרטאָפל, און באַצאָלט די 275 דאָלאַר, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך. גלייך אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בריליאַנטן זענען פאַלשע, פשוטע גלעזלעך. דער סוחר איז פון גרויס אַנטוישונג...

בעל-מלאכה: וואָס איז אַנטוישונג?

גאַליציאַנער: ראָספּאָטש.

גאַזעטן־שרייבער: יאוש.

בעל־מלאכה: אהאָ!

גאַליציאַנער (לייענט ווייטער): האָט פון גרויס אַנטוישונג געחלשט. מען האָט אים קויב געקענט דערמינטערן. דער שווינדלער איז נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. דער סוחר ק. איז געקומען צו לויפן צו אונדז אין רעדאַקציע, ווען וואָס מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם דאָזיקן נאָטיץ. פּאָליציי זוכט דעם שווינדלער. אָבער אומזיסט... יידן! ווי לאַנג איז דער שיעור צו לאָזן זיך גענאַרן פון די דאָזיקע בריליאַנטן־שווינדלער!...

בעל־מלאכה: יאָ, יאָ, שיינע מעשיות.

גאַזעטן־שרייבער: דאָס האָב איך טאַקע באַשריבן די געשיכטע.

גאַליציאַנער: זענט איר אַ שרייבער?

גאַזעטן־שרייבער: געוויס. איך בין אַ רעדאַקטאָר. איך שרייב דאָס די נייס אויפן בלאַט.

גאַליציאַנער: אַז עך פאַרשטע גאָרנישט... פאַניע רעדאַקטאָר, הערט איר, מען שרייבט און מען שרייבט און אַלע טאָג קומען פאַר די נעמלעכע שווינדלערייען.

גאַזעטן־שרייבער: נאַראָנים, אייזלען, פאַרשטאָפּטע קעפּ — לאָזן זיך פאַרפירן.

בעל־מלאכה: און איך פאַרשטיי גאָרנישט דעם חשק, די זשעדנעקייט פון מענטשן צו קויפן מציאות אויף דער גאַס ביי ווילד־פרעמדע מענטשן, עפּעס אַ קליפּה, רחמנא לצלן, אַ כישוף! וווּ איז דער קאָפּ?

גאַליציאַנער: טפּוש אַ ייד! ער דערזעט אַ שטיינדל, פאַרגעסט ער אַלץ און פאַלט אַריין. אַ וועלט מיט אידיאָטן!

בעל־מלאכה: און די חברה גנבים ווייסן. זיי דערקענען אָן דער נאָז. זיי האָבן שוין זייערע קרבנות.

גאַזעטן־שרייבער: בהמות, חמורישע קעפּ, אַ מצווה אויף זיי! זאָל זיך זיי נישט גלוסטן צו כאַפּן מציאות. מיך וועלן זיי, די שווינדלער, נישט אָפּנאַרן, ווי לאַנג קרענקען זיי!

גאַליציאַנער: און עך זאָג, אַז ווען איך בין די מאַכט, וואָלט איך איינגעזעצט נישט דעם פּאַרקויפער פון די בריליאַנטן, נאָר דווקא דעם קויפער. ערשטנס, איז אויב דו קויפסט ביליק בריליאַנטן, ביזטו דאָך מסתמא זיכער, אַז די בריליאַנטן זענען געגנבעטע... וואָרים כשרע בריליאַנטן וועט דיר קיינער ביליק נישט פאַרקויפן. הייסט עס, אַז דו ביזט אַ פּאַסער. דו קויפסט אויף געגנבעטע סחורה. והשנית, באַדאַרף מען דיר סתם אָנלערנען. וואָרים קיינער איז נישט מחויב, אַז צוליב דיין אידיאָטיזם זאָל די גאַנצע פּאָליציי מיט דער אויספאָרשונגס־מאַכט דאַרפן זיין שטענדיק אויף די פיס.

בעל־מלאכה: און יאַך? אַ מכה וועלן זיי נאַרן! זאָלן זיי זוכן אַנדע־רע יאָלדן, אַ פייער זוכט זיי! יאַך בין אַ וואַרשעווער. יאַך בין „פשיטאָמנע”, מיך וועלן זיי מיט זייערע גלעזלעך נישט „טשאַקען”! איך וואָלט שוין געוואָלט פּאַקן אַזאַ איינעם, איך וואָלט אים געוויזן גלעזלעך!..

גאַליציאַנער: און עך בין אַ לעמבערגער! מעך וועלן זיי אויך נישט פאַרפירן. עך האַלט קאָפּ. עך בין אַ סוחר.

גאַזעטן־שרייבער: און מיך וועלן זיי אַוודאי נישט נאַרן... איך בין אַ רעדאַקטאָר, איך שרייב וועגן די דאָזיקע מעשיות 10 מאָל אַ טאָג. איך בין אַ פּסיכאָלאָג. איך וועל אַזאַ איינעם דערקענען תיכּף אָן פּרצוף. צו מיר וועלן זיי נישט צוגיין. (עס קומט צו אַ פּאַרשוין, וואָס זייט ווייסן ווימען צו באַאַרבעטן... זעט אויס ווי אַ רוסיש יידל, אין אַ קורטקע, שטיוול, באַראַשקאָווע היטל מיט אויערן, זעצט זיך ביים עק, רעכטס, רוקט זיך ביסלעכווייז צו און כאַפּט אַ קוק צום גאַליציאַנער אין צייטונג אַריין).

רוסישער: איזוויניטיע, פּאָזשאַלויסטאַ, וואָס הערט זיך עפּעס ביים אין ראַסייע? שרייבט מען דאָ עפּעס וועגן ראַסייע?

גאַליציאַנער: וואָס גייט איייך אָן „ראַסייע?”

רוסישער: אַ רוסישן יידן גייט אָן ראַסייע.

בעל־מלאכה: זענט איר לאַנג פון רוסלאַנד?

רוסישער: ניט לאַנג, ערשט יענע וואָך געקומען. דורכגעשוואַרצט די גראַניצע.

בעל־מלאכה: ערשטע יענע וואָך? דערציילט, וואָס הערט זיך דאָרטן? ווי לעבן דאָרטן בעל־מלאכות? האָבן יידן „פּינוסע״?

גאַזעטן־שרייבער: זענט איר געווען ביי די באָל־שעוויקעס? דערציילט, דערציילט! איך בין דאָך אַ שרייבער. איך וויל עס באַשרייבן אויפן בלאַט.

רוסישער: נאָך ווי געווען! סלאַוואַ באָגו, דורכגעמאַכט די אַלע רעוואָלוציעס מיט די אַלע פּערעוואָראָטן.

בעל־מלאכה: מיט די פּאָגראָמען?

גאַזעטן־שרייבער (צום בעל־מלאכה): לאָזט רעדן. (צום רוסישן יידל) דערציילט, דערציילט, וועל איך טאַקע באַשרייבן.

רוסישער: קאַק בודטאָ, מען קאָן דען אַלץ דערציילן פּאָדראָבנע? געניג אַז איך וועל אייך דערציילן וואָאָבשטשע, אַז איך בין געווען ביי דער סאַמע הריגה פון דעם קייזער ניקאָלאַי־וואָטראָי מיט זיין גאַנצער סעמייסטווע.

אַלע: אָוואַ!

בעל־מלאכה: האָט איר אַליין געזען, ווי מען האָט אים געהרגעט?

גאַליציאַנער: לאָזט דערציילן! מישט זיך נישט אַריין. אַ טבע פון אַ יידן!..

גאַזעטן־שרייבער: לאָזט רעדן. „דערציילט, זענט איר טאַקע אַליין געווען דערביי? דערציילט מיר. איך בין דאָך אַ שרייבער, וועל איך עס באַשרייבן.

רוסישער: סאָבסטווענאָ גאָווארִיאַ, ביי דער סאַמער הריגה בין איך נישט געווען... וואָס נישט, איז נישט. איך האָב פיינט צו זאָגן אַ ליגן... וואָס איך האָב געזען—האָב איך געזען, און וואָס נישט, נישט. אַזאַ מענטש בין איך. געניג אז איך האָב געזען וואָאָבשטשע, די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהרגעט... האָבן זיי זיך דאָס אָנגענומען מיט בריליאַנטן! יעדער סאָלדאַט האָט אַרומ־געטראָגן פולע קעשענעס מיט גאָלד און זילבער און פּערל און די טייערסטע שטיינער...

אַלע: אָווּאַ

רוסישער: איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז מיטן קייזערס קרוין, וואָס איז אויסגעזעצט מיט די טייערסטע בריליאַנטן, האָט מען זיך געטיילט, ווי מיט אַ לאַבן ברויט. געבראָכן די קרוין און געלייגט אין די פּאַזוכעס. דיר אַ שטיק קרוין און מיר אַ שטיק קרוין... דיר אַ שטיק, מיר אַ שטיק! ווער עס האָט געכאַפּט אַ שטיק קרוין מיט בריליאַנטן, ווער מיט פּערל און ווער מיט דימענטן... טשעסטנאָיע סלאָוואָ! פּרעדסטאַוויטיע סעביע, גאָספּאָדאַ. אַז איך האָב אויך געפּאַקט אַ שטיקל קרוין פּאַר אַ שבוש. פּאַר אַ גלעזל בראָנפן! יעי באָגו..

בעל-מלאכה: טאַקע פון דער סאַמע קרוין?

גאַליציאַנער: לאָזט רעדן. טאַקע פון דער סאַמע קרוין?

גאַזעטן-שרייבער: לאָזט רעדן, שלאָגט נישט איבער! טאַקע פון דער סאַמע קרוין?

רוסישער: פון דער גאַסטאָיאַשטשער קרוין, פון וועלכער מען האָט געקרוינט דעם קייזער צו קאָראָנאַציע. יעי באָגו!

בעל-מלאכה: אַ וועלכן שטיק?

רוסישער: פון די סאַמע אויבערשטע!

בעל-מלאכה: ווייזט אַ קוק אויף טשיקאַוועס.

גאַליציאַנער: לאָזט רעדן. האָט איר געזען אַ יידישע טבע. ווייזט אַ קוק, אדרבה!

גאַזעטן-שרייבער: שלאָגט נישט איבער! אדרבה ווייזט אַ קוק! כּדאַי צו זען אַ שטיקל קרוין. איך וועל עס באַשרייבן.

רוסישער: שטאָ זנאַטשיט, ווייזן אַ קוק? און אַז איך האָב, וועל איך אייך ווייזן? איר מיינט, אפשר, אַז אַזוי גרינג שמוגלט מען אַריבער אַ שטיק קרוין פון ראַסייע קיין פּאַלשי

בעל-מלאכה: האָט איר עס דאָרטן איבערגעלאָזן?

רוסישער: באָזשע סאָכראַני! אַזאַ דוראַק בין איך נישט געטאָן אַנדערש: איך האָב אַרויסגענומען די בריליאַנטן פון דעם

שטיקל קרוין. דאָס גאָלד האָב איך פאַרקויפט אין יעקאַטערי־נעבבורג און די בריליאַנטן האָב איך אַריבערגעשמוגלט אָט אָ דאָ, איינגענייט אין די קנעפּלעך, וואָט זדיעס (ווייזט אויף די קנעפּלעך).

אַ ל ע : אָט דאָ אין די קנעפּלעך ?

ר ו ס י ש ע ר : טאַק טאָטשנאָ. אָט אין די קנעפּלעך !

ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר : און פון וואָס לעבט איר דאָ דער־וויל ?

ר ו ס י ש ע ר : פון וואָס ? אָט מען בייט בריליאַנטן און מען עסט. איין קנעפּל בריליאַנטן האָב איך שוין אויפגעגעסן. איר זעט? געווען אַ קנעפּל, נישטאָ קיין קנעפּל. איצט מוז איך אָנהייבן אַ ניי קנעפּל... ווען עס טרעפט זיך עפּעס אַן ערלעכער פּאָקופּאַטיעל אויף אַ שטיינדל, וואָלט איך אָנגעהייבן אַ ניי קנעפּל, טשאָרט פּאָבערי !

ב ע ל ־ מ ל א כ ה : ווייזט נאָר, ווי זעט עס אויס

ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר : לאָזט אָפּ. ווייזט נאָר, ווי זעען זיי אויס?..

ב ע ל ־ מ ל א כ ה (צום גאַליציאַנער) : זייט אַזוי גוט, איך זיך נעבנטער פון אייך.

ר ו ס י ש ע ר (נעמט אַרויס אַ מעסערל, טרענט אויף אַ קנעפּל און נעמט אַרויס אַ שטיינדל) : אָט האָט איר עס !

ב ע ל ־ מ ל א כ ה : וויפל קאָן אָנטרעפן אַזאַ שטיינדל, אַן ערך ?

ר ו ס י ש ע ר : איך ווייס ? איך ווייס נאָר, אַז פונקט אַזאַ שטיינדל האָב איך מיינעם אַ זנאַקאָמען קופּעץ פאַרקויפט פאַר 100 דאָלאַר, האָט ער אויף צומאָרגנס אָפּגענומען פאַר אים 300 דאָלאַר... יעי באָגו, מען דאַרף נאָר וויסן דאָס אָרט. איך ווייס דען וווּ צו גיין, וווּ צו זוכן דאָ אַזעלכע ערטער ? אָן אַ שפּראַך, קיין פּויליש קען איך נישט... און וואָאָבשטשע וויל איך נישט פאַרקויפן אין פּאָלשע קיין בריליאַנטן. איך פאָר זאַגראַניצע.

ב ע ל ־ מ ל א כ ה : זענען עס טאַקע גוטע בריליאַנטן ?

א ל י צ י א נ ט ר: כּטלו, וואָס איר זייט! שטעלט קשיות! ווי דעם צאַרס קרוין וועלן זיין שלעכטע בריליאַנטן? בפרט נאָך פון דעם אויבערשטן שטיק...

גאַזעטי - שרייבער: איר ווייסט, אפנים, נישט, אַז יעדער בריליאַנט באַזונדער איז אַ געשענק פון אַן אַנדערן קיניג. איך האָב שוין אַמאָל וועגן דעם געשריבן...

רוסישער: קאָניעטשנאָ! די סאָלדאַטן האָבן מיר דערציילט, אַז די בריליאַנטן פון מיין שטיקל קרוין, פון דער סאַמע אויבערשטער, איז אַ פּאָדאַראָק פון דעם פּערסישן שאַך, וואָס ער האָט אים געשאַנקען נאָך דער טערקישער מלחמה..

בעל - מלאכה: הונדערט דאָלאַר איז אַ ביסל צו טייער. אַ 600 זלאָטעס האָב איך אָפּגעשפּאָרט, וואָלט איך עס אייך אַוועקגעגעבן

גאַליציאַנער: אויף 600 זלאָטעס בין איך אויך אַ בעלן.

בעל - מלאכה: ער קריכט מיר שוין אין מקח! יאַך זיך נעבנטער. איר זענט, אָן עין הרע, אַ סוחר מיט אַ פוטער. יאַך בין אַן אַרבעטסלאָזער בעל - מלאכה. עס מאַכט זיך מיר „אָפּזעפּטשען" (פאַרזיכערן) מיינע פּאָר זלאָטעס, וויל יאַך עס „אָפּזעפּטשען".

רוסישער: איך קען עס אייך אָבער פאַר 600 זלאָטעס נישט פאַרקויפן (הונדערט דאָלאַר טרעפט אָן טויזנט זלאָטעס).

בעל - מלאכה: וועל איך אייך אויך צוגעבן מיין זייגער, אַן אמתער גאָלדענער זייגער...

רוסישער: מילא, איך זע, איר זענט אַן אָרעם יידל און אַן ערלעכער מאַן. איר ווילט „אָפּזעפּטשען" אייערע פּאָר זלאָטעס, טאָ זאָל שוין זיין... וואָס דען, צו גוים וועל איך גיין?

(דער בעל מלאכה צאָלט אים אויס די סומע, דערלאַנגט אים זיין גאָלדענעם זייגער. דער רוסישער יידל ציילט איבער דריי מאָל דאָס געלט).

רוסישער ייד: מנע, אַז איר זאָגט, אַז דאָ איז 600 זלאָטעס, מסתמא איז עס ריכטיק... איך האָב פיינט צו ציילן... איך גלויב אַלעמען (פאַרשווינדט).

**בעל-מלאכה:** געלויבט דער אויבערשטער! דאכט זיך, געכאפט א שטיקל מציאה!.. מנע, זאל כאטש זיין א שטיקל ריוח. שוין א האלב יאר, אז מען גייט ליידיק. איצט דארף מען זיך אריינכאפן דא אנטקעגן שאצן. יאך האב דא א באקאנטן יוועליר, געלויבט דער אויבערשטער! (אפ).

**גאזעטן-שרייבער:** וואזשנע קנעפלעך ביי דעם רוסישן יידל!

**גאליציאנער:** מעגן מיר עס ביידע פארמאגן, וואס די קנעפלעך טרעפן אן!

**גאזעטן-שרייבער:** וויפל, דענקט איר, קאן אנטרעפן אזא קנעפל?

**גאליציאנער:** וויפל האט ער געהאט אזעלכע קנעפלעך, איר האט נישט באמערקט?

**גאזעטן-שרייבער:** געוויס האב איך באמערקט. איך בין דאך א שרייבער. איך דארף אלץ באאבאכטן. איך בין געווען א בעלן צו ציילן — א טוץ, איינער האט געפעלט... זענען אים געבליבן נאר עלף שטיק

**גאליציאנער:** איך מיין, אז מיט עלף שטיק קנעפלעך איז מען שוין פארזיכערט אויף א גאנץ לעבן...

**גאזעטן-שרייבער:** דערוויל האב איך, הייסט עס, א וואזשנע שטיקל נייס: מען דארף באשרייבן די גאנצע געשיכטע פאר דער צייטונג און אויך כאפן א פאר גראשן (נעמט ארויס זיין באטיץ-ביכל און שרייבט: „ברילציאנטן פון דער רוסישער קרוין אדער באשערט א יידן א גליק... אדער די רוסישע קרוין אין ווארשע" (עס קומט צו לויפן דער בעל-מלאכה, א פארסמטער, רעדט אן אטעם, מיט א געוואלד).

**בעל-מלאכה:** ווו איז ער?! ווו איז ער!.. יידן, ראטעוועט! ער האט מיך באשווינדלט, א רוח אין זיין טאטן אריין!.. ס'איז נישט קיין ברילציאנטן! א גלעזל האט ער מיר אריינגעשפארט! געוואלד, יידן, יאך חלש! כאפט אים, יאגט אים! א באנדיט! א ממזר! וואס טוט מען?! וווהין לויפט מען. 600 זלאטעס אויס-

געבאַרט... מיין זייגער!.. אַ גאָלדענער זייגער... געקראָגן אַ מתּנה צו דער חתונה...

גאַליציאַנער: זעט איר, עך האָב אייך געזאָגט: היט אייך! מען קויפט נישט קיין בריליאַנטן ביי אַ ווילד־פרעמדן מענטשן, מציאות האָט זיך אייך פאַרגליסט!

גאַזעטן־שרייבער: און איך האָב אייך אויך געזאָגט. איר זענט אַ טפּוש אַ ייד, זענט איר!

בעל־מלאכה: אָבער וואָס טוט מען? 600 זלאָטעס, אַ גאָלדענער זייגער!.. אַ חתונה־מתּנה!

גאַזעטן־שרייבער: אָט האָסטו דיר! די פינסטערע מאַסע! רעדט צו זיי, רעדט צו דער וואַנט. מציאות ווילן זיי! מנע, דערווייל האָב איך אַ שטיקל נייס... מען דאַרף עס באַשרייבן פאַר מיין בלאַט (ער נעמט אַרויס דאָס נאָטיץ־ביכל). ווי הייסט איר, פעטער?

בעל־מלאכה: יונה הייס איך, יונה לאַקש פון די נאַלעווקיס! אוי ווי איז מיר! אַ בראַך האָט מיך געטראָפן! וווּהין זאָל יאָך לויפן?!

גאַזעטן־שרייבער (שרייבנדיק): „ווידער אַ בריליאַנטן־שווינדלער". דער אַרבעטסלאָזער יונה לאַקש פון די נאַלעווקיס איז געזעסן אין שטאָט־גאָרטן און געלייענט אין צייטונג וועגן בריליאַנטן־שווינדלערייען. איז צוגעקומען אַ פאַרשוין, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ רוסישן עמיגראַנט און וואָס האָט כּלומרשט געבראַכט אין זיינע קנעפּלעך בריליאַנטן פון דער סאַמע קייזערלעכער קרוין פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. איין בריליאַנט, וואָס איז אַ געשענק פון פערסישן שאַך צו דער קאָראָנאַציע פון יעקאַטערינע דער דריטער איז אים געלונגען צו פאַרקויפן דעם לאַקש פאַר די לעצטע 600 זלאָטעס, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט, צוגעבנדיק אויך זיין גאָלדענעם זייגער, וואָס ער האָט געקראָגן אַ מתּנה חתנווייז. באַלד האָט זיך דער לאַקש געכאַפּט, אַז דאָס זענען גלעזלעך און נישט קיין בריליאַנטן. צו זיין פאַרצווייפלונג איז נישט געווען קיין עק. אָן, ווי לאַנג נאָך וועלן זיין אַזעלכע פינסטערע אומוויסנדיקע נפשות, וואָס וועלן זיך אַלץ לאָזן פאַנגען אין די נעצן פון די

דאָזיקע בריליאַנטן - שווינדלער! ווי לאַנג נאָך... — — — (עס קומט צו אַן עלעגאַנטער יונגערמאַן אָן אַ מאַנטל. מעשה אויסלענדישער ייד, ציטערט אַ ביסל פאַר קעלט. מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם. זעצט זיך).

אויסלענדער: אַ קאַלטעס וועטער ביי אייך, שלעכטער קלימאַט...

גאַליציאַנער: זענט איר נישט קיין היגער? אַן אויסלענדער?

אויסלענדער: נו, יאָ, איך קאמע פון בעלגיען, פון אַנטווערפען קאמע איך. וויר האבן דאָרט דריי בריליאַנטן - שלייפעריִען, אין אַנטווערפען, ראָטערדאַם, אַמסטערדאַם אונד נאָטערדאַם. יעצט בין איך געקאָמען קיין וואַרשע מיט מיין פּאַרטיע וואַרע, אָבער נימאַנד קאַאופט. די צייטן זינד זאָ שלים אין פּאָלן. איך מעכטע כאָטש צוויי שטיין פאַרקאַאופן, אום צוריקצופאָרן נאָך מיין היימאַט... אָבער איבער די שווינדלערייען גלויבט מען נישט זאָגאַר די ערלעכע לויטע.

גאַליציאַנער: נו, יאָ איבער די באַטריגער ליידן די ערלעכע לויטע. ס'איז וואַר, אַז עס איז שוין איין כלל אין דער נאַטוער... קאָן איך אירע שטיינער אָנשויען מיט איין בליק? איך בין איין קאַאופמאַן אין גאַליציען און איין דאָקטאָר. איך האַבע די ערע: דאָקטאָר פישויך.

אויסלענדער: דאָ זינד זי (נעמט אַרויס פון טעקע אַ פּאַפּירעלע מיט צוויי שטיינער). ריינע וואַסער, מיינע הערן, 8 קאַראַט. קאָסטן טויזנט דאָלאַרביידע. ביטע!

גאַליציאַנער: און וויפל וואָלן זי פיר דיזע שטיינער?

אויסלענדער: בלויז 500. וואַס זאָל איך מאַכן? ווען מען קאָן נישט העריבער, מוס מען הערונטער... נימאַנד קאַאופט. זאָלכער איין קריזיס אין פּאָלן. דאַצו די שווינדלערייען מיט די פאַלשע בריליאַנטן... זיי מאַכן אונדז קאַפּוט, אונדז, די רעעלע קאַאופלויטע. דאַצו מו איך נאָך מיין היימאַט פאָרן, נאָך בעלגיען...

גאַליציאַנער: אַביסל צו שטאַרק פאַר מיר. אַ הונ־דערט דאָלאַר מעכטע עך געבן...

גאַזעטן־שרייבער: הונדערט דאָלאַר בין איך אויך אַ בעלן.

גאַליציאַנער (צום גאַז.־שרייבער): זייט אַזוי גוט, עך זיך נעגנטער... איר זענט אַ שרייבער. איר דאַרפט זיצן און שרייבן. עך בין אַ סוחר, מוז עך מאַכן געשעפטס...

אויסלענדער: כע־כע־כע, נישט צו מאַכן! זאָלכע געשעפטע מאַך איך נישט...

גאַליציאַנער: אָבער עך האָב נישט מער!

אויסלענדער: נו, דאַן קאַאופען זי ניכט...

גאַזעטן־שרייבער: איך מיין, אַז מיר קענען עס קויפן בשותפות, פאַניע?

גאַליציאַנער: דאָס מאכע עך נישט. איך קאַאוף נישט בשותפות. איך בין אַליין אַ סוחר. וויסן זי, וואָס מען זאַגט פיר איין שפריכוואָרט? מיט איין יודע איז גוט קוגל צו עסן... וויסן זי, וואָס? איך גיב אינען מיין פוטער, איין טכוירענעם פוטער!

אויסלענדער: וויפל קאָסטעט דען אירער פוטער?

גאַליציאַנער: איין טכוירענער פוטער. עס קאָסט 300 דאָלאַר.

אויסלענדער: דאָס איז נאָך ווייניק, מיין הער.

גאַליציאַנער: דאַן באַקומען זי מיין ווינטער־הוט אַלס צוגאַב... איך האָב צו הויזע איין מאַנטל און איין הוט. עס גייט דאָך זאָ ווי זאָ צו פרילינג. אָבערביידע שטיינער וויל עך.

אויסלענדער: עס גייט שוין, וואָס זאָל מען מאַכן... שלעכטע צייטן. ווען מען קען נישט הערונטער, מוס מען הערויבער...

(דער גאַליציאַנער צאָלט אים אויס הונדערט דאָלאַר, טוט אויס זיין פוטער מיט דעם הוט. דער אויסלענדער טוט זיך אָן דעם פו־טער מיט דעם ווינטער־היטל).

גאַליציאַנער: אָבער גיבן זי מיר דאָך צפּ, ווע־ביקסטנס, אירן היטל...

**אויספֿענדער:** דאָס קאָן איך אײַנען שענקען... זאָלן זי־ װיסן, דאָס זי מיט אײן אָרנטלעכן מאַן געהאַנדלט געהאַבט האָבן זאָלן... (אפּ).

**גאַליציאַנער:** מיט דעם אויבערשטנס הילף געכאַפּט אַ מציאה! יעקע נאַר... דער פּוטער קאָסט נישט 300, נאָר 200 דאָלאַר, און דאָס פּוטערנע היטל קאָסט נישט הונדערט, נאָר 80 באַ־כאַ־כאַ! מען דאַרף צולויפן צו אַ יוועליר־געשעפט עס אָפּ־שאַצן. וואַזשנע שטײנער! (אפּ).

**גאַזעטן־שרײַבער** (אַליין): אַ מזל פֿון אַ גאַליצ־יאַנער גנבֿ, אַרײַנגעכאַפּט אַ שטײן פֿון טויזנט דאָלאַר. ס'איז אים גוט. ער האָט געהאַט אַ פּעלץ צוצוגעבן. איך האָב אויך געהאַט הונדערט דאָלאַר. נאָר וואָס האָב איך געהאַט צוצוגעבן? מײַנע יסורים, מײַנע אַרטיקלען. נישט באַשערט מיר געווען צו כאַפּן אַ מציאה... אַ חזיר אַפּט אַלע מאָל דעם בעסטן ביסן. אַ בריליאַנט, ווי אַ נוס! מנע, וואָס קען מען העלפֿן? מיר איז שוין באַשערט צו לעבן פֿון דער פּען. מילא, דאַרף מען דערפֿון מאַכן כאַטש אַן אַר־טיקל, וועל איך אויך עפּעס האָבן פֿון דעם עסק. אַלזאָ... (שרײַבט) „אַ מזל פֿון אַ ייִדן אָדער דער גאַליציאַנער אין שטאָט־גאָרטן"... (עס לויפֿט אַרײַן דער גאַליציאַנער, ווי אַ פֿאַרסמטער, טרײסלט זיך פֿון קעלט. די געלע באָרד צעשויבערט. דאָס רײַזע־היטל, וואָס איז קלײן פֿאַר זײַן קאָפּ, פֿליט אַלע ווײַלע אַראָפּ).

**גאַליציאַנער:** געוואַלד, יידישע קינדער! אַן אומ־גליק האָט מעך געטראָפֿן, ווו איז דער גנבֿ?.. ווו זאָל מען לויפֿן?.. נישט גוט איז מיר!.. ווו כאַפּט מען אים, דעם מערדער, דעם רוצח?!..

**גאַזעטן־שרײַבער:** וואָס איז? וואָס איז געשען?

**גאַליציאַנער:** נישט קײן בריליאַנטן איז עס, נאָר גלעזלעך! פּשוטע גלעזלעך! אַ רוח זאָל אין זײַן טאַטן אַרײַן! — אַ פּוטער האָט ער בײַ מיר צוגענומען! מײַן טכוירענעם פּוטער!.. מײַן היטל!.. (עס פֿליט אים אַראָפּ דאָס היטל פֿון קאָפּ) אַ מיתה משונה! אַ מהומה!.. אַ כאָליערע! (טרײסלט זיך פֿון קעלט).

גאַזעטן=שרייבער: איך האָב אייך געזאָגט, אַז איר זאָלט זיין פאָרזיכטיק... ווייזט אַ בליק? (יענער ווייזט אים דעם ברי־ליאַנט). אָ, געוויס, פאַלשע, ווער זעט עס נישט?! אַ גולם זענט איר!

גאַליציאַנער: ווו איז געווען מיין קאָפּ? מיין שכל? ווו זענען געווען מיינע געהירן? אַן אידיאָט בין עך! אַן אייזלשער קאָפּ... אַ מצווה אויף מיר! אַ מצווה!.. אָבער וואָס טוט מען? עך בין דאָך פאַרלוירן! געקומען קויפן סחורה... אָט האָסטו דיר סחורה!.. ווי פאָרט מען אַהיים אָן אַ פוטער, אָן געלט און אָן סחורה!..

גאַזעטן=שרייבער: האָבן מיר, הייסט עס, ווידער אַ שפּאָגל=נייע שטיקל נייס פאַר מיין בלאַט! (נעמט אַרויס זיין נאָ־טיץ=ביכל). ווי הייסט איר, ר' ייד?

גאַליציאַנער: ניסן זרחא הייס איך! וויי איז מיר!.. ניסן זרחא פישיויך... אַ שלאַק האָט מעך געטראָפן... וווהין לויפט מען?.. עך וועל עס נישט אויסהאַלטן!..

גאַזעטן=שרייבער (שרייבט): „אָפּגענאַרט אַ גאַלי־ציאַנער חכם אָדער נאָך אַ קרבן פון די פאַלשע ברילִיאַנטן=הענ־דלער...” דער גאַליציאַנער ייד ניסן זרחא פישיויך, וואָס איז געקומען קויפן סחורה, איז זיך אַזוי געזעסן אויף אַ באַנק אין שטאָדט=גאָרטן, איז צו אים צוגעקומען אַ פאַרשוין, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ ברילִיאַנטן=הענדלער פון אַמסטערדאַם. דער גאַ־ליציאַנער האָט באַצאָלט הונדערט דאָלאַר און אַלס צוגאָב האָט ער אים צוגעגעבן אַ טבוירע־עם פוטער און אַ פוטערן היטל. יידן! ווי לאַנג נאָך וועט איר זיין אַזעלכע שוטים און לאָזן זיך פאַרפירן פון דער חברה שווינדלער? ווי לאַנג נאָך וועט איר זיך יאָגן נאָך מציאות? ווי לאַנג נאָך וועט איר זיין קרבנות פון די באַטריגער?.. (בשעת ער שרייבט, זעצט זיך ביי זיין זייט אַוועק אַ יידענע. זי קרעכצט און זיפצט, אַז עס רייסט דאָס האַרץ).

גאַזעטן=שרייבער: וואָס קרעכצט איר אַזוי, יי־דענע?

יידענע: איך קרעכץ, ווייל פינצטער און ביטער איז מיר מיין וועלט!.. גנבים האָבן מיך באַגנבעט... אויסגעשניטן פון קע־שענע מיינע אַלע דאָקומענטן מיט דעם פּאַספּאָרט, מיט דער שיפס־קאַרטע, מיט 80 זלאָטעס (זי ווייזט די אויסגעשניטענע קעשענע) און געלאָזן מיך אָט אַזוי אין מיטן וועלט... אָן אַ פריינט און אָן אַ גואל...

גאַזעטן־שרייבער: ווער זענט איר?

עמיגראַנטקע: אַן עמיגראַנטקע בין איך, וויסט איז מיר, אַ וויסטע עמיגראַנטקע! באַדאַרפט די וואָך פאָרן קיין אַמערי־קע צו מיין מאַן... האָבן זיך די וואַרשעווער גנבים אויף מיר מרחם געווען. ווינד איז מיר!

גאַזעטן־שרייבער: אָווא, מען דאַרף עס פאַר־שרייבן. איך בין דאָך אַ רעדאַקטאָר און וועל עס אַריינשטעלן אין בלאַט! דערציילט, דערציילט, מומעשי!

עמיגראַנטקע: שרייבט, שרייבט, האַרעלע־לעבן! זאָל די וועלט וויסן, אפשר וועלן זיך אָפּזוכן די גנבים, ברענען זיי, ווי שטרוי! אויסקרענקען זאָלן זיי עס!.. האַרציקער פאָטער, טאַטע אין הימל!.

גאַזעטן־שרייבער: האָבן זיי ביי אייך אַלץ צו־גענומען?

עמיגראַנטקע: אַלץ, ביז אַ שנירל, וויי איז מיר!.. אַ נס, אָט דאָס האָבן זיי מיר איבערגעלאָזט... איך האָב עס געהאַלטן אין בוזעם... (נעמט אַרויס אַ בראָש אין אַ פּאַפּירל) אָט די בראָש איז מיר פאַרבליבן מיט דעם ברילייאַנט.

גאַזעטן־שרייבער: אַ ברילייאַנט? אַן אמתער ברי־לייאַנט? קענט איר דאָך דאָס פאַרקויפן!

עמיגראַנטקע: וועמען פאַרקויפן? אַז דורכאויס איז גנב און גזלן! אַ וואַרשע, פאַרברענט זאָל זי ווערן!.. מען וועט נאָך, חלילה, ביי מיר עס אויסנאַרן און ביי וואָס וועל איך בלייבן? ווי־איז מיר צו מיינע יאָרן! עס וואָלט זיך געמאַכט עפּעס אַן ערלע־כער מאַן, וואָלט איך עס פאַרקויפט. איך ווייס?

גאַזעטן-שרייבער: איר ווייסט וואָס, יידענע? מיר מעגט איר פאַרקויפן. איך בין אַ שרייבער, אַ רעדאַקטאָר, אַן ערלעכער מאַן. וויפל קאָסט עס?

עמיגראַנטקע: איך ווייס? דאָס האָט מיר מיין מאַן געקויפט חתונווייז, כלה-מתנות... עס האָט געקאָסט 600 רובל...

גאַזעטן-שרייבער: הייסט עס 300 דאָלאַר? איר ווייסט, יידענע, וואָס איך וועל אייך זאָגן? 150 דאָלאַר קריגט איר!

עמיגראַנטקע: נאַרט איר מיך נישט אָפּ? איך בין אַ בלינדע יידענע, וואָס ווייס איך? איך קאָן זיך נישט אויף דאָלאַרן.

גאַזעטן-שרייבער: איך נאַר אייך נישט אָפּ. איך וועל אייך געבן די אמתע דאָלאַרן און אַן אומזיסטן אַנאָנס אויפן בלאַט צו די ערלעכע גנבים, און איר וועט נאָך געפינען די גנבה...

עמיגראַנטקע: לאַנגע יאָר זאָלט איר האָבן! איר זענט זייער אַ גוטער. מענטש! אָבער, האַרעלע-לעבן, איר זאָגט דאָך אַליין, אַז עס האָט געקאָסט 300 דאָלאַר, פאַרוואָס זאָלט איר קריוודען אַן אָרעמע, אומגליקלעכע יידענע, אַן עמיגראַנטקע, וואָס פאָרט צו איר מאַן, וואָס האָט אים שוין 10 יאָר נישט געזען...

גאַזעטן-שרייבער: אָבער וואָס זאָל איך אייך נאָך געבן? איך האָב גאָרנישט. שאַ, ווייסט איר וואָס? איך קאָן אייך אַראָפּנעמען מיינע הויזן, וועט איר גיין אויפן אַלטן מאַרק און עס פאַרקויפן. איר וועט דערפאַר אויך אָפּנעמען אַ 50 זלאָטעס. די הויזן זענען נאָך גאָר גוטע. איר קענט זאָגן, אַז דאָס זענען הויזן פון אַ רעדאַקטאָר. איך וועל מיך שוין ווי עס איז אין מאַנטל דערשלעפּן אַהיים אין אַ פורל.

עמיגראַנטקע: איך ווייס? זאָל שוין זיין...

אַזעטן-שרייבער: טאָ זייט אַזוי גוט, יידענע, און קערט אָפּ דעם קאָפּ, וועל איך זיי אַראָפּנעמען, מיינע תחתונים...

(די יידענע קערט אָפּ דעם קאָפּ. דער גאַזעטן-שרייבער נעמט אַרונטער די הויזן, פאַרדעקט זיך מיט די פּאָלעס פון זיין מאַנטל. די יידענע נעמט דאָס פּעקל און גייט אַוועק).

ג אַ ז ע ט ן - ש ר ײ ב ע ר. האָב איך, הײסט עס, אַ ברילליאַנ־טענע בראָש... דאָס גאָלד אַלײן איז אוודאי װערט דאָס געלט... מען באַדאַרף זיך נאָר אַרײנכאַפּן צו מײן באַקאַנטן יוועליר דאָ דערבײ און אָפּשאַצן די בראָש... (ער גײט ארויס לינקס. רעכטס לױפט אַרײן דער פאַרשעװער אַרבעטסלאָזער).

ב ע ל - מ ל אָ כ ה: װי אין װאַסער אַרײן! װו זוכט מען אים? װו פּאַקט מען אים? אומגליקלעכער מענטש, װאָס יאָך בין. גלעזלעך האָב יאָך, גלעזלעך! מײן זײגער! (עס לױפט אַרײן דער גאַליציאַנער).

ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר: האָט מעך געקױלעט אָן אַ מעסער! אײנגעזונקען געװאָרן!.. גאָט אין הימל, װאָס טוט מען? עך בין פאַרלױרן!

ב ע ל - מ ל אָ כ ה: װאָס איז?

ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר: גלעזלעך האָט ער מיר געגעבן... אַ באַנדיט, אַ שװינדלער! פאַלשע בריליאַנטן... מײן פוטער האָט ער צוגענומען! מײן פוטערן היטל! בררר... (טרײסלט זיך פון קעלט).

ב ע ל - מ ל אָ כ ה: איר אויך?!

ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר: רעדט שוין נישט! װו איז געװען מײן שכל? מײן קאָפּ?

(עס לױפט אַרײן דער גאַזעטן - שרײבער)

ג אַ ז ע ט ן - ש ר ײ ב ע ר: װו איז זי? הא!... אַנטלאָפן געװאָרן!

ב ע ל - מ ל א כ ה און ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר: װער זי? װער?

ג אַ ז ע ט ן - ש ר ײ ב ע ר: די עמיגראַנטקע, אַ כאָליערע אויף איר! האָט בײ מיר אויסגעכאַפּט הונדערט און פופציק דאָלאַר פאַר אַ בריליאַנטענע בראָש... אַ בלעכל מיט אַ גלעזל!... געװאַלד, װאָס טוט מען?!... איך װער משוגע!... מײנע הויזן!..

ב ע ל - מ ל אָ כ ה און ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר: איר אויך?

ג אַ ז ע ט ן - ש ר ײ ב ע ר: 150 דאָלאַר געלט! אַ גלעזל! אַ גלעזל! מײנע הויזן!

גאַליציאַנער: יידן! מיר זענען אַלע אין פּעקל! פֿאַמיר ווײַנען אויף אונדזער פּאָר גראָשן.

אַלע: מציאות האָט זיך אונדז פֿאַרוואָלט!.. ווי איז אונדז!.. מען דאַרף דאָך שרײַען שמע ישראל!.. גוואַלד!.. גוואַלד!..

(אויפֿן טומל לויפֿט אָן אַ פּאָליציאַנט).

פּאָליציאַנט: וואָס איז דאָ פּאַר אַ ליאַרם?!.. הא!.. וואָס איז דאָ פּאַר אַ האַרמידער?!.. וואָס האַלט איר דאָס אין די הענט?!.. בריליאַנטן?.. אַ-אַ-אַ!.. געפּאַקט!.. בריליאַנטאַרזשעס!.. פֿאַלשע בריליאַנטן?.. הא, פּסיאַקרעוו!..

אַלע אינאיינעם: וואָס בריליאַנטן?! פּראָשען פּאַנאַ.. נישט אונדזערע... אונדז אַליין האָט מען באַשווינדלט... באַנומען.. פּראָשען פּאַנאַ...

פּאָליציאַנט: מילטש!.. מיר ווייסן שוין!.. מיר קענען זיך שוין אויף אַזעלכע זאַכן... געפּאַקט ביי דער האַנט אי ״זש!.. מיר וועלן אייך ווייזן, פּסיאַקרעוו!..

אַלע: אום גאָטעס ווילן... וואָס טוט זיך דאָ?!.. לאָזט זיך רעדן... הערט נאָר... מיר ווילן אייך דערקלערן!.. לאָזט אונדז... מיר... הא... וואָס...

ליטוואַק: אַליע פּראָשען פּאַנאַ, יאַ יעסטעם, פּיסאַרזשעם!.. יאַ יעסטעם... (וויל זיך לעגיטימירן).

גאַליציאַנער: יאַ יעסטעם קופּיעץ איז גאַליציע... יאַ... (וויל זיך לעגיטימירן).

פּאָליציאַנט: דאָבזשע, דאָבזשע... מיר וועלן שוין זען דאָרטן אין קאָמיסאַריאַט!.. נו... באַפּשוד!.. מאַרש!..

(אַלע מאַרשירן אַוועק).

(פֿאַרהאַנג)

# די באַנק אין קראַשינסקיס גאָרטן.

(אַ שפּאַסיקע סצענע אָדער פאַרפלאָנטערטע זכרונות).

פּאַרשוינען:

אַ סיראָטע - ייד.

אַ ברייטבאָרד - ייד.

אַ אסתּר - רחל - קאַמינסקאַ - ייד.

אַ שטייגער - ייד.

זיצן 4 יידן אויף אַ באַנק אין גאָרטן און לייענען שטאַרק פאַראינטערעסירט. רעכטס — דער שטייגער - ייד, לינקס — דער ברייטבאָרד - ייד, אין מיטן — דער סיראָטע - ייד, דער ליטוואַק. צו אים געהערט די צייטונג. דער פערטער — דער טעאטער - ייד, שטייט הינטער דער באַנק, אַריבערגעבויגן איבער זיי און לייענט אויך.

ס י ר אָ ט ע - י י ד: נעמט צו די האַנט! אַ מאָדנע „פּרי-וויטשקע" צו קריכן מיט די הענט.

ט ע אַ ט ע ר - י י ד: אַ מינוטקעלע, אַ מינוטקעלע.

ס י ר אָ ט ע - י י ד: זאָל ער לייענען! אַז אַ ייד פאַרשטייט אַזוי, געזונטערהייט!

ש ט יי ג ע ר - י י ד: לאָזט מיך אויך לייענען!

ס י ר אָ ט ע - יי ד (כאַפּט בייזלעך צו די צייטונג): גיט-אָפּעט, שוין! קיינער וועט היינט שוין ביי מיר נישט לייענען! (ער-

ליגט אוועק די צייטונג אויפן שויס און האַלט זי צו מיט דער האַנט).

ברייטבאַרד-ייד: איר זענט טאַקע אַ ליטוואַק, נאָר זענט נישט קיין חזיר... (אַלע לאַכן).

סיראַטע-ייד: אי, אַ וואַזשנע חכמה!

שטייגער-ייד: ער האָט אייך טאַקע גוט אַריינגעזאָגט.

טעאַטער-ייד: ער האָט אייך גוט אַריינגעזאָגט, האַ?

סיראַטע-ייד: וועט שוין טאַקע קיינער נישט ליינען!

טעאַטער-ייד: מ׳וועט שוין יאָ ליינען. איר וועט שוין בעסער ווערן! (שלעפּט די צייטונג).

סיראַטע-ייד: וואָס כאַפּט איר, וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנטשעפּעניש? (צום טעאַטער-ייד): איר זעט, עס זיצן, קיין עין-הרע, דריי יידן און לייענען, איז וואָס כאַפּט איר?

טעאַטער-ייד: אַ שטיקל טעאַטער וויל איך לייענען.

סיראַטע-ייד: אוי, אַ חרפה און אַ בושה, אַ ייד, קיין עין-הרע, מיט אַ באָרד, אַ טאַטע פון קינדער — אַן עסק פאַר אייך טרעיאַטער?

טעאַטער-ייד (ערנסט): וועגן אסתר רחל קאַמינסקאַ...

סיראַטע-ייד: אי, איר מוזט אוודאי זיין אַן אַלטער גאַליאַרשטשיק.

טעאַטער-ייד: געטראָפן!

(דורך דער צייט, וואָס ער רעדט מיטן טעאַטער-ייד, נעמען די איבעריקע צוויי יידן ביי אים צו די צייטונג פון שויס, טיילן זיך איין און לייענען).

סיראַטע-ייד (קוקט זיך אַרום, דערשטוינט): וואָס זאָגט איר צו מיינע שותּפים? אַז ס׳קומט צו קויפן אַ גאַזעטע, איז גאָר-נישט, און צו לייענען איז אַ גאַנצע „טאָוואַרישטשעסקע אָבטשעסט-ווע״... (ווענדט זיך צו די יידן): פעטערס! שותּפים! קאָמפּאַניאָנען! גיט אָפּעט! (ער נעמט צו די צייטונג). אָבער אַ סוף. זאָגט שוין, וואָס ווילט איר לייענען? (ווענדט זיך צום ברייטבאַרד-ייד). וואָס ווילט איר לייענען?

ברייטבאַרד-ייד: אַ שטיקל ברייטבאַרד! די זכרונות פון זישע ברייטבאַרד.

סיראָטע-ייד: ברייטבאַרד? וועל איך אייך געבן ברייט-באַרד. נאַט אייך (רייסט אָפּ אַ שטיקל צייטונג און גיט אים). נאַט אייך ברייטבאַרד, און נאַט אייך נאָך אַ שטיקל (רייסט אָפּ נאָך אַ שטיקל), און גייט געזונטערהייט! (ווענדט זיך צום שטייגער-ייד): וואָס ווילט איר?

שטייגער-ייד: עך וויל אַ שטיקל שטייגער.

סיראָטע-ייד: די זכרונות פון שלמה שטייגער? מיט דער פאָטאָגראַפיע, מיט די ברילן?

שטייגער-ייד: מיט דער פאַסטערנאַקוונאַ...

סיראָטע-ייד: „צווישן טויט און פרייהייט”, האַ? נאַט אייך! נאַט אייך פרייהייט און נאַט אייך טויט, און זייט געזונטער-הייט! (ווענדט זיך צום טעאַטער-ייד): און איר ווילט טרעיאַטער? דעם יידן דאַרף מען געבן טרעיאַטער. נאַט אייך טרעיאַטער איינס, און דאָ האָט איר נאָך טרעיאַטער, אַ לשון-קודשדיקן טרעיאַטער, „הבימה”, און גייט געזונטערהייט!

טעאַטער-ייד (גייט צו און זעצט זיך אַוועק. אַלע הייבן זיך אָן שטופּן).

סיראָטע-ייד: וואָס איז דאָס פאַר אַ ויתרוצצו? וואָס איז דאָס פאַר אַ בוכטשעניש! (אַלע נעמען זיך לייענען אויפן קול).

שטייגער-ייד: ד״ר גרעק אַריינגעפאַלן...

טעאטער-ייד: אין דער כּישוף-מאַכערין

ברייטבאַרד-ייד: גענומען אַן אייזן און געמאַכט אַ רצועה און געמאַכט אַ ברכה שלא עשני אשה...

אַלע: אמן! אמן!

סיראָטע-ייד: ברוך-השם, פאַרטיילט מיינע שותפים. דעם פעטסטן חלק האָב איך איבערגעלאָזט פאַר זיך.

שטייגער-ייד: וואָס לייענט איר, אַ שטייגער?

סיראָטע-ייד: איך האָב ליב חזנות... אַ חזן איז ביי מיר דאָס חיות מיט דער נשמה. אַליין שטאַם איך אויך פון גאַלע חזנים.

שטייגער-ייד: אַזוי, איר האָט ליב חזנים?

ס י ר אָ ט ע - י י ד: געוויס, ווען איך מיר טאַקע לייענען וועגן סיראָטען... נאָר זיי אַ חכם און שטעל צוזאַמען פון דעם אַ סיראָטע!

ב ר י י ט ב אַ ר ד - י י ד: אַרייַנגעפּאָרן מיט דעם אייזערנעם שטאַב...

ט ע אַ ט ע ר - י י ד: אין דער באָבע יאַכנע...

ס י ר אָ ט ע - י י ד: ער איז דאָ! ער איז דאָ!

אַ ל ע: ווער? ווער?

ס י ר אָ ט ע - י י ד: סיראָטע, אַ געזונט אין זיין כּלי... נו, „מעשאַיעט" נישט! (לייענט): די לעבנסגעשיכטע פון קיניג פון די יידישע חזנים גרשון...

ש ט י י ג ע ר - י י ד: שטייגער נאָכדרוק...

ט ע אַ ט ע ר - י י ד: פון דער מאַמען פון יידישן טעאַטער...

ס י ר אָ ט ע - י י ד: זישע סיראָטע, פאַרבאָטן פון אסתּר רחל ברייטבאַרט דעם אייזערנעם חזן...

ט ע א ט ע ר - י י ד: סטאַניסלאַוו קאַמינסקאַ.

ס י ר אָ ט ע - י י ד: אוי, עפּעס קלעפּט זיך נישט!

ט ע א ט ע ר - י י ד: ס'קלעפּט זיך עפּעס נישט...

ס י ר אָ ט ע - י י ד (ווענדט זיך צום שטייגער-ייד): פּעטער, אויב כ'האָב קיין טעות נישט, האָט צו אייך פאַרבלאָנדזשעט אַ שטיקל סיראָטע?

ש ט י י ג ע ר - י י ד: צו מיר? יאָ! יאָ! (רייסט אָפּ אַ קליין שטיקל און גיט אים אַוועק).

ס י ר אָ ט ע - י י ד: אָ, אָט אַזוי, און צו מיין סיראָטען איז נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט, פאַרקראָכן אַ שטיק פאַסטעך-נאַקוונע... (רייסט אָפּ אַ שטיקל ציַיטונג און גיט אים אַוועק).

ט ע א ט ע ר - י י ד: און צו מיין טעאַטער איז פאַרקראָכן אייער שטייגער. נאַט אייך אַוועק, ער קאָן נאָך וואַרפן אַ באָמבע (רייסט אָפּ אַ שטיקל ציַיטונג און גיט אים אַוועק. אַלע האַלטן אָפּגעריסענע שטיקלעך ציַיטונג).

ס י ר אָ ט ע - י י ד: אָ, אָט אַזוי קלעפּט זיך שוין!

אַ ל ע: ס'קלעפּט זיך! ס'קלעפּט זיך!

סיראָטע־ייד (לייענט ווייטער): מיין טאַטע איז געווען אַן אונטער־חזן אין לאָדזער —

ברייטבאַרד־ייד: קוזניע! ער האָט געקאָנט אויפהייבן —

טעאַטער־ייד: אַן אָקס מיט אַ —

סיראָטע־ייד: אויבער־„צע״ —

ברייטבאַרד־ייד: ביי די הערנער. מיין מאַמע איז געווען אַ קאָוואַל אין —

סיראָטע־ייד: דער שניידערישער שול...

שטייגער־ייד: אין קאָמיסאַריאַט האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער —

סיראָטע־ייד: וואַקסט אַ גרויסער מנגן. מען האָט מיר געראַטן גיין צו —

שטייגער־ייד: לוקאָמסקין, ער זאָל —

סיראָטע־ייד: איינשטעלן מיין קול, נאָר ער, אָנשטאָט איינצעשטעלן מיין קול, האָט ער גאָר צונויפגעשטעלט —

שטייגער־ייד: אַ פּראָטאָקאָל!

ברייטבאַרד־ייד: איינמאָל, ווען מיין טאַטע האָט געפירט אַ וואָגן מיט —

סיראָטע־ייד: 24 משוררים —

ברייבאַרד־ייד: אין יאַסקע אריין —

סיראָטע־ייד: האָב איך גענומען דעם וואָגן אויף דער אויבערשטער אָקטאַווע, און —

שטייגער־ייד: אַוועקגעטראָגן אויף דער לעגיאָנען־באַס —

טעאַטער־ייד: דערווייל האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל עס איז אָנגעפאָרן דער פּרעזידענט מיט אַ גאַנצער קאַפּעליע אַגענטן, ווי: קאַמינסקאַ, סאַמבערג, מאַלי פּיקאָן, קלאַרא יאָנג, ראַפּעלי בערמאַן און קאָמפּאַניע...

סיראָטע־ייד (זינגט): צו דאַוונען אַ שבת! אוי, צו דאַוונען אַ שבת...

טעאַטער-ייד: אין אַ שטאַל! מען האָט אַרויסגעפירט די קי און אַריינגעפירט די אַרטיסטן.

סיראָטע-ייד: נאָכדעם האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו ביסן בעלזער. די קאַפּעליע איז באַשטאַנען פון פיר שטימען. דריי שטימען זענען געווען, אַז איך בין —

שטייגער-ייד: אומשולדיק...

טעאַטער-ייד: און איין שטימע —

סיראָטע-ייד: הייזעריק.

שטייגער-ייד: ער איז בין דאַן געווען נאָך גאָר אַ יונג מיידל. —

סיראָטע-ייד: די גבאים האָבן געוואָלט, איך זאָל זיך פאַרלאָזן אַ באָרד און חתונה האָבן מיט —

טעאַטער-ייד: מירעלע אפרת. —

סיראָטע-ייד: נאָך דער חתונה האָט זיך מיין כלי-צע־שפּילט אין אַ מוראַדיקער קראַפּט. איך האָב געהאַט בכוח אויפ־צעשטעלן אויף איר אַ קאַרוזעל מיט —

שטייגער-ייד: 12 געשווירענע ריכטער. —

ברייטבאַרד-ייד: 6 פערד און 3 ראָוערס, און גע־דרייט און פאַרדרייט —

שטייגער-ייד: אין אַ גאַנצער דרייפוסיאַדע, בייליס־יאַדע, שטייגעריאַדע און —

טעאַטער-ייד: לעמאַניאַנע!

סיראָטע-ייד: די גאַנצע עזרת-נשים האָט ממש גע־קוואָלן פאַר נחת. די מאַנסבילן האָבן געפּאַטשט בראַוואָ —

שטייגער-ייד: און קיידאַן, שונא-ישראל — אין באַק...

טעאַטער-ייד: איך בין דאַן געווען די פרה-אדומה, פרימאַדאָנע פון —

סיראָטע-ייד: טלאָמאַצקער שול. מען איז געלאָפן אָנ־קוקן מיין שפּילן אויף בילעטן. איך בין געפאָרן אויף אויטאָ־מאָבילן —

ברייטבאַרד-ייד: און אויטאָמאָבילן זענען געפאָרן אויף מיר —

טעאַטער־ייד: מען האָט מיך דאַן באַוואָרפן מיט בלו־מען און מיט —

שטייגער־ייד: באָמבעס!.. מער פון אַלעמען איז מיר דערגאַנגען די יאָרן די פּאַסטערנאַקוונאַ. זי האָט דערציילט, אַז איינמאָל האָב עך אַרויסגענומען דעם קאָמערטאָן און געוואָלט אַריינשטעכן אין —

סיראָטע־ייד: „מעטשאַוואָטשע"!!! עס איז מיר אָבער נישט געפעלן געוואָרן זיין דאַווענען. אין דער צייט, וואָס מיינע פּריערדיקע גבאים האָבן געדאַוונט פאַרשידענע נוסחאות — נוסח זעלצער, אַ וואָלאַך נוסח מראָטשקאָווסקי, נאַ דיר אַ נייעם חזן, האָט ער געהאַלטן אין איין זאָגן...

שטייגער־ייד: שטייגער, שטייגער און שטייגער!

ברייטבארד־ייד (ערנסט): אוי, סוף כּל סוף איז געשען אַן אומגליק, איינמאָל... ווען כ'האָב געוואָלט אַריינקלאַפּן אַ טשוואָק —

טעאַטער־ייד: אין חאַשע די יתומה!!

ברייטבאַרד־ייד: האָב איך געטראָפן אין קני —

שטייגער־ייד: און געמאַכט אַ לאָך! (כאַפּט צו זיין פוס).

סיראָטע־ייד: בין איך געוואָרן שטאַרק הייזעריק...

טעאַטער־ייד: און מען האָט מיך געהיילט מיט אַ גאָגל־מאָגל (אַלע צעלייענען זיך הויך).

שטייגער־ייד: ד"ר לאַנדאָ איז גערעכט. ער זאָגט, אַז דער עקספּערט זאָל איבערנעמען די פּאַרטיידיקונגס־רעדע...

סיראָטע־ייד (צעזינגט זיך): „רצה!" (לויטן נוסח פון סיראָטען).

טעאַטער־ייד (זינגט פון דער „באָבע יאַכנע"): „קומט, קומט, קונים, קונים, קומט אַהער!".

ברייטבאַרד־ייד (מיט גרויס ענטוזיאַזם קלאַפּט ער מיט דער פויסט אין סיראָטע־יידנס קני, ווי ער וואָלט קלאַפּן

טשוועקעס): האָט ער געקלאַפּט איין טשוואָק און נאָך אַ טשוואָק און נאָך אַ טשוואָק!...

סיראָטע-ייד (כאַפּט זיך אויף פון זיין זינגען און שרייט): זישע ברייטבאַרד! זישע ברייטבאַרד! וואָס קלאַפּט איר מיר אין קני?

(אַ מישענינע און אַ האַרמידער).

**פּאָרהאַנג.**

## זי קען נישט רעדן.

(מאָנאָלאָג פון א מיידל מיט א קראַנקן האַלדז)

(דאָרטאַ איז אַ מיידל פון אַ יאָר 28, שטייט ביים טעלעפאָן מיט אַן אַרומגעבונדענעם האַלדז און מאָלט ווי אַ מיל):

— ליאָליעטשקע! אַ, ליאָליעטשקע! — דער דאָקטאָר האָט דאָך מיר פאַרבאָטן צו רעדן!.. געפעלט דיר?... ער זאָגט: איך האָב אַ קראַנקן האַלדז.. די „גלאָסאָווע פּאָדוויאָזקעס” זענען מיר אָנגעגריפן. ער זאָגט, אַז דאָס קומט פון רעדן אַ סך... ווי געפעלט דיר? איך רעד אַ סך... אַזאַ אידיאָט! דאַכט מיר, אַז נאָך אַזאַ שווייגערין, ווי איך, איז נישטאָ אויף דער וועלט! וואָס איך האָב מיט אים נישט איינגעטענהט און באַוויזן, אַז איך בין אַ קנאַפּע רעדנערין! אפשר אַ האַלבע שעה האָב איך געהאַלטן אין איין איבערצייגן אים, און ער — ניין און ניין. אַזאַ פּאַסקודניאַק! די גאַנצע צייט האַלט ער אין איין מאַכן מיר קאָמפּלימענטן... אַן עסק האָב איך מיט אים!... איז וואָס = זשע הערט זיך ביי דיר, ליאָליעטשקע? שוין פאַרטיק דיין נייער קאַפּעלוש?... פון וואָס? פון שיפאָן וועליור?... און איך זאָג דיר, אַז דו האָסט אפשר באַדאַרפט מאַכן פון „בראָקאַטעל”. פון הינטן געדעקט און פאָרנט פאַרריסן... ביי וועמען מאַכסטו אים — ביי קאַטאָרזשינסקאַ? דו ווייסט, זי האָט דאָך אַ מאַן רענטשני מאַלאָוואַני! דאָס איז די לעצטע מאָדע... דו הערסט? דו הערסט נישט? נאָר האַנט = געמאָלט! דאַכט זיך, איך שריי אַזוי הויך, העכער קען איך שוין נישט... דער דאָקטאָר האָט דאָך מיר פאַרבאָטן צו רעדן, מוז איך

שווייגן... הער נאָר, אז איך וועל געזונט ווערן, וועלן מיר גיין צו קאַטאַרזשינסקאַ און איך וועל מיר אויך באַשטעלן אַזאַ קאַפּע-לוש... נאָר איך וועל מאַכן מיין קאַפּעלוש נישט ווי דיינעם, נאָר מיט „דזשעט"... שטיי נאָר... עמעצער קלאַפּט אין טיר. איך וועל גיין עפענען. דאַכט זיך, מאַקס. ווי געפעלט ער דיר, דער סמאַרקאַטש... האָט זיך דאָך איינגעליבט אין מיר... דאָס איז ער טאַקע... נו, זיי מיר געזונט, ליאַליעטשקע! דאָווידזעניאַ... (לייגט אַוועק דאָס טרייבל, עפנט די טיר): פּראַשען! (עס קומט אַריין אַן אַלטער קאַוואַליער).

דאָראַ: האַלאָ, מאַקס! אַ גאַסט! וואָס מאַכט איר? זעצט זיך. גוט, וואָס איר זענט געקומען, ווייל היינט טאָר איך נישט רעדן... דער דאָקטאָר האָט דאָך מיך פאַרווערט צו רעדן. ווי געפעלט אייך? אַזאַ אידיאָט? ער זאָגט, אז ביי מיר איז אַן אַנטצינדונג פון די „גלאַסאָווע פּאָדוויאַזוקעס"... עס איז מיר געקומען, זאָגט ער, פון צופיל רעדן. ווי געפעלט אייך? איך בין גאָר די רעדערין!.. נו, זאָגט עפּעס. גייט איר עפּעס אין טעאַטער? זענט איר שוין געווען אויף איזאַ קרעמערס קאָנצערט? האָט איר געהערט, ווי זי זינגט „פּלאַטאָטשעק"? האָט איר געהערט, ווי זינגט די „מאַרגאַ-ריטקעלעך" פון שלום אַש? (זינגט פאַלש):

אין וועלדל ביים טייכל
זענען געוואַקסן
מאַרגאַריטקעלעך, טראַ-ליאַ-ליאַ-ליאַ!
מאַרגאַריטקעלעך ווייסע!
מיט קעפּלעך, טראַ-ליאַ-ליאַ-ליאַ!

איר, ווייסט מיט וועמען איך בין געווען אויפן קאָנצערט? מיט אַדעקן. ער איז דאָך אַזאַ מוזיקאַלישער מענטש! ער האָט מיר צוגעזאָגט באַקענען מיך מיט ווערטינסקין. ער איז דאָך אַזאַ שיינער! טאַקי סלאַדקי. איר ווייסט, ער איז דאָך אַ מאָרפי-ניסט... ס'איז אַן אמת, אז ער לעבט מיט דער רוסישער קיניגין? נו, וואָס שווייגט איר? וואָס קען איך העלפן, אַז איך טאָר נישט רעדן... אַז איך וואָלט געמעגט, וואָלט איך זיכער גערעדט, און וואָלט אייך אַמוזירט, אָבער אַז איך מוז שווייגן, טאָ רעדט איר.

היינט מוזט איר רעדן. זאָגט, וואָס מאַכט איר? און צו גייט איר אין טעאַטער, אין די קינאָס? (ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר זי פאַרמאַכט אים דעם מויל). אוי, הערט איר, בין איך נעכטן געווען אין קינאָ — איר ווייסט מיט וועמען איך בין געווען? טרעפט! — איר וועט נישט טרעפן, — מיט סעמיקען... איר ווייסט, ער איז דאָך אין אַ פילם־בראַנזשע! ער זאָגט, אַז ער וועט מיך מאַכן פאַר אַ קינאָ־אַרטיסטין. ער זאָגט, אַז איך וועל אויפן לייוונט מאַכן אַ קאַריערע... נאָך שבת, זאָגט ער, וועט ער מיך אַוועקפירן אין אַ סטודיע. ער זאָגט, אַז איך האָב אַ וואונדערלעכן קערפּער... איך קען מאַכן פאַרשידענע פּאָזן. איר ווילט זען אַ פּאָזע? (שטעלט זיך פאַר אים אין פאַרשידענע פּאָזן). אָט האָט איר אַ פּאָזע פון הייסער ליידנשאַפט און אָט האָט איר אַ פּאָזע פון אומעט, און אָט האָב איך אַ מינע פון אַ טייוולשער פרוי מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל... און אָט אַזוי האָב איך אַ מינע פון טייוולשער אייפערזוכט... און אָט איז קאָנוווּלסיע... און אָט איז קאַפּריז, און אָט איז פאַראַכטונג — איך האַס דיך! או־או־אָו!.. וואָס קוקט איר עפּעס אויפן זייגער? פע, איר זענט נישט קיין דזשענטעלמען! איר ווילט מיר נישט אַמוזירן. איר קומט אַריין און אַנטלויפט גלייך... איר האָט דאָך היינט אַ געלעגנהייט צו רעדן, רעדן און רעדן... איך טאָר דאָך נישט רעדן, איך בין אַן אומגליקלעכער מענטש. אַ גאַנצן טאָג מוז איך שווייגן... נו, איך בעט אייך, רעדט עפּעס, דערציילט עפּעס. גייט איר אין טעאַטער, גייט איר אין די קינאָס? האָט איר עפּעס ערפאָלג ביי פרויען? (ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר זי שלאָגט אים איבער, צוהאַלטנדיק אים ביים מויל). וואַרט נאָר, וואַרט, איר ווייסט, ווער עס איז געווען ביי מיר נעכטן? סאָלאָמאָן! ער איז געקומען איך, זאָל מיט אים גיין טאַנצן, און איך האָב נישט געוואָלט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין שוין אַנגאַזשירט צו גיין מיט הענעקן איז, ער דאָס געווען אייפער. זיכטיק! אַזאַ אידיאָט! אַזאַ סמאַרקאַטש! מען דאַרף אים נאָך אַ ביסעלע אינטריגירן דורכן טעלעפאָן (זי גייט צו צום טעלעפאָן). 45—218 — איז העברי אין דער היים? נישטאָ? ווו איז ער? שוין צוויי וואָכן, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן? הם... (לעגט אַוועק דאָס

טרייבל). אַ שאַד, נישטאָ אין וואַרשע... שוין צוויי וואָכן, ווי ער איז נישטאָ. הערט איר, האָב איך נעכטן אינטריגירט מייַנעם אַ באַקאַנטן יונגנמאַן! איך קען אייך נישט אויסזאָגן זיין נאָמען. דאָס איז אַ געהיימניש... פאַר קיין פאַל וועל איך אייך נישט אויסזאָגן זיין נאָמען. איך זע, אַז איר ווילט וויסן. אומזיסט... איך וועל אייך נישט זאָגן, נישט און נישט און נישט! אַז איך קען נישט! איך וועל אייך נישט זאָגן! איך בין אַ פרוי מיט אַ כאַראַקטער!.. אַי־בעריקנס, אַז איר ווילט, וועל איך אייך אויסזאָגן. ער הייסט בער־נאַרד קלאָק... אָו, האָב אים אינטריגירט — אַז איך האָב געמיינט, אַז ער קריגט די אַפּאָפּלעקסיע... איך האָב אים געזאָגט דורכן טע־לעפאָן, אַז דאָס רעדט מערי, האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז סאָליע. האָב איך אים דערנאָך אויסגעזאָגט, אַז דאָס בין איך, דאָרא. איר ווייסט, איך קען דאָך נאָכמאַכן פאַרשידענע שטימען, אַז איר וועט בשום אופן נישט דערקענען. אָט הערט (מאַכט נאָך פאַרשידענע שטימען — הויכע, נידעריקע, קוויטשיקע, הייזעריקע). האַלאָ! האַלאָ! האַלאָ!... איר הערט? (ער קוקט אויפן זייגער). וואָס, איר קוקט שוין ווידער אויפן זייגער? פע, איר זענט נישט קיין דזשענטעלמען. איר האָט דאָך נאָך גאָרנישט דערציילט. איר האָט דאָך נאָך אַ שאַנס הייַנט צו רעדן און צו רעדן.. איך טאָר דאָך נישט רעדן. דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרבאָטן צו רעדן. איך בין אַ קראַנקער מענטש... איר גייט טאַקע.. איך ווייס. איר האָט אייך באַשטעלט מיט אַ מיידל... אַי, זענט איר אַ פרויען־פרעסער! נו, מילא, דאָווידזשעניאַ! איך בין מיט אייך ברוגז! מער זאָלט איר נישט קומען! קומט מאָרגן. וועט איר קומען? אַדיע!

(זי קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, ווי אין אַ פאַרלעגנהייט. לויפט צו צום פענסטער, עפנט עס האַסטיק אויף און רופט): באַלבי־נע, אַ, באַלבינע! דו ווייסט, דער דאָקטאָר האָט דאָך מיר נישט געהייסן רעדן. ער זאָגט, אַז איך טאָר נישט רעדן! דו הערסט נישט?... דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרבאָטן צו רעדן! פאַרוואָס? ווייל ביי מיר זענען אָנגעגריפן די „גלאָסאָווע פּאָדוויאַזקעס“. דו ווייסט ווער עס איז ביי מיר געזעסן? מאַקס. מאַקס איז ביי מיר

געזעסן. אַזאַ פלירטיזש! אַזאַ סמאַרקאַטש! ווען איך טרייב אים
נישט אַרויס, וואָלט ער געזעסן און געזעסן. אַזאַ נודניק! יו
אריין. איך האָב דיר צו דערציילן זייער אַ וויכטיקע געשיכטע.
גוט. קום גלייך און ברענג דיין נייעם הוט. איך וועל אים אָנ-
מעסטן. דו הערסט? (שרייט). פאַרגעס נישט צו ברענגען דיין נייעם
הוט! איך וויל אים אָנמעסטן!... אָנמעסטן!.. אָנמעסטן!..

## ארץ־ישראל־ערד אָדער די נייע מסחר״ים

(אַ סצענע לויטן שניט פון שלום עליכמס „אַגענטן״).

(„אין וואַגאָן. עס קומט אַריין מנחם־מענדל,
(אונדזער אַלטער גוט־באַקאַנטער מנחם־מענדל, נאָר
מיט אַ פּאָרטפעל) ער הענגט אויף דעם שירעם, זעצט זיך,
שטעלט זיך אויף, זעצט זיך ווידער און לאַנגווייליקט זיך״).

מנחם־מענדל: אַ ליידיקער וואַגאָן... נישטאָ מיט וועמען צו מאַכן אַ שטיקל משא־ומתן... וועמען אַ שטיקל ארץ־ישראל־ערד צו פֿאַרקויפֿן... מנאַ, אפשר וועט נאָך אָנקומען אַ פּאַסיקער פּאַסאַזשיר... דערווייל וועלן מיר אַ לייען טון מיין שיינע־שיינדלס בריוול (נעמט אַרויס אַ בריוול און לייענט). לכבוד בעלי היקר המפורסם והנגיד מהורר מנחם־מענדל שיחיה. ראשית, קום איך דיר צו שרייבן, אַז ביי אונדז אין שטעטל האָט זיך שוין אויך אַ סוחר גענומען דאָס לעבן. משה־אליהו דער מאַנופאַקטורשטשיק. קענסט דאָך אים. ער האָט זיך געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון פינפטן שטאָק „פּאָ וואַרשאַווסקי״, איז אָבער ביי אונדז נישטאָ קיין פינף־גאָרנדיקער מויער. האָט ער זיך געהאָנגען אויפן בוידעם, דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן!.. וחשנית, זאָג מיר נאָר, טייערער תכשיט מיינער, וואָס פאַר אַ נייעם געשעפט האָסטו דאָס דערשנאַפּט? ארץ־ישראל־ערד גאָר? פון ווען אָן ביזטו דאָס געוואָרן אַן ארץ־ישראל־ייד? אַז אונטערלייגן זאָל מען שוין דיר ארץ־ישראל־ערד, גאָט דערבאַרעמדיקער!.. איך האָב מורא, אַז דו וועסט זיך פֿאַרנעמען מיט ארץ־ישראל־ערד, וועלן מענטשן אויפ־

הערן צו שטאַרבן! ווי זאָגט די מאַמע, זאָל לעבן: אַז מיין שלים-מזל וועט אָנהייבן צו האַנדלען מיט קאַפּעלושן, וועלן מענטשן אָנ-הייבן גיין אָן קעפּ...

(„עס קומט אַריין אַ נייער פּאַסאַזשיר מיט אַ טעקע. אַ קליין רירעוודיק שוואַרץ יידל מיט אַ שוואַרץ בערדל, ווי אונטערגעקלעבט; ער טראָגט אַ שוואַרצע וויזיטקע, אַ קאָלירטע וועסט און הייסט זוסמאַן האָ-לעוועשקע").

מנחם - מענדל, (פאַר זיך): דאַכט מיר, דער פּאַסיקער קונה אויף אַ נחלה אין ארץ - ישראל.

(„דאָס יידל נעמט אַרויס אַ צייטונג און נעמט לייענען. מנחם - מענדל שטופּט אַריין די נאָז").

מנחם - מענדל: פּשעפּראַשאַם, מען קאָן אַריינקוקן?

האָלעוועשקע: אָך, דליאַ טשעגאָ ניע?

מנחם - מענדל: וועגן וואָס לייענט אַ ייד?

האָלעוועשקע: וועגן וואָס זאָל אַ ייד לייענען? אַ ייד לייענט וועגן ארץ - ישראל... וואָרים יעדער ייד שטייט דאָך היינט מיט איין פוס אין גלות און מיט דעם אַנדערן פוס אין ארץ - ישראל.

מנחם - מענדל: אַז איך ווייס גאָרנישט, צו וואָס מען דאַרף מיט איין פוס שטיין אין גלות, אַז מען קאָן מיט ביידע פיס שטיין אין ארץ - ישראל!

האָלעוועשקע: דאָס איז דאָך שטענדיק מיין טענה! צו וואָס זיין אין גלות און פאַרשוואַרצט ווערן און צאָלן פּאָדאַטקעס און שפּרינגען פון פינפטן שטאָק, אַז מען קאָן זיך זיצן רויק אויף אַן אייגענער נחלה.

מנחם - מענדל: און נאָך וואָס פאַר אַ נחלה! מיט שייערן, מיט שפּיזשאַרניעס, מיט קאָרן און ווייץ און תבואה, ווי עס שטייט אין „ויתן לך".

האָלעוועשקע: בפרט נאָך, אַז מען בעט ביי דיר נישט קיין מזומן געלט. איר גיט האַנט - געלט און די נחלה צאָלט זיך אויס פון זיך אַליין, מחמת עס וואַקסט...

מנחם - מענדל: אַלץ הייסט וואַקסן!

האָלעוועשקע. ווי אויף הייוון וואַקסט זי מיט שאָף או־
רינדער און בעק און ציגן עתודים, נקודים וברודים...

מנחם־מענדל: עתודים, נקודים וברודים...

האָלעוועשקע: וואָס דאַרפט איר מער, אָט האָט אַ ייד פון
אונדזער שטעטל, אַ קרעמעניצער, געקויפט מיט אַ פּאָר יאָר צו־
ריק אַ נחלה אין ארץ־ישראל פאַר 2 הונדערט דאָלאַר, גיט מען
אים איצט דרייסיק טויזנט דאָלאַר, ווי די בערן, אחת ואחת!

מנחם־מענדל: איז דאָך ביי אונדז אין מאַזעפּעווקע געשען
אַ שענערע געשיכטע. ביי אונדז האָט אַ ייד געקויפט אַ גוט אין
ארץ־ישראל פאַר הונדערט זלאָטיס, גיט אים איצט ראָטשילד
פופציק טויזנט פונט טערקישע פראַנקען... אַזוי העלף מיר גאָט!..

האָלעוועשקע: דערפאַר האַלט איך, אַז מען דאַרף אַריינ־
כאַפּן און נישט אָפּלייגן!

מנחם־מענדל: נאָר נישט אָפּלייגן, גענומען און געמאַכט!

האָלעוועשקע: מניה וביה! (כאַפּט זיך צו דער טעקע).

מנחם־מענדל: כהרף עין! (כאַפּט זיך צו דער טעקע).

(„שלעפּן אַרויס דעקלאַראַציעס און בלייבן
שטיין איינער קעגן אַנדערן, ווי די הענער").

האָלעוועשקע: נו?

מנחם־מענדל: וואָס, נו?

האָלעוועשקע: וויפל דונאַם ערד ווילט איר? אַ פינף הונ־
דערט וועט זיין גענוג?

מנחם־מענדל: וואָס הייסט, וויפל איך וויל? וויפל ווילט
איר?

האָלעוועשקע: וואָס הייסט? איר האָט אויך ארץ־ישראל־
ערד?

מנחם־מענדל: נאָך אַ מין ארץ־ישראל־ערד! אויפן סאַ־
מע שפּיץ פון הר גינית (נעמט אַרויס מיט גדלות אַ וויזיט־קאַר־
טע, פאַרגויגט זיך און שטעלט זיך פאָר): מנחם־מענדל, דירעקטאָר
פון דער געזעלשאַפט „פטום הקטורת", מיט אַ שטח פון דריי מי־
ליאָן דונאַם ערד, צווישן חדקל און נהר פשון, מיט אַ קאַפּיטאַל
פון פערציק מיליאָן פונט ענגלישע פראַנקען!

האַלעוועשקע (נעמט אויף אַרויס אַ וויזיט-קאַרטע און שטעלט זיך פאַר): מאָסיע זוסמאַן האַלעוועשקע. סוב-דירעקטאָר פון דער אַנגלאָ-פּאַלעסטינער אַקציען-געזעלשאַפט „פּטר רחם" מיט אַ שטח פון פיר מיליאָן דונאַם ערד און אַ קאַפּיטאַל פון פופציק מיליאָן עגיפּטישע דאָלאַרן.

(„זעצן זיך און זיפצן אָפּ זייער שווער. עס קומט אַריין אַ נייער פּאַרשוין — אַ בייכיקער ייד אין אַ בכּבודיקן סורדוט מיט אַ דרייעקעדיק פּנים ווי אַ המנטאַש, באַוואַקסן מיט אַ סך באָרד. טראָגט אויף אַ טעקע. ער זעצט זיך אַוועק ברייטלעך, נעמט אַרונטער דעם קאַשקעט, פאַרוואַרפט אַ קאָפּל אויפן שפּיץ קאָפּ און גלעט זיך די באָרד. ער הייסט ר' זימעלע זיידנוואַרג").

ר' זימעלע: וווהין פאָרן דאָס יידן?

האַלעוועשקע: מען ווייסט הייבט, וווהין מען פאָרט? אָט מען העצקעט זיך אין די וואַגאָנען.

מנחם-מענדל: מען העצקעט זיך.

ר' זימעלע: פאָרן, הערט איר, יידן, איז נאָר גוט אויף אַן אייזעלע און טאַקע אין דער ארץ הקדושה, אין ארץ-ישראל.

מנחם-מענדל: און ווער רעדט נאָך אויף אַ מויל-אייזל!

האַלעוועשקע: איר זענט געווען אין ארץ-ישראל?

מנחם-מענדל (פאַר זיך): מען דאַרף אַ טאָפּ טון אין וואָגן: איר האָט שוין דאָרט אַ נחלה?

ר' זימעלע: קיין נחלה האָב איך נאָך דאָרטן נישט. נאָר איך מיין, אַז יעדער ייד באַדאַרף צו האָבן אַ נחלה אין ארץ-ישראל.

האַלעוועשקע (פאַר זיך): ער רעדט דאָך גאָר צו דער זאַך... (הויך) מיין טענה: יעדער ייד באַדאַרף האָבן אַ נחלה אין ארץ-ישראל.

מנחם-מענדל (פאַר זיך): ער גייט גאָר אַליין אין שפּאַן. מען דאַרף אים נעמען אויפן דראָנזשיק (הויך). יאָ, יעדער ייד דאַרף האָבן אַ נחלה מיט אַ גאָרטן, מיט אַן אייגענעם ווייַנגאָרטן...

ר׳ זימעלע: וואָס ווייסט איר, יידן, וואָס ארץ - ישראל - פירות ענען! אַן ארץ - ישראל - פייג! אַ באָקסער! אַ טייטל! אַ מילגרוים! זאַ קאַקטוס!

האַלעוועשקע: אַ ווערטעלע צו זאָגן אַ קאַקטוס!

ר׳ זימעלע: היינט די איילבירטן! דו קוועטשסט די איילבירטן און דו מאַכסט זיך שמן - זית...

האַלעוועשקע: דו קוועטשסט און דו מאַכסט...

מנחם - מענדל: נאָך אַ מין קוועטשן, נאָך אַ מין מאַכן (פאַזיך), מיט די זייטן מאַכט מען!..

ר׳ זימעלע: היינט אַז מען זאָל רעדן פון פקוח נפש, האָט איר דאָך דאָרט דעם אמתן קוראָרט. אַט גיט נאָר אַ קוק אויף דער דלאָניע. לאָמיר זאָגן, אַז איר לאָזט בויען אייער נחלה. אָט אָ דאָ האָט איר פון איין זייט דעם ים, פון דער אַנדערער זייט דעם ירדן, פון דער דריטער זייט דעם ים - המלך און פון דער פערטער זייט די חמי - טבריה. ווילט איר, גיט איר אַ שפרונג אַריין אין ים און באָדט זיך אין ים, ווילט איר, באָדט איר זיך אין ירדן. ווילט איר אַ געזאַלצענע וואַנע, באָדט איר זיך אין ים - המלך, און אַז איר ווילט גאָר אַ הייסע וואַנע, באָדט איר זיך אין חמי - טבריה אָדער אין הייסן זאַמד.

האַלעוועשקע: וואָרים דער זאַמד איז דאָך דאָרט אַזוי הייס, ווי פרישניק ממש! אַן איי קאָן מען דאָך דאָרט אָפּבראָטן!

מנחם - מענדל: אַז מען שמועסט, עס איז אַ סכנה דאָרט אָוועקצעזעצן זיך...

ר׳ זימעלע: אי, ווער הייסט מיר דען זיצן אויפן הייסן זאַמד, אַז איך קאָן מיר זיצן אויפן וועראַנדע, אין שאָטן פון אַ פייגנבוים און עסן מאַנדלען... ווי אין פסוק שטייט: איש תחת גפנו ותחת תאנתו.

האַלעוועשקע: איש תחת גפנו ותחת תאנתו.

מנחם - מענדל: תחת תאנתו.

ר׳ זימעלע: ווילט איר, הייסט עס, מאַכן געשעפט, יידן?

האָלעוועשקע: נאָך אַ מין מאכן.

מנחם-מענדל: מניה וביה! (כאַפּט זיך צו דער טעקע).

ר' זימעלע: מיט דער רגע! (כאַפּט זיך צו דער טעקע).

האָלעוועשקע: כהרף עין! (כאַפּט זיך צו דער טעקע).

מנחם-מענדל: נאַ. דאָ האָט איר דעם פּלאַן און קלייבט זיך אויס אַ נחלה, ווו אייער האַרץ גלוסט.

האָלעוועשקע: דאָ האָט איר די פאָטאָגראַפיע פון פּאַרטיקע הייזער און קלייבט אייך אויס אַ בנין לויט אייער גוסט.

ר' זימעלע: וואָס הייסט, איר ווילט מיר פאַרקויפן נחלאות? און ווי בין איך?

האָלעוועשקע און מנחם-מענדל: וואָס? איר זענט אויך אַ — — —

ר' זימעלע: נאָך אַ מין! (נעמט אַרויס אַ וויזיט-קאַרטע און שטעלט זיך פאָר): ר' זימעלע זיידנוואַרג, מנהל מן החברה הארץ ישראלית „תזריע מצורע", חמשה מיליאָן דונאַם קרקע בין באר שבע ובין ארם נהרים, קאַפּיטאַל ארבעים מיליאָן שקלים מזומנים.

האָלעוועשקע (דערלאַנגט זיין וויזיט-קאַרטע און שטעלט זיך פאָר): זוסמאַן האָלעוועשקע, סוב-דירעקט. פון דער געזעלשאַפט „פּטר-רחם", מיט אַ שטח פון פיר מיליאָן קילאָמעטער ערד און מיט אַ קאַפּיטאַל פון פופציק מיליאָן עגיפּטישע דאָלאַרן...

מנחם-מענדל (שטעלט זיך פאָר): מנחם-מענדל פון מאַזעפּעווקע, הויפּט-פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפט „פּטום-הקטורת", מיט אַ שטח פון דריי מיליאָן דונאַם ערד אויפן סאַמע שפּיץ פון הר גינית, מיט אַ קאַפּיטאַל פון פערציק מיליאָן ענגלישע פראַנקען.

(„טוישן זיך מיט וויזיט-קאַרטן, פּראָספּעקטן, קאָמוניקאַטן, בראָשורן, דין וחשבונס און אַנדערע ארץ-ישראל-ליטעראַטור. בלייבן זיצן, זיפצן אונטער").

ר׳ זימעלע: יידן! ווער פון אייך האָט אַ פּאַפּיראָס?

האָלעווּשקע: קיין פּאַרטיקע האָב איך נישט, איך קאָן נאָר
געבן צו דרייען:

מנחם - מענדל: מילא, אַז דרייען, איז דרייען, עך,
עך, עך!..

# פריינטלעכע פאראדיען

## ווי די פּראָווינץ רעדט.

יעדער מענטש האָט ליב צו געברויכן און רעדן אַ שיין וואָרט, אַרייַנוואַרפן אַ ליטעראַריש וואָרט, אַ פרעמד וואָרט. און גאַנץ אָפט טרעפט, אַז דאָס וואָרט, וואָס ווערט באַנוצט, פּאַסט זיך גאָר־נישט אַריין אין דעם זאַץ אָדער אין דעם געדאַנק, וואָס דער רעדנער זאָגט אַרויס. אָפטמאָל דריקט דאָס שיינע וואָרט אויס פּונקט דעם קעגנזאַץ, וואָס דער רעדנער איז אויסן.

איבערהויפּט זינדיקט אין דעם פּרט די פּראָווינץ. די פּראָווינצער אינטעליגענץ, וואָס האָט אַ קנאַפּן קאָנטאַקט מיט די לעבעדיקע גרויסשטעטישע קולטור־קוועלן און וואָס שעפּט איר קולטור־קענטעניש פון אַ צופעליק פאַרבלאָנדזשעט ביכל, פון אַ פאַרגרייזטער צייטונג און צוגערייזטן לעקטאָר, פאַרקריפּלט אָפט דאָס ליטעראַרישע און פרעמדע וואָרט אַזוי, אַז עס קומען אָפט אַרויס העכסט קאָמישע קוריאָזען.

די קאָמישעסטע ווערטער ווערן הויפּטזעכלעך געברויכט פון די, וואָס דערציִען און דערנערן זיך בלויז אויף דער צייטונג. און אַזוי ווי די צייטונג איז בעוה"ר פול מיט דרוק־פעלערן און אומגעלומפּערטע טעותן און קוריאָזן, ווערט אויך די שפּראַך זייערע פאַרגרייזט און פאַרקריפּלט.

ווי איר זעט, האָט דאָ דער בחור הזעצער אַ סך צו זאָגן.

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ גרייז אין דער צייטונג, ווי, למשל, אַ פאַלשע נקודה, דאָס פעלן פון אַ דגוש אָדער אַן איבעריקער

דגוש אין וואָרט, מאַכט, אַז אַ גאַנץ שטעטל זאָל יאָרן ־ לאַנג געברויכן דאָס וואָרט מיט דעמזעלבן פעלער.

אַ טעות אין אַ פּינטעלע שאַפט אָפּט אַ ניי וואָרט, אַ פאַלשן באַגריף, אַ פאַלשע דעפיניציע א. אַז. וו.

רייזנדיק איבער דער פּראָווינץ, האָט זיך מיר געמאַכט צוצוהערן אַ סך געשפּרעכן, אין וועלכע עס ווערן געברויכט מער־קווירדיקע לאַפּסוסן.

אין איין שטעטל, וווהין איך בין געקומען צו פאָרן מיט אַ פאָרלעזונג, האָט מיך באַגעגנט איינער פון די אָרגאַניזירער פונם ליטעראַרישן אָוונט און האָט מיך פאַרזיכערט, אַז מיין פאָר־לעזונג וועט האָבן דעם גרעסטן ערפאָלג, און אַז אַלע פאָרלעזער האָבן דאָרט דעם גרעסטן ערפאָלג (מיט אַ „פּ"). געוואָלט האָט ער, נאַטירלעך, זאָגן ערפאָלג מיט אַ „פ".

מעגלעך, אַז נישט דער בחור הזעצער איז אין דעם שול־דיק. מעגלעך, אַז שולדיק איז אין דעם אַ פליג, וואָס האָט אַ פּינטעלע געמאַכט אין „פ". אַזוי אַרום האָט אַ פליג אַ גרויסע השפּעה אויף דער קולטור ־ שפּראַכלעכקייט פון טויזנטער שטעט און שטעטלעך.

— קאָנט איר מיר נישט זאָגן, — פרעגט מיך איינער, — וואָס איז דאָס פאַר אַ טעאַטער ־ שפּיל אַזאַ „די נשמה פון מיין פאָלק", וואָס מען שפּילט אין די וואַרשעווער טעאַטערס?

אין אַן אַנדער שטעטל האָט די יוגנט געברויכט דאָס וואָרט פאָרנאָגראַפיע (מיט אַ „פ") אָנשטאָט פּאָרנאָגראַפיע (מיט אַ „פּ"), און דאָס איז דערפאַר, וואָס אין דער צייטונג, וואָס דאָס שטעטל באַקומט, איז גראָד דאָס וואָרט געווען פאַרגרייזט, נעמלעך, אין „פ" האָט געפעלט דאָס פּינטעלע.

דערביי ווערט דאָס וואָרט „פּאָרנאָגראַפיע" אויך נישט גע־ברויכט אין ריכטיקן זין, מעגלעך דערפאַר, וואָס אין דער צייטונג איז אויך על פּי טעות פון הבחור הזעצער דאָס וואָרט געברויכט געוואָרן נישט אויפן ריכטיקן פּלאַץ.

— ביי אונדז אין שטעטל, — זאָגט צו מיר איינער אַ יונגערמאַן, — געפינען זיך אַ סך פּאָרנאָגראַפן, וואָס שרייבן און שרייבן און מאַכן קאַליע פּאַפּיר. דאָס איז אַזאַ קרענק...

איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז ער מיינט „גראַפאָמאַניע"...

ווי אַזוי פון „גראַפאָמאַניע" איז געוואָרן „פּאָרנאָגראַפיע", איז שווער צו זאָגן.

דאָס רוב קוריאָזן קומען אַרויס פון דעם, וואָס די אותיות „מ" און „ט" האָבן כמעט איין אויסזען און ווערן אָפט פון בחור הזעצער פאַרביטן.

אין איין שטעטל, וווּ איך בין געקומען מיט אַ פאָרלעזונג, האָב איך געפרעגט דעם פאָרשטייער פון דער אינסטיטוציע, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן, וועגן וואָס זאָל איך רעדן.

— רעדט, — האָט ער מיר געענטפערט, — וועגן די נייסטע „פּראָבלעטן" (מיט אַ „ט"). מיר האָבן אַזוי פיל נייע „פּראָבלעטן" אין לעבן, וואָס די יוגנט מוז זיך אין זיי „אָנצליוירן".

נאָך אין אַ שטעטל האָט מען מיך געפרעגט, צי איז ווּלאַדימיר „מעדעס" טאַקע אַ וויכטיקער מענטש.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט נישט געוווּסט פון קיין „מעדעם", נאָר „מעדעס", מיט אַ „סמך" צום סוף.

די פּראָווינצער אינטעליגענטן האָבן בכלל ליב צו רעדן אויף אַ אינטעליגענטיש לשון, אויפן הויכן שטייגער, און געברויכן וואָס מער פרעמד - ווערטער.

הויפּטזעכלעך ווען מען רעדט מיט אַ שריפטשטעלער, איז זיכער אַ חוב אַרויסצולאָזן דעם גאַנצן באַגאַזש פון „ליטעראַרישן לשון".

אַ פּראָווינצער אינטעליגענט וועט נישט זאָגן צו אייך פּשוט: „מיר לאַדן אייך איין אויף אַ פאָרלעזונג". נאָר ער וועט אייך זאָגן אומגעפער אַזוי:

— מיר זענען געקומען צו אייך, צו שטעלן אייך אַן אָנפרעגע: צי האָט איר „אַ ליידנשאַפט" צו קומען צו אונדז און געבן אונדז פון אייער גייסטיקער שפּייזע און שאַפן אונדז אַ „סימבאָל" פון אונדזערע „שאַטירונגען".

א צווייטער זאָגט:

— מיר לאַדן אייך איין, איר זאָלט קומען צעברעכן די אַלטע פאָרמען פון אונדזער לעבן און שאַפן גייסטיקע „ספּאַקטיוון״ פאַר אונדזערע „האָריזאָנטן״.

פירנדיק אייך פון סטאַציע אין שטעטל אַריין, ווערט מען אייך שטעלן אַזאַ פראַגע:

— צי ווילן זי האָבן גייסטיקע רו אין א האָטעל אָדער אין „קעגנוואַרט״ (אין קעגנטייל) — איר ווילט פאַרפאָרן צו א פּריוואַטער פּערזענלעכקייט? (פּערזאָן).

אין שטעטל האָט מען מיך פאַרפירט צו דעם גבאי פון דער חברה „לינת-הצדק״ (דאָס האָט מען געטון מסתמא, כדי איינצושפּאָרן א האָטעל). דער ייד האָט זיך צורעדט וועגן דעם פאַר־שטייענדיקן אָוונט און צווישן אַנדערן האָט ער באַמערקט:

— די סאַליע, ווו איר וועט לעזן, איז א ביסל פאַרלאָזן, די לופט איז דאָרט פאַרשטיקט. איך מיין, אַז מען וועט דאַרפן דאָרט מאַכן א שטיקל „דיזענטעריע״...

עס איז קלאָר, אַז ער האָט געמיינט צו זאָגן: „דיזענפעקציע.״ צו קאַלאַציע באַמערקט זיין ווייב:

— דאָ מוז מען אַלץ קאָכן אין דערהיים. אין א גרויסער שטאָט איז א חיות, דו ווילסט עסן, גייסטו אַריין אין „אַריסטאָק־ראַט״ און דו עסט אָפּ.

אין דעמזעלבן שטעטל בשעת א פאָרלעזונג, אין דער צייט פון דער הפסקה, קומט צו מיר צו א ייד און פאַרפירט מיט מיר א פּאָליטישן שמועס.

— וואָס הערט זיך אויפן באַלקאַן? — פרעגט ער.

איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. ער האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, פאַרוואָס איך פאַרשטיי נישט אַזאַ פּשוטע שאלה.

— וואָס פאַר א באַלקאַן? — פרעג איך.

— אויפן באַלקאַן, דאָרט, ווו די „ברידערלעך״ שלאָגן זיך מיטן טערק...

לאָזט זיך אויס, אַז כמעט אַלע יידן פון זיין שטיבל זאָגן אָנשטאָט „באַלקאָן" — „באַלקאָן" און דאָס איז דערפאַר, וואָס אין דער צייטונג איז עטלעכע מאָל געשטאַנען אונטערן צווייטן „אלף" אַ קמץ.

איינמאָל באַגעגנט מיך אַ פּראָווינצער יונגערמאַן און מאַכט צו מיר אַזוי:

— אַך, ווי זי האָבן זיך אַנטוישט. איך אָנערקען זיי גאָרנישט...

— וואָס הייסט, איך האָב זיך אַנטוישט? פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב זיך אַנטוישט? און פאַרוואָס אָנערקענט איר מיך נישט?

— וואָס הייסט, פון וואַנען וויס איך, אַז איר האָט זיך אַנטוישט? איך זע דאָך! מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך זי געזען ביי אונדז אין שטעטל, זענען זי געווען שצופּלע, דאַר, און איצט, קיין עין-הרע, זעען זיי אויס קיילעכדיק, דיק...

פאַרשטיי איך, אַז „אַנטוישט" מיינט ער „געטוישט" און אַז „אָנערקענען" מיינט ער „דערקענען".

כמעט אויף דער גאַנצער פּראָווינץ ווערט דאָס וואָרט „מענטשהייט" געברויכט אָנשטאָט „פּובליקום", „עולם".

— מען קאָן שוין עפענען דעם אָוונט! — שרייט איינער פון די אָרדנער פון מיין פאָרלעזונג. — מיר האָבן שוין אַ האַלבע „מענטשהייט".

— ניין, מען קאָן נאָך נישט אָנהייבן! — שרייט אַ צווייטער אָרדנער. — מיר דאַרפן האָבן די גאַנצע „מענטשהייט".

— אַ טייל פון דער „מענטשהייט" געפינט זיך ביי דער קאַסע.

— אַ האַלבע „מענטשהייט" זיצט אין בופעט...

דאָס וואָרט „פּעסימיזם", „פּעסימיסט" איז איינס פון די באַליבטסטע ווערטער ביי די פּראָווינצער אינטעליגענטן. דערביי ווערן אונטער דעם וואָרט פאַרשטאַנען גאַנץ פאַרשידענע באַגריפן.

— אָט, אָ דער יונגערמאַן, וואָס שטייט דאָרט, — דער־ציילט מיר איינער אַ פּאַרשוין און ווייזט אויף אַ צווייטן יונגנ־מאַן, — איז אַ גרויסער פּעסימיסט פון שטאַרקן פּעסימיזם.

— וואָס הייסט? — פרעג איך. — אין וואָס ווייזט זיך אַרויס זיין פּעסימיזם?

— וואָס רעדט איר! ער האָט שוין אפשר דאָס פינפטע מיידל אַוועקגעוואָרפן!

אַנדערע, ווידער, שטויסן זיך יאָ אָן אויף דעם ריכטיקן טייטש פון פּעסימיזם און קאָקעטירן דערמיט.

— איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן, — מאַכט צו מיר איינער נאָך מיין פּאָרלעזונג, — איך האָב זייער הנאה געהאַט פון אייערע הומאָרעסקעס, נאָר לאַכן האָב איך נישט געלאַכט, מחמת איך בין אָפיציעל אַ פּעסימיסט...

„אָפיציעל“ האָט ער געמיינט „פּרינציפּיעל“.

דאָס וואָרט „אַנטיסעמיט“ ווערט שוין ביי אַ סך מענטשן נישט געברויכט אַלס „יידנפיינט“, נאָר סתם אַלס פיינט, שונא.

— איך בין אַ גרויסער „אַנטיסעמיט“ פון ענגע שיך... און בין אַן „אַנטיסעמיט“ פון טרינקען בראָנפן... איך בין אַן „אַנטיסעמיט“ פון די הייטמאָדישע טענץ.

נאָך אין אַ שטעטל האָט מיר איין פּאַרשוין אָנגעוויזן אויף אַ צווייטן פּאַרשוין און האָט געזאָגט:

— איר זעט אָט דעם פּאַרשוין? ער איז ביי אונדז אַ גרוי־סער ס פּ י ר י ט ו אַ ל י ס ט. ער האַלט אין איין טרינקען ספּי־ריטוס. .

דאָס וואָרט „קאָנצעפּציע“, וואָס איז די לעצטע צייט אַזוי פּאָפּולער און ווערט אָפט געברויכט אין דער ליטעראַטור און אין צייטונגס־אַרטיקלען, האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אין דער פּראָ־ווינץ, און ווערט דאָרט זייער שטאַרק געברויכט אַפילו אין אַלטעג־לעכן לעבן. די באַדייטונג פון דעם וואָרט זאָל זיין דאָסזעלבע, וואָס „שייכות“. דאָס האָב איך פאַרשטאַנען לויט די פראַגן, וואָס מען האָט מיר געשטעלט, און לויט די שמועסן, וואָס איך האָב גע־הערט, פּ רנדיק, צווישן זיך.

— האָבן זיי אַ שטיקל „קאָנצעפּציע" צו פּאָעזיע אויך?
און נאָך האָב איך געהערט, ווי צוויי האָבן זיך געקריגט.
— איך האָב צו דיר קיין שום „קאָנצעפּציע" נישט!
איינמאָל האָב איך אין אַ שטעטל בייגעוווינט אַ דיסקוסיע אויף דער טעמע: „צי איז דאָסטאָיעווסקי אַן אינטעליגענט, צי נישט?" דעבאַטירט האָבן צוויי גענעראַל-רעדנער. איינער האָט געהאַלטן, אַז דאָסטאָיעווסקי איז אַן אינטעליגענטער שרייבער, כמעט אַ פוטוריסט; דער צווייטער, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז דאָסטאָיעווסקי איז טאַקע אַ גרויסער שרייבער, כמעט אַ פוטוריסט, נאָר קיין אינטעליגענט איז ער נישט. די דעבאַטע האָט זיך פאַרשאַרפט, עס האָבן זיך אָנגעהייבן פּערזענלעכע אָנגריפן, וועלכע זענען אַריבער אין פּשוטע זידלערייען. איינער דעם אַנדערן האָבן אָנגערופן מיט די שענדלעכסטע נעמען. צום סוף האָט איינער שוין נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן און האָט אויסגעשריען אויף זיין קעגנער! „דו ביזט אַן אינדיווידיום!!!"
עס איז שיער אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער סקאַנדאַל. דער גאַנצער עולם האָט זיך אַריינגעמישט. כמעט אַלע זענען געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט פאַר דער שרעקלעכער באַליידיקונג. דער פאָרזיצער האָט געפאָדערט, ער זאָל נעמען דאָס וואָרט צוריק.
— אַלץ האָט ער געמעגט זאָגן, נאָר נישט „אינדיווידיום!" האָט דער עולם געשריען. — אַזאַ וואָרט זאָגט מען נישט!
לאָזט זיך אויס, אַז דאָס וואָרט „אינדיווידיום" איז אין שטעטל אָנגענומען פאַר זייער אַ שרעקלעך זידל-וואָרט.
ענדלעך האָט דער אָנגרייפער זיך געמוזט אַנטשולדיקן, גענומען דאָס וואָרט צוריק און דערקלערן, אַז זיין קעגנער איז נישט קיין „אינדיווידיום", און די מענטשהייט האָט זיך באַרויקט.
אין איינעם פון די שטעטלעך האָב איך פאַרבלאָנדזשעט צו אַ בוכהענדלער אין בוך-געשעפט. אין געשעפט זענען געשטאַנען נאָך עטלעכע יונגעלייט — שטעטלדיקע אינטעליגענטן. מיר האָבן זיך אַלע צעשמועסט, געפירט ליטעראַרישע געשפּרעכן, און דאָ האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנצן אוצר פון אַזעלכע ווערטלעך.

איבערהויפּט האָט מען זיך געפּלאָנטערט מיט די דריי ווערטער:

„פּאָרוואורף“, „אויסוואורף“ און „אויפרוף“. די דאָזיקע דריי ווערטער, וואָס זענען ענלעך צווישן זיך, האָבן אַרויסגערופן אַזאַ מישעניגע, אַז זעלטן ווער עס האָט זיי געברויכט אויפן ריכטיקן פּלאַץ און ריכטיקן זין.

— מען האָט געדאַרפט אָנשרייבן אויפן בלאַט „אַן אויסוואורף“, — זאָגט איינער.

— און דו ביזט אַ גרויסער „אויפרוף!“ — זידלט זיך אַ צווייטער.

— ער איז אַ פּאַסקודניאַק, אַ „פּאָרוואורף!“ — זאָגט אַ דריטער.

— און איך בין דער מיינונג, אַז פּרץ איז מער פּ ע ר ס אָ נ אַ ל איידער קינסטלער...

פּערסאָנאַל האָט ער געמיינט פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק יי ט.

— איר קוקט מיך אָן, וואָס איך בין אַזוי אָפּגעצערט! — זאָגט אייך אַ דאַרער יונגערמאַן. — דאָס איז, וואָז איך האָב אַ סך „ליידנשאַפט“ פון מיינע עלטערן די „פינסטערלינגע“.

„ליידנשאַפט“ הייסט ביי אים „ליידן“.

— ער איז אַן אַפּעריסט — ער זאָגט אַפּעריזן.

— ער האָט ליב אַ פרוי מיט אַ שיינער קערפּערשאַפט...

ערגעץ ווו האָט זיך צו מיר געווענדט אַ יונגערמאַן:

— איך זע, איר זענט קורצזיכטיק. איך בין אויך קורצזיכטיק. די גאַנצע צייט קלייב איך זיך אַריינגיין צו אַן אָ פּ ט י מ י ס ט.

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט דעם ציוניסטישן קאָנגרעס? — פאָרט אייך איינער אָן מיט אַ פראַגע. — האָט מען שוין דאָרט געמאַכט „אַ פּאָמערלאַנק - אויסשוס?“

אַ פרוי קומט צו מיר און זאָגט: „איך בעט אייך, איר זאָלט אייַנשטעלן אויפן בלאַט. נעכטן איז ביי אונדז געשען אַ מערקווירדיקע פּ אָ ר ג אַ נ ג ע נ ה יי ט...

נאָך אַ פרוי אין אַ קליין שטעטל האָט זיך מיר אַזוי באַ-רימט:

— איך, זעען זי, האָב זייער אַ גוטן מאַן. ער טוט נישט קיין זאַך אָן מיין װ י ס נ ש אַ פ ט...

## דער צווייטער דרייסיק - יעריקער קריג
## אַרום פּרצס מצבה.

העט - העט, אין אַ שפּאָר ביסל צייט אַרום, אַזוי אַן ערך אַ טויזנט יאָר שפּעטער, וועלן מיר, אויב מיר וועלן לעבן און געזונט זיין, לייענען אין דער וועלט - געשיכטע אַזאַ מין קאַפּיטל:

### „דער צווייטער דרייסיק - יעריקער קריג".

אָנגעהייבן האָט זיך דער דאָזיקער צווייטער דרייסיק - יעריקער קריג אין יאָר 1924 און געצויגן זיך אַזש ביז 2924 נאָך קריסטוסעס געבורט.

אָנגעהייבן האָט ער זיך צוליב דער אויפשריפט אויף פּרצס מצבה — העברעיש, צי יידיש.

וואַרשע איז צו יענער צייט געווען איינגעטיילט אין פּאַרשידענע קיורפּירשטנטומס, פּירשטנטומס, יידישיסטנטומס, עברית-בעבריתטומס, פּאַרטייענטומס און קלייזלטומס. דאָס קיורפּירשטנטום יידישיסטנטום האָט פאַרנומען די טעריטאָריע פון קאַרמעליצקע ביז לעשנאָ. דאַקעגן דאָס עבריתיסטישע קיורפּירשטנטום האָט זיך געצויגן פון גראַניטשנע ביז מאַריאַנסקע.

דער גרויסער און אומפאַרכטבאַרער ריטער פון עבריתיסטישן אָרדן יצחק גרינבוים האָט געוואָלט זיין אָריענטאַליש מאַריאַנסקע-

אַ בריטיסטישן איינפלוס פאַרשפּרייטן אויף דעם יידישסטנטום פוי דער מערב-אייראָפּעיִשער קאַרמע ליצקע.

און אַ מערקווירדיקע איינגנשאַפט האָט ער געהאַט אָט דער ריטער: אָנשטאָט צו גיין אויף דער ערד, איז ער „געגאַנגען אויף מעסערס". ער האָט אונטער זיין עבריטיסטישן אָרדן קאָנצענטרירט און מאָביליזירט די אַלע אָרדנס פון „השומר", „מכבי", „קבוצות", „מרכז", ווי אויך די לאַנד-קנעכט פון „אחיתמך" און „תחכמוני" אונטער דער אָנפירונג פון דעם אומדערשראָקענעם פעלד-מאַרשאַל גראַוויצקי.

צו זיין דינסט האָבן זיך אויך געשטעלט די לאַנד-שטור-מישע לעגיאָנען פון זשאַבאָטינסקי-פּעטלורא, ווי אויך די שוץ-ווער פון ד"ר קלויזנער און מערעמינסקי. צוגלייך מיט אַלע גרויסע קריגס-העלדן פון דער וועלט, ווי אַלעקסאַנדער מוקדון, נאַפּאָלעאָן, אוסישקין, לענין, נחמן מייזל א. אנד. האָט אויך גרינבוים געהאַט זיין היסטאָרישן שלאָג-וואָרט.

אַלעקסאַנדער מוקדון האָט געזאָגט „האַקוס קרויטיס" — איך וועל האַקן ווי אין קרויט. אוסישקין האָט געזאָגט „איך לך דבר העומד בפני הרצון"; נחמן מייזל האָט געזאָגט: „פּרץ — דאָס בין איך"; לענין האָט געזאָגט: „איר וועל אָנצינדן אַ וועלט-שרפה". און גרינבוים האָט געזאָגט:

— מיר וועלן גיין אויף מעסערס!

פון דער צווייטער זייט האָט געקעמפט פאַר דער אויפשריפט דער לאַנגבאַרד זרובבל.

צו אים געהערט דאָס קלאַסישע וואָרט: „דער נאָמען פּרץ הייבט זיך אָן מיט אַ „פּ" און ענדיקט זיך מיט אַ „צ" און ווו פּ"ץ (פּועלי ציון), דאָרט בין איך!

די שטעלונג פון דעם דאָזיקן פּ"צ-אָרדן איז געווען — אָושעם דאַ גיע — יידיש און העברעיש.

אויף דעם הערב פון זיין אָרדן איז געווען אויסגעמאָלט די עמבלעם, וואָס סימבאָליזירט פּ"ץ.

צו יענער צייט זענען פאָרגעקומען די שרעקלעכע קרייץ־צוגן, וואָס האָבן געצויגן מיט פייער און שווערד, פעך און שוועבל דורך די וואַרשעווער גאַסן.

דאָס זענען געווען די לערערינס און די פּראָפּעסאָרן פון דעם פאַרייניקטן שול־אָרדן, וואָס האָבן אומבאַרעמהאַרציק אָפּגע־קוילעט די יידישע קינדער און בלויז מאַנכע געלאָזט לעבן, כדי צו פאַנגען זיי אין געפאַנגענשאַפט און נעמען זיי פאַר קנעכט און מענער.

זיי האָבן געטראָגן גרויסע טראַנספּאַראַנטן און פאָנען, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעמאָלט אַ גרויסער „פּ״ך" — די עמ־בלעם פון זייער אָרדן.

אַ שרעקלעכע אימה פלעגט באַפאַלן די מאַנספּערשוינען אין יעדן אָרט, ווו די קרייץ־צוגן פלעגן זיך באַווייזן, און זיי פלעגן צעלויפן אין די פעלדער און וועלדער.

די דאָזיקע פרומע־פּיליגרימען פלעגן טון זייער אכזריות־דיקע אַרבעט מיט גרויס קענטניש און געניטקייט, ווייל לויט די כראָנאָלאָגישע פאָרשונגען האָבן אַ סך פון זיי נאָך אָנטייל גענומען אין דעם ערשטן דרייסיק־יעריקן קריג...

אַ צווייטער קרייץ־צוג האָט זיך געצויגן פון קאַרמעליצקע צו מאַריאַנסקע, צוזאַמענגעשטעלט פון די לאַנד־ריטער פון יידישן סעמינאַר־אָרדן, מינען־זינגער, טרובאַדורן פון דער דראַמאַטישער שול געפירט אונטער דער קאָמאַנדע פון אומדערשראָקענעם האַקן־קריי־צער מענדעלסאָן.

פאָרויס איז געגאַנגען דער בייזער ריטער, וואָס איז געווען באַרימט צו יענער צייט אונטער דעם נאָמען ד ע ר כ מ ו ר נ ע ר. ער האָט געטראָגן אַ טראַנספּאַראַנט מיט אַ מוסטער פון פּרצס מצבה.

## ד"ב

(דאָ — באַהאַלטי)

דער גרעסטער שרייבער נאָך יאַנקעוו פּאַט
און קעמפּער פאַר דער נייער אָרטאָגראַפּיע

כּאַווער

# יצכאַק לייבּוש פּערעץ

געבּוירן אין 18

21 יאָר פאַר דער אַנטשטייונג פּון „קליינעם בּונד"
און 13 יאָר פאַר דער גרינדונג פּון „קולטור-ליגע"

געשטאָרבּן אין 19

3 יאָר נאָך דער דערשיינונג פּון „פאָלקס-צייטונג"
און 2 יאָר נאָך דער דריטער „שפּאַלטונג אין נאָדל-פּאַך.

×××

ז. ז. נ. ז. ג. א. בּ. פּ. ל.

(זאָל זיין נעפעש זיין געבּונדן אין בּינטל פון לבען).

קויפט, לעזט און פאַרשפּרייט די „פאָלקס-צייטונג".

פּון אייראָפּע האָט זיך דערוווייל אונטערגערוקט אַ נייע גע-
פאַר אין דער געשטאַלט פּון נאָמבּערג דעם שרעקלעכן, דערזעלבּער
ריטער, וואָס האָט מיט כּח גברא צעטרייסלט און אומגעוואָרפן עטלע-
כע פּיינטלעכע פּולקן קאַוואַלעריע, בּאַקעמפּט די גרעסטע אַטלעטן אין
פּאַריזער אלימפּיאַדא-שפּיל און בּאַקומען אַ הויכע נאַגראָדע פאַר
פּרעכטיקן קערפּער-בּוי אויפן שיינהייטס-קאָנקורס און ביי
ליליפּוטן פּון אינדזל יאַווע.

די כימיקער פון דעם פאָלקס - אוניווערזיטעט און אוניברסיטה עממית האָבן געהאַלטן אין דערפינדן נייע אויפרייס - מאַטעריאַלן, פּאָלעמישע אַרטיקלען וכדומה אַזעלכע גאַזן.

ד״ר גרשון לעווין האָט געשריבן זכרונות וועגן „דער גרויסער דרייסיק - יעריקער מלחמה צוליב פּרצס מצבה״.

פון צייט צו צייט פלעגט דערקלערט ווערן אַ שטילשטאַנד. עס פלעגן צונויפגערופן ווערן אַ קאָנפערענץ פון אַלע קריגספירער אונטער אַ שטאַרקער באַוואָפנונג.

גרינבוים פלעגט קומען צו דער זיצונג מיט אַ שאַרפן מעסער אין כאָלעוויע, מענדעלסאָן רייטנדיק אויף אַ טאַנק, נאָמבערג — אויף אַ דיריזשאַבל און ד״ר לעווין אין אַ קאַרעטע פון פּאָגאָטאָוויע, אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַב פון באַרעמהאַרציקע שוועסטער, אונטער דער אויפזיכט פון טאַפּפערן ריטער קאַגאַנאָווסקין.

די זיצונגען פלעגן געפירט ווערן אָן מיינונגען, אָן פּאַרשלאַגן, אָן דיסקוסיעס, נאָר בלויז מיט גאָלע אולטימאַטומס.

— אויף מעסערס וועלן מיר גיין! נולד ונפטר!

— מיין לעבן אָדער דיין לעבן! נפטר ונולד!

— בלוט וועט זיך גיסן! נישט נולד און נישט נפטר! „געבוירן — געשטאָרבן!״.

— „נישט געבוירן און נישט געשטאָרבן!״.

— געבוירן און נפטר!!!

— נולד און געשטאָרבן!!!

— געשטאָרבן און נולד!!!

— נולד — געשטאָרבן, נפטר — געבוירן!!!

צום סוף פלעגט די זיצונג איבערגעריסן ווערן. ווידער פלעגן זיך אָנהייבן די בלוטיקע שלאַכטן.

נאָך עד היום — זאָגט דער היסטאָריקער — איז צו באַמערקן גרויסע גריבער און לעכער, בערג און קופּעס אויף די יידישע גאַסן — מסתמא איבערבלייבענישן פון די גרויסע שלאַכטן פון דעם צווייטן דרייסיק - יעריקן קריג.

— — — — — — — — — — — —

און דער היסטאָריקער ענדיקט:

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז אַמאָל איז געווען עפּעס איבער אַ פּרץ און ער איז געשטאָרבן און מען האָט אים באַגראָבן, נאָר צוליב דער דרײַסיק־יעריקער מלחמה וועגן אויסשריפֿט אויף זײַן מצבה איז זײַן קבר פֿאַרגעסן געוואָרן און קיין ילוד אשה ווייס נישט, ווו זײַנע בײנער רוען...

# איך און שפּאַניע.

## רייזע-בריוו פון שלום אַש.

### שפּאַניע.

אָ, דאָס לאַנד פון שפּאַנישע ווענטלעך און שפּאַנישע פליגן!

אין די בריסטן פון דיין מאַמע-ערד ליגט דער קבר פון גרויסן דיכטער אַבימלך מלך גרר, וועלכן אַן אַראַבישער דיכטער האָט געהרגעט אויס קנאָה צו זיין מוזע.

אָ, שפּאַניע! ווער ווייס, צי אין דער דאָזיקער רגע, ווען איך זיץ און שרייב מיינע געטלעכע רייזע-בריוו, וועט נישט צוקומען עפּעס אַן אַראַבער, וואָס וועט אַריינקוקן אין מיינע בריוו און וועט מיר אַריינשטעקן אַ קאַסטאַנעט אין ברוסט, פון הינטן, אין מיין נאָבעלער ברוסט, וואָס איז פול מיט ליבע און איז שטאָלץ אויף מיין פאָלק ישראל און זיין נאַציאָנאַליזמוס.

### באַרצעלאָנאַ.

באַרצעלאָנאַ! איך בין געפאַנגען פון צויבער פון דיינע טראַמווייען! זיי פירן מיין ליבּ אין פּאָרט אַריין. דאָרט זע איך דעם דענקמאָל פון נאָבעלן פריינט קאָלומבוס. ער קוקט אויף מיר מיט זיין גליקלעכן בליק, ווי ער וואָלט זאָגן:

אָ, טייערער, גרויסער אַש! דו ביזט אין אַמעריקע געווען. דיינע נאַציאָנאַלע פּיס האָבן די ערד באַטראָטן. צוליב דעם אליין איז כדאי געווען דאָס לאַנד צו אַנטדעקן, צו ליידן און צו קעמפן!...

איך האָב אויף צוריק געקוקט מיט מיין געטלעכן בליק און געזאָגט:

— איך בין שטאָלץ אויף מיין פאָלק און זיין נאַציאָנאַליזמוס.

## מאַדריד.

די שטאָדט פון סערענאַדן, באַריקאַדן, עקספּלאָנאַדן, שאַראַדן, באַלאַדן און שאָקאָלאַדן.

איך גיי צום אָקסן־קאַמף. מיין נאַבעל האַרץ ציטערט, צאַפּלט, מיין האַרץ וואָס קלאַפּט פאַר דעם נאָבעלן אָקס, פאַר מיין פאָלק און זיין נאַציאָנאַליזמוס.

איך קוק אויפן אָקסן־קאַמף. דער אָקסן־קאַמף קוקט אויף מיר.

איך באַטראַכט מיט מיין דורכדרינגענדן בליק דעם גאַנצן המון, אָט זיצט ער, מיין נאָבעלער פריינט, אַלפאָנס דאָדע, דער קיניג פון שפּאַניע. ער באַגריסט מיך!

דער קעניג פון שפּאַניע באַגריסט דעם קיניג פון דיכטונג, אין מיין נאָמען באַגריסט ער די גאַנצע יידישע נאַציאָן. אָ, גרויסער היסטאָרישער מאָמענט!

## סעוויל.

מיין האַרץ קלאַפּט צום ריטם פון מיין האַרץ־קלאַפּעניש. איך עפן די געשיכטע פון מיין נאָבעלן פריינט גרעטץ אין דער יידישער איבערזעצונג, אַרויסגעגעבן פון „הויז־פריינט”, און איך לייען:

— ווען דער העלד, מיין נאָבעלער פריינט, בר־כוכבא, האָט רעוואָלטירט געגן די סאַנקילאָטן, איז צו דערזעלבער צייט מיט אַ שפּאָר ביסל יאָרן פריער אויסגעבראָכן דאָ די אינקוויזיציע. (גרעטץ). איך בין נישט רעליגיעז, נאָר אויס ריינעם נאַציאָנאַליזמוס פאַרדריסט מיר די געשיכטע.

מיין באַגלייטער דערציילט מיר ווייטער: אַמאָל איז דאָ געווען אַ גרויסער גירוש. פערדינאַנד לאַסאַל האָט פאַרטריבן די יידן פון זיין לאַנד, און זיי זענען געגאַנגען אין גלות. ליידער, בין איך דעמאָלט נאָך געווען צאַרט און יונג, און נישט געקאָנט זיי באַגלייטן אין גלות אַריין, נישט געקאָנט זיין זיי אַ טרייסט און אַ באַלזאַם אויף זייער ווונד. נון, האָט זיי באַגלייט אַן אַנדערער, מיין נאָבעלער פריינט דון יצחק אַבאַרבאַנעל, אַ מיטגליד פון דער עמיגראַציע־געזעלשאַפט (זיין אמתער נאָמען איז אלדד הדני), אויך אַ שיינער ייד, איז אויך, ווי איך, געווען שטאָלץ אויף זיין פאָלק און זיין נאַציאָנאַליזמוס (ווי עס שטייט באַשריבן אין ראָמאַן „די שיינע מרים“).

## קאָרדאָוואַ.

קאָרדאָוואַ!... סאַרטאַ־קוואַרטאַ־סאַראַ־גוזשע!.. טוטו־דרוטו־דע־שמאַגעגאָ. ווי טיף איר זענט איינגעקריצט אין מיין האַרץ. מיין נאָבעלער גייסט, וואָס איז שטאָלץ א. אַז. וו.

שטענדיק, ווען איך בין געזעסן מיט מיין אומפאַרגעסלעכן חבר פרץ, וועלכער האָט שטענדיק מקנא געווען מיין טאלענט, אָדער איך בין געשטאַנען אין אַמעריקע צוזאַמען מיט מאַרשאַל און וואַרבורג פאַר דעם אַמעריקאַנער יידנטום און פאַרנומען די גרויסע אָוואַציעס, וואָס דאָס פאָלק האָט געמאַכט זייער דיכטער, אָדער איך בין געזעסן אין פאַריז מיט מיין פריינט ראַבין דראַנאַט טאַגאָראַ (וועלכער זעצט, אַגב, איבער מיינע ווערק אין סקאַנדינאַוויש — אומעטום האָב איך געדענקט פון אייך — סאַרטאַ־קוואַרטאַ־סאַראַ־גוזשע! טוטו־דרוטו־דע־שמאַגעגאָ!...

# טאָלעדאָ.

די זון שיקט אירע שטראַלן־צונגען און לעקט מיין צאַרט לייב, ווי אַ קאַץ סמעטענע. עס איז הייס. איך שוויץ מיט אַן איידעלן נאַציאָנאַלן שווייס. איך זוך זיך צו ראַטעווען מיט מיין קערפער, ווי פיל אַנדערע מיינע קאָלעגן דיכטער פאַר מיר, אין די טיפענישן פון שטאָט־ברונעם. דאָ, אין די טיפענישן פון קאַלטן ברונעם געפין איך רו פאַר דער קוואַלע־דער שיינקייט פון מיין נשמה. איך זיץ און טראַכט: דאָ, אין דעמזעלבן ברונעם זענען געזעסן אַמאָל, פונקט ווי איך, די חכמים און פילאָזאָפן ר׳ יונתן פרעגער, מאַדאַם סאַן זשען, אוריאל אַקאָסטאַ, רב פפא פון פומבדיתה, מנשה בן ישראל, זשאָרזש זאַנד, עוג מלך הבשאַן, שבתאי צבי און די איבעריקע טאָרעאַדאָרן און גערעדט וועגן קאַליגראַפיע, גאַסטראָנאָמיע, געאָגראַפיע, טערמאָמעטריע, פולוועריזאַטאָר און אַנדערע פילאָזאָפישע רייד.

נאָכדעם גיי איך אַרויס פון ברונעם און גיי אין סאָדע־געוועלבל פון שאַך־מייסטער „שלמה נגיד“, נעם אַ גלאָז סאָדע־וואַסער און טראַכט:

— מען דאַרף זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן. דער גרויסער דיכטער טריעקט סאָדע־וואַסער. אַ היסטאָרישע פאָטאָגראַפיע.

נאָכדעם נעם איך און זעץ זיך אונטער אַ באַרן־בוים, קוק אויף דעם טעלעגראַפן־סלופ, דער טעלעגראַפן־סלופ קוקט אויף מיר, און איך טראַכט שוין ווייטער. נאָר איך טו און טראַכט, און אַלץ אַזעלכע איידעלע און נאָבעלע געדאַנקען.

— דאָ, אונטערן באַרנבוים, איז, פונקט ווי איך איצט, געזעסן פאַר מיר מיין קאָלעגע ר׳ יהודה הלוי, געקוקט אויפן טעלעגראַפן־סלופ און געזונגען דאָס באַרימטע ליד:

— עך, מיקיטאַ, מיקיטאַ!...

# אין די פוילישע וועלדער.

נאָך י. אָפּאַטאָשו.

מרדכי איז געשטאַנען אין מיטן די פוילישע וועלדער מיט זיינע פאַרחלומטע אויגן, געקייט שוואַרצע יאַגעדעס און נישט געוווסט, וואָס צו טון: צי פאָרן קיין קאָצק זינדיקן, צי כאַפּן אַ שיקסע און לערנען מיט איר זוהר, צי גיין מיט אַ פּראָצעסיע פון דער „מאַטקע באָסק", אָדער גאָר נעמען אַ ביקס און מאַכן אַן אויפשטאַנד.

נאָר דאָ איז אָנגעקומען י. אָפּאַטאָשו, אים גענומען ביי דער האַנט און געזאָגט:

— מרדכי, מרדכי! פון היינט אָן ביזטו מיין „העלד", און הגם דו ביזט אַ העלד, מוזסטו טון אַלץ, וואָס איך וועל דיר הייסן.

— „ראַד סטאַראַטסיאַ!" — האָט מרדכי אויסגעשריען. — וואָס באַפוילסטו?

— איך באַפויל, דו זאָלסט חתונה האָבן! — האָט אָפּאַטאָשו באַפוילן.

מרדכין האָט אפילו דער שידוך נישט געשמעקט און, אַגב, האָט מרדכי בטבע פיינט אַ שוויגער. נאָר אַז דער מחבר הייסט, מוז מען פאָלגן, און מרדכי האָט התונה געהאַט.

מרדכי האָט זיך שוין געוועוען איינגעלעבט מיט דער ווייב, איז געקומען י. אָפּאַטאָשו און האָט געזאָגט:

— מרדכי, מרדכי, געווג געלעבט מיט דער ווייב! שוין צייט צו געטן זיך.

— פאַרוואָס עפּעס פּלוצלונג גטן זיך? — האָט מרדכי גע־פרעגט.

— ווייל איך וויל, דו זאָלסט ווערן עראָטיש. אַז מען האָט אַ ווייב, קען מען נישט ווערן עראָטיש.

מרדכי האָט אָפּגעגט זיין ווייב און איז געוואָרן עראָטיש.

דהיינו:

טאָג ווי נאַכט האָט ער געקוקט ווי טויבן פּאָרן זיך. געגאַנ־גען אין „קווי־פראָ־קוואָ" אויף „בעז קאָשולקי" און געקויפט פּאָרנאָגראַפישע פּאָטשטוווקעס און געלייענט מלך ראַוויטשעס „נאַ־קעטע לידער".

נאָר דאָ איז געקומען י. אָפּאַטאָשו און האָט געזאָגט: „גענוג צו זיין עראָטיש! נעם אַ צלם און גיי מיט אַ פּראָצעסיע צו דער מאַטקע באָסקע".

האָט זיך מרדכי געבעטן:

— אפשר זאָל איך נעמען אַ פּאָן מיט אַ מגן־דוד און גיין צו הקפות? איך בין דאָך עפּעס אַ ייד, צי ניין?

נאָר י. אָפּאַטאָשו האָט נישט געוואָלט הערן. נאָר פּראָצעסיע! האָט מרדכי געזען, אַז לית־ברירה, האָט ער גענומען אַ צלם, געגאַנגען מיט די פּישער אין אַ פּראָצעסיע און געזונגען מיט זיי פסוקים פון „תקוני זוהר".

קומענדיק פון דער פּראָצעסיע, האָט זיך מרדכי געוואָלט לייגן אַ ביסל אָפּרוען, מחמת ער איז דורכגעגאַנגען אַ מהלך־רב, נאָר י. אָפּאַטאָשו האָט נישט געלאָזן.

— שטעל זיך דאַוונען מעריב.

מרדכי האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו מזרח און גענומען דאַוונען מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

— והוא רחום יכפר עון... דערביי האָט ער מתכוון געווען, אַז דאָס זאָל אים זיין אַן אָפּקומעניש, וואָס אָפּאַטאָשו טוט מיט אים אָפּ.

עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט.

י. אָפּאַטאָשו האָט שוין אייגנטלעך מער נישט געהאַט, וואָס צו געבן אים פאַר אַ מלאכה, איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה און געזאָגט:

— ווייסטו וואָס? לייג זיך גאָר שלאָפן, נאָר בתנאי, אַז דיר זאָלן זיך חלומען חלומות פון פוסטע פעלדער און ווילדע וועלדער, מחמת איך דאַרף עס האָבן צום עסק.

מרדכי האָט געפאָלגט. זיך געלייגט שלאָפן און געחלומט פונקט אַזאַ חלום, ווי דער מחבר האָט באַפוילן.

עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער איז געוואָרן דער קיניג קראָקוס, באַוואָקסן מיט אַ רויט - פייערדיקער באָרד און מיט הער-נער. זיין ווייב די קיניגן קראָקוסיכע האָט אים געבוירן אַ ממזר פון דעם אַנטי - קריסטוס. דאָס איז געווען דאָס וואַסער - מיידל וואַנדאַ. איינמאָל איז וואַנדאַ געזעסן ביים ברעג פון ווייסל און געזען, ווי ר׳ איטשע מקובל איז געגאַנגען אין ווייסל צו טבילה. אַזוי ווי וואַנדאַ האָט דערזען זיין שלאַנקן קערפּער, באַוואַקסן מיט האָר, האָט זי זיך אין אים שטאַרק פאַרליבט. זי האָט אפילו גע-וואָלט זיך מגייר זיין און ווערן אַ גר צדק. נאָר ר׳ איטשע מקובל האָט נישט געוואָלט. דאַן האָט זיך וואַנדאַ געוואָרפן אין ווייסל פון פּאָניאַטאָווסקיס בריק און איז געוואָרן אַ וואַסער - מיידל, ד. ה. האַלב - מענטש און האַלב - יידענע.

אַז מרדכי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן וואַלד, האָט ער געמיינט, אַז י. אָפּאַטאָשו איז שוין אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע. נאָר אָפּאַטאָשו איז גאָר געשטאַנען איבער אים און באַפוילן:

— דו מוזט תיכף פאָרן אין רבינס הויף און מאַכן אַן אָרגיע.

מרדכין איז די זאַך גראָד געפעלן געוואָרן. אַן אָרגיע — מהיכא תיתא. ער האָט זיך אויפגעהייבן און איז אַוועק קיין קאָצק. ער איז געקומען אין רבינס הויף און געוואָלט אַריינגיין אין רבינס הויז, צו פּראַווען די אָרגיע. נאָר אָפּאַטאָשו האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— עס וועט זיין גענוג, אַז דו וועסט בלויז אָנקוקן די אָרגיע דורך אַ שפּאַרונע פון די לאָדן.

מרדכי איז געבליבן על אפו ועל חמתו שטיין אין דרויסן. ער האט אריינגעקוקט דורך א לאדן־שפאלט און געזען ווי טעמערל זיצט כמעט אין א קליידל. ארום איר שטייט דער קדושת־לוי מיט דעם בעל הטורים און מצודת דוד, און דער מגן אברהם און דער חפץ־חיים און טעמערל לערנט מיט זיי סתרי תורה.

— — — תא חזי — קום זע, בר נש — קום, נידער אראפ אין גן־עדן התחתון, וואס קיין אויג האט עס נאך נישט געזען. — — — דינען און ליבן גאט באמען קען מען נאר דורך אהבה... אום צו דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון אהבה, מוז מען זיך אויסטון... אויסטון פון דער קליפה, ר״ל. דאס קען מען נאר דערגרייכן דורך „הזדווגות״... באהעפטן זיך מיטן „קן צפור״ „בזעיר אנפין״, סטרא אחרא״ ביז דעם סאמע „אין קץ״.

נאכדעם האבן די חסידים געכאפט טעמערלען, אנגעשטעלט דעם גראמאפאן און געגאנגען מיט איר „א שימי״ אין געזונגען:

— „גדי זאבאטשיש טיוולקי מאן!״

מרדכי האט זיך נישט געקענט אפרייסן פון פענסטער. נאר דא איז צוגעקומען י. אפאטאשו און האט באפוילן:

— פראווען חצות!

— רבונו של עולם, וואס האט זיך אויף מיר אנגעזעצט דער דאזיקער פארשוין? — האט מרדכי געזיפצט.

עס האט אבער נישט געהאלפן. מרדכי האט אויסגעטון די שטיוול, אנגעשאטן אש אויפן של ראש און געזעצט זיך פראווען חצות מיט א זייער וויינענדיקן ניגון, ווייל אויפן הארצן איז אים געווען אנגעזאלצן פון פארדרוס.

— הבט משמים וראה — זע, גאט, מיינע צרות. עפעס האט זיך צוגעטשעפעט צו מיר א ייד און לאזט מיך נישט אפ. הצילני — ראטעווע מיך, ווארים איך וועל שטארבן אונטער זיינע הענט!

אפאטאשו האט נאך געהאט פאר אים א סך ארבעט. מרדכי האט נאך געדארפט ווערן א נינאנע אין א קלויסטער, א קאמאנדיר פון א פאזשארנע קאמאנדע, פארן צום נארד־פאל, ווערן

אַ יעווגוך אין אַ האַרעם, ווערן אַ דרדקי - מלמד, פאָרן צום פויפסט רייבן חרוסת און מאַכן עטלעכע רעוואָלוציעס אין פּאַראַגוואַי.

פון גרויס מידקייט איז ער אָבער איינגעשלאָפן. און דאָ האָט זיך אים געחלומט אַ שרעקלעכער חלום: ער ליגט אויף אַ באַנק, מחילה, מיטן פנים אַראָפּ, אַרום אים שטייט כראַביאַ זאַמאַי-סקי, חזיאל המלאך, שבתאי צבי, פּרינץ פּאָניאַטאָווסקי, משיח בן יוסף, פּעליציע, קאַהאַנע, קאָסטיושקאָ, דער קאָצקער רבי; דער קאָזשעניצער מגיד האַלט אַ פּעקל רצועות, קאַטעוועט אים דאָס לייב און אָפּאַטאָשו ציילט:

— אחת ואחת, אחת ושתים...

מרדכי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק. ער האָט געכאַפּט אַ ביקס און איז אַוועק אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד.

דערביי האָט ער געהאַט די כּוונה, אַז טאָמער וועט ער פּאַקן אָפּאַטאָשון, וועט ער אים דעם ערשטן דערשיסן אויפן אָרט און אַ סוף מיט אַן עק!

## פֿון וואַנעט נעמט זיך דאָס צו מיר אַזוי פֿיל כולטור?

דו פֿרעגסט מיך, אָ, ברודער, פֿון וואַנעט
עס נעמט זיך צו מיר אַזאַ שײנגײַסט,
אַזוי פֿיל קולטור און באַזינונג?
ווער האָט מײַן נשמה געשליפֿן,
מיט גלאַנץ ראַפֿינירט און מיט שײנקײַט?
ווער האָט אין מײַן האַרצן דאָס פֿײַער
פֿון ליבע צו שײנקײַט געצונדן,
פֿון ברונעמער וועלכע און קוואַלן
כ׳האָב אוצרות פֿון וויסן געשעפּן?
הער אויס נאָר: איך וועל דיר אויסמאָלן
אַ טאָג פֿון מײַן טעגלעכן לעבן,
און דאַן וועסטו זען פֿון וואַנען
עס נעמט זיך צו מיר אָט דאָס אַלעס.

---

פֿרימאָרגן. איך ליג נאָך אין בעטל
דאַן ברענגט מען אַרײַן מיר די פּרעסע:
דעם „הײַנט“ און דעם „מאָמענט“ וכו׳.
דאַן לעז איך די טיפֿע אַרטיקלען

און שטודיומס אויף אַלע געביטן,
פון איטשעלעס הויך-דיפּלאָמאַטיע,
וואָס עפנט דיר אויף האָריזאָנטן.
די רופאים — לייפונער און פּעקער,
וואָס לערנען דיר חכמת-דאָקטאָריע
פון „פּאַוווס", עצירות, כאָלערע.
און ציטראָן, וואָס ווייזט דיר דיין עבר,
די גאָלדענע קייט משומדים.
און קונסט-וועלטן שיינע און גרויסע,
אַנטפּלעקט מיר א. פויגל און ווייכערט.
און עמיצער פליגלט מיין זעלע
און קוויקט מיך מיט יום-טוב-פּאָעזיע.
און דאַן נאָך פאַרנעם איך די קלאַנגען,
די לידער פון היינט-טרובאַדורן,
וואָס זינגען פון באַנקעס, קליסטירן
און פּאַטאָס פון צאַרטע מירידן...

---

געפּטרט די פּרעסע, געענדיקו
עס וואַרט שוין אַן איינלאַדונגס-קאַרטע —
אַהין אויף גזשיבאָווסקע אין גמינע.
די ווענט זענען דאָרטן צעהאָנגען
מיט לייוונטס און סקיצן און גראַפיקס
פון אונדזערע קינסטלער-זשעניען.
נו, גיי איך און שפּאַן אין „מוזעאום"
און קוק דורכן פויסט אויף די קונסט-ווערק,
און טאַפּ מיט די פינגער די ראַמען,
אין זעטיק מיין אויג מיט דעם שפּילן
פון פאַרבן „בגעלע — בגרינע".

עס שווינדלט אַ ווילד־מישעניגע,
ביז, ענדלעך, פאַרלאָז איך די גמינע.

---

דאַן גיי איך אין „קלוב“ אויף טלאָמאַצקע,
און זעץ זיך צווישן די קענער,
די הויך־ליטעראַריש ספערן,
פּאָליטיקער, שריפטשטעלער, טוער
און קינסטלער און סתם קאָריפייען.
דאָרט זיץ איך און עס אַ „פּאַסאָלקע“
און פיר מיר אַ וויכטיקן שמועס
פון שפּאַלטונג אין צ״צ און פּ״צ,
פון יאָקלס געשאַף, זיין באַדייטונג,
פון בערלס באַנקעט־יובילייאום,
אין קלאַנג פון גראַף־קאַליס פּאָעזיע,
פון נאָזשיקס די נייע קאָנצעפּציע
און נאָך מיט אַזעלכענע זאַכן,
וואָס שטייען ברומו של עולם...

---

אָך מיטאָג פאַרבענקט זיך מיין זעלע
אָך רו און נאָך טרוימען און דענקען,
דאַן גיי איך אַהיים אין מיין פּאַלאַץ,
מיין פּאַלאַץ אויף נאַלעווקיס דרייסיק,
אין טויער אין דריטן, טיר — ניינציק
אין אויבערשטן שטאָק לעבן בוידעם.
איך קום אין מיין פּרעכטיקן צימער,
מיט פענסטער, וואָס קוקן צום הויפל

און ווייזן אַ שטיק פּאַנאָראַמע
פון ווענט אָפּגעשיילטע, טויב - שטומע,
מיט ברודיקע וועש אויף אַ שטריקל...
אַ קלאַפּ אין דער טיר. און עס קומען
אַריין מיינע צוויי דולציניעס:
צוויי געמינס אין פרויען - געשטאַלטן.
די ערשטע אַ בלאָנדע, ווי געלעכל,
די צווייטע — ברונעטין מיט וואָנסן.
די ערשטע שרייבט לידער — עראָטיק,
די צווייטע — ראָמאַנען אין טיילן.
זיי לעזן מיר פאָר זייער שאַפעכץ,
די ערשטע מיט מאַנסבילשער שטימע,
די אַנדערע — קוויטשיק - סאָפּראַניש...
און איך, ווי מיר, הער עס בנעימות
און טראַכט פון אַ מיתה - משונה.

---

עס טונקלט... איצט נעם איך די דאַמען,
מיר פאָרן אין טראַמוויי צוזאַמען
געניסן די קונסט פון דער בינע.
צוערשט אין טעאַטער „צענטראַלע“.
דאָרט שפּילט מען בלויז ערנסטע דראַמען,
בלויז קאַמער - שפּיל, קונסט - שפּיל און סטודיע;
דאָרט זעט מען ווי טורקאָוו - שבתאי
צעפּאַסעוועט, נעבעך, די זייטן
פון זיין אויסגעאיידלטן קערפּער.
ווי גאָדיק „גראַטעסקעוועט“ גראַמען,
ווי י ו ח נ צ ע קוועטשט זיך סטיליסטיש,
די צוויי קונעלעמל - פּאַצעצע
און שפּאָגלדיק ביי - סטיליזאַציע.

---

אצינד פיר איך ווידער די דאַמען
צום „טעמפּל“ אַהין אויף אָבאָזשנע,
דאָרט שפּילט מען די שיין־אָפּערעטע,
דאָרט זעט מען די שלאַנקע סובּרעטין,
די מילך־און־בלוט יונג־פּרימאַדאָנע,
די נעטע געזעלשאַפט פון פּרינצן,
די שיינע מאַניערן און פּאָזע,
דעם ליבהאָבער, צערטלעך־פאַרבענקטן,
זיין העלישן ליידנשאַפט־פייער
אין פּלאַסטישן טענצל פון „ליאָווקע“.
דאָרט הערט מען מלאכים־געזאַנגען
פון כאָרוס די געטלעכע קלאַנגען,
דועטן, קוואַרטעטן, פינצעטן.
איך וויג זיך אויף פּאַליעס פון טענער.
אָט נייט ווער אַ קנאָפּ אין די הויזן,
און רייבט זיך אַ געזונטע פּאָלקע
און קייט אַן המוציא מיט גריוון...

---

און, ענדלעך, געזעטיקט מיט אַלעם,
דאַן גיי איך אַהיים אין מיין וווינונג,
און לייג זיך צעפרידן אין בעטל,
אין בעט מיט צעבויגענעם פּיסל
און זאָג מיר אַ תּפילה צום בורא:
„איך דאַנק דיר, אַלמעכטיקער בורא,
וואָס דו האָסט מיין גראָען טאָג לעבן
באַלויכטן מיט זון און מיט שטראַלן,
מיט הויכן גענוס און מיט שיינקייט!“

---

דו פרעגסט מיך, אָ, ברודער, פון וואַנען
איך בין אַזוי הויך קולטורעליש
און גייסטרייך און אינטעליגענטיש? —
פון דעם אַלץ, געטרייער, פון דעם אַלץ.

---

# אַ „ספּיטש“.

צו האַלטן אויף אַ קבלת פּנים, אַ באַנקעט, אַ יובּילײ,

אַ געזעגן - אָוונט אָדער אַנדערע ליטעראַרישע שמחות.

אַ שטיקל הקדמה!

אַלע ווייסן, ווי הייס און רירנדיק די ליבע איז צווישן מאַנכע ליטעראַטן און שרייבער. אַלע ווייסן, אַז פיל פון זיי האָבן ליב איינער דעם אַנדערן ווי ציין - ווייטיק. איז אָבער אַ צרה, וואָס בײַ די דאָזיקע לייט טרעפט אָפט אַ יום - טוב: אַ יובּילײ, אַ קבלת - פּנים אָדער אַן אַנדער שמחה, און מען דאַרף האַלטן אַ „ספּיטש“, אַ טאָסט, און זאָגן שבחים און קאָמפּלימענטן און זינגען ליבּ - געזאַנגען. מען דאַרף דאָך האַלטן פּאַסאָן, טאַקט, און דאָ ווילט זיך עס אַזוי טון ווי צו נעמען ריצן - אייל. עס ווילט זיך גאָר אַרײַנזעצן יענעם אַ שפּילקע, אַז עס זאָל אים פאַרגיין אין צענטן ריפּ, ע׳ זאָל פאַרזאָרגן אַ צענטן צו מאַכן יובּילייס, און די שטיקל שמחה זאָל אים אַרויס באָקאָם.

עס איז דעריבער נישט קיין גרינגע אויפגאַבע צו האַלטן אַ רעדע אין אַזאַ פאַל, און דאָ בין איך, אייער זינדיקער קנעכט, אַרײַן אין דער לאַגע פון מײַנע קאָלעגן און האָב צוזאַמענגע-שטעלט אַ פּאַרטיקע טאָסט - רעדע אויף אַלע אַזעלכע שמחות. אַ שטער - רעדע, וואָס איז ממש בײַ אונדז אַ נויטווענדיקייט. איך

מיין, אַז דאָס איז די וויכטיקסטע און נוצלעכסטע דערפינדונגען פון היינטיקן יאָרהונדערט און אַז איך וועל זיכער באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע.

איצט דאַרפט איר שוין, מיינע חברים ליטעראַטן, נישט ברעכן דעם מוח, און ביי אַ געלעגנהייט קענט איר דעם דאָזיקן „ספּיטש" האַלטן מיטן ריכטיקן קנאַק און התלהבות. און עס וועט אַרויסקומען דער געווינטשטער רעזולטאַט: אי איר וועט זיין טאַקטפול, פריינטלעך און הבריש, אי אייער „פריינט", דער בעל־שמחה וועט ליגן ניין איילן אין דער ערד.

## די רעדע:

געערטע און חשובע אידיאָטן, מיין איך פריינט און חברים! איך האָב דעם כבוד און דעם חוב — אַגב זייער נישט קיין אָנגענעמען חוב — צו באַגריסן אונדזער גאַסט, (יובילאַר, אָפּריינזנדער א. אַז. וו.) דעם דיכטער צו זיין יום־טוב און אפשר אויך צו אונדזער אַלעמענס יום־טוב, וואָס מיר פייערן היינט מיט גרויס — איך ווייס נישט, ווי זאָל איך עס אָנרופן...

מען זאָגט, אַז עס איז אַ יום־טוב פון אונדזער ליטעראַטור. איך ווייס נישט, איך האָב פון דעם דיכטער־בעל־שמחה גאָרנישט געלעזן. ווייל איך לעז בלויז שיינע ליטעראַטור, ווי: „דער יאָלד אין קאַפּעליוש", „פתרון החלומות" און די וויסנשאַפט „קעגן שוואַנגערשאַפט", און דאָך זאָגט מען מיר, אַז דער דיכטער „פינטלט" שוין, אַזוי ווי איר קוקט אים אָן, גאַנצע 25 יאָר. 25 יאָר! דאָס איז, מיינע פריינט, נישט קיין קליינער פּעריאָד. אין אַזאַ פּעריאָד האָט אונדזער דיכטער געמעגט מער שאַפן...

מען זאָגט מיר, אַז קיין איין זאַך איז פון זיינע ווערק נישט איבערגעזעצט געוואָרן, און דאָס איז געוויס, ווייל זיינע ווערק לאָזן זיך נישט איבערזעצן אויף אַנדערע שפּראַכן צוליב זיין אייגנאַרטיקער גראַמאַטיק, נאַציאָנאַלע און שפּראַכלעכע אייגנשאַפטן. וואָרים אַזעלכע אייגנשאַפטן, ווי זיין שפּראַך, האָט קיין איין שפּראַך נישט...

עס איז אַ יום־טוב אין דער ליטעראַרישער משפּחה און מיר דאַרפן היינט זיין יום־טובדיק געשטימט און האַלטן רעדעס

אין זאָגן שבחים. און שבחים האָט אונדזער דיכטער געוויס, ווען מען זאָל לאַנג זוכן -- נאַטירלעך. וואָרים קיין איין מענטש איז נישט ריין פון שבחים. דאָס גרעסטע אומגליק האָט זיין גוטע זייט. די גרעסטע צרה האָט איר פאַרגעניגן און דער גרעסטער פּאסקודניאַק — זיינע מעלות. און דעריבער וועל איך יעצט נישט רעדן וועגן די שוואַכע זייטן פון אונדזער דיכטער. וואָרים אויף דער זון זענען אויך פאַראַן פלעקן. עס איז יעצט נישט די צייט צו דערמאָנען, למשל, אַז אונדזער חתן-היובל (גאַסט, אַפּרייזנדער, העלד פון באַנקעט) האָט מען אין 1916 געמשפט פאַר פילוויבערשאַפט, אַז דער פראַנצויזישער פרויען-מערדער לאָנדרו, מיט דער לאַנגער באָרד איז נישט קיין אַנדערער, ווי אונדזער יוביליאַרס אַ שוועסטער-קינד, און אַז זיינער אַ פעטער שלאָגט זיך מיט דער ווייב, און אַז ער איז עד היום געבליבן שולדיק אין וועשעריי 12 גראָשן פאַר וועש, און אַז זיין שוואָגער האָט אין יאָר 1912 געטראָגן אַ פאַפּירענעם קאָלנער.

און דאָך, מיינע ליבע כאַמעס, מיין אויך פריינט, ווען מיר הײנט די חטאים זיינע פאַרגעסן, ווייל פון דער איצטיקער מינוט באַזינגען מיר אין אים נישט דעם מענטש, נאָר דעם דיכטער. און נישט אַזוי דעם דיכטער, ווי די פערזענלעכקייט, וואָס שטעקט אין דיכטער, און טאָמער איז די פערזענלעכקייט אויך נישט מי יודע ווי גרויס, איז וועמען אַרט עס? צו וואָס זאָלן מיר, ליטעראַטן, שטענדיק זיך גריבלען אין יענעמס נשמה? היינט איז ביי אונדז אַ יום-טוב, אַ ליטעראַרישער יום-טוב, און דער טייערער גאַסט איז מיט אונדז. וועמען אַרט עס, צי שרייבט ער גוט, צי שלעכט. און וועמען אַרט עס בכלל, צי שרייבט ער? מיינעטוועגן מעג ער גאָרנישט שרייבן. ווי זאָגט דער פראַנצויז: קיין מענטש איז נישט מחויב צו קענען אָנשרייבן אַ פּאָעמע אין זיבן טייל און נאָך אין גראַמען. דער עיקר איז, אַז מיר האָבן היינט אַ יום-טוב, אַ גרויסן יום-טוב! אַ יום-טוב פון ליטעראַטור. און דעריבער זאָג איך (מיט גרויס פייער): אונדזער טייערער און געערטער גאַסט איז אונדז אַלעמען טייער. זאָל ער נישט קענען שרייבן. זאָל אונדזער באַליבטער דיכטער זיין אַ גראַפאָמאַן, אַ שמירער, אַ לעקיש, אַ טאַלאַנט-

לאָזיקייט, אַ טפּויש, אַ שמענדריק, אַ געץ, אָבער ראזירט איז ער און „דאָמינאָ“ שפּילט ער, און אַ סיגאַרעטל קריגט מען ביי אים איז שוין גוט... לעבּן זאָל אונדזער דיכטער! איך הייב, אַלזוי, מיין כוס און ווינטש אונדזער דיכטער אַ סך אַזעלכע יובּילייס און באַנקעטן; און אַ סך, אַ סך אַזעלכע באַגריסונגס-רעדעס, ווי מיינע! (הוראַ!)

## בריוו צו דער יידישער יידענע.

נאך נחום סאקאלאוו.

הוי, נשים בציון! הוי, בתולות בערי יהודה! הידד!

ווו זאל איך נעמען די געקרייזלטע ווערטער פון א הזרת-חשצעוודיקן „במה מדליקין!" ווער וועט מיינע לעפצן מאכן שמוּ-צערן און טרילערן מיט א שלשלת פון א סאלאוויי, א נאכטיגאל, א טיר־קלטויב, א קאנאריק און אנדערע שפיל-פייגלען! — איך זאל קענען אויסצעטרילעווען דיר א שיר היחוד פאר דיר, א, יידישע יידענע!

אפתחה פי — איך וועל עפענען מיינע לעפצן און וועל דיך פארגלייכן מיט טויזנטער פארגלייכענישן.

דו ביזט א הארפע, א פארטעפיאן, א קאנטראבאס מיט סטרוּ-נעס, א באלאלייקע, א קעלספויק מיט גלעקלעך, א פיסהארמאניע, א קאטארינקע, — אלץ ביזטו, א, יידישע יידענע!

דו ביזט א לאמטערן, א ריבאייזן מיט לעכלעך, א לאנדקאר-טע, א דיריזשאבל, א לינדנוואָרם, א גאמעלקע מיט שפיצן, א פיט-פערגריק, א לעכצנדארם, א רעגנמאנטל מיט קנעפלעך — אלץ ביזטו, א, יידישע יידענע!

צו דיר, צו דיר, טו איך ווייערכן מיט ווייערך און אפפערן מיט פייעראפפער!

דו, דו, געדולדיק-ליידערין און מארטירערין, דו, וואס דו ביזט אזוי פיל אויסגעשטאנען אין לעבן, באדארפסטו נאך יעצט מיינע בריוו צו דיר לעזן!..

הוי, ווייגעשריען!

דער שפריי־רעגן פון מגדל־דוד פאַלט אויף דיר! די מיל־גרוימען פון ויקהל־פקודי וואַקסן אויף דיר! די אייל־בירטן פון הר־גיגית הענגען אויף דיר! די קאַקטוסן פון נהר פישון באַמבּ־לען זיך אויף דיר! אָ, יידישע יידענע!

אַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ! אַ כאַכאַט־לוקום! אַ מהפך פשטאַ!
אלו ואלו מצימבלימים!

שטיל און באַשיידן קומסטו אויף דער וועלט. צו דיין ברית מאַכט מען דיר נישט קיין בר־מצווה, צו דיין בר־מצווה מאַכט מען נישט קיין שבעה־ברכות, צו דיינע שבעה־ברכות מאַכט מען דיר נישט קיין פדיון הבן, צו דיין פדיון הבן מאַכט מען דיר נישט קיין שלום־זכר. זעלטן ווער פון אייך האָט וואָנסעס, און נאָך זעל־טענער האָט ווער פון אייך — אַ באָרד.

און קומט די צייט פון חתונה — האָסטו חתונה, און האָסטו חתונה, וואָס ווערסטו?

נישט קיין באַלעבעסל ווערסטו, נאָר —
אַ ווייב!
אַ ווייב ווערסטו! (ווי איז אונדז!).
אַ ווייב!

אַ יענטע־דוואָשע! אַ ברײַנדעלע קאָזאַק! אַ זעלדע־גנענדל! אַ שפּרינצע־נעכע! אַ גיין־מאָס־ריידניצע! רכילות־טרייבערין! ליבע־פירערין! מציאות־כאַפּערין! אין די בעדער־לויפערין! קניפּל באַהאַלטערין! איינגעמאַכטס־פרעגלערין! נאָך ווי איצט קלינגען אין מיינע אויערן די אַלטע געזאַנגען פון די מינען־זינגער און באָמבען־זינגער פון מוראַנאָוו־טעאַטער:

אָ, ווייבער, אָ, ווייבער!
אַ געזונט אייך אין אייערע לייבער!

דו ביזט אַ ווייב, דו ביזט אַ מומע, דו ביזט אַ פלוניתטע, אַ גבאיטע, אַ זאָגערין, אַ שדכנטע! דו קענסט זיין אַ פלימעניצע, אַ שוועסטער־קינד, אַ מאַמע, אַ טאָכטער, אַ שוועסטער, אַ באָבע, אַן אָם, אַ הויז־אַם, אַ שפרעכערין, אַ זייגערין, אַ ליכט ציערין, אַ ציין־פאַררעדערין — אַלץ קענסטו זיין.

און ועל כלם — אַ שוויגער!

קען דען אַ מאַנסביל זיין אַ שוויגער?! אָ, ניין! ווען אַלע מאַנסבילן, מענער, זכרים פון דער גאַנצער וועלט זאָלן זיך צוזאַמענלייגן אין איין זכר, וועלן זיי דאָך נישט קענען מזכה זיין די וועלט כאָטש מיט איין שוויגער!

אָ, יידישע יידענע! אָ, קרן־קימת־פושקע!

צו דיר טו איך אַכפערן מיט אַכפערניש! צו דיר טוט ב״ה מען מיין אינגעווייד, פאַר דיר טוען ציטערן און־שטרויכלען מיינע לענדן און קנאַכן...

ובכן?

ובכן ובא לציון גואל ונאמר אמן.

# אַ יידישער פילם.

אינסצענאַריזש.

## פּ ר אָ ל אָ ג.

יעדן 15־טן פון שבעה־עשר־בתמוז קומען דער גראַף לאַכמאַנדריצקי און דער מלמד יונה הענאַך למנצח פון קאָזשעניץ אויפן געבשער בית־עולם און זעצן זיך אַוועק לעבן אַ מצבה, אויף וועלכער עס זענען אויסגעקריצט די פאָלגנדיקע ווערטער:

פּ. נ.

דער גר־צדק

געוועזענער קאָזאַק

רבּ מיכיילאַ קאַפּוסטאַ

פוי זאַוויכרייסק

מיט זיין

געליבטער רביצן

מרת

טריינע־דאַבּע

פון קאָזשעניץ

שנהרגו על קדוש השם

בשנת... לפ"ק

ת נ צ ב ה

זיי לייגן אַוועק אַ בינטל הושענות. עס קומט צו דער קברות - מאַן רב גרשון - מעכל, מאַכט זיי אַ „מי שברך", נעמט אַרויס אַ מגילת - אסתר און לייענט פאַר פאַלגנדיקע געשיכטע. דער גראַף און דער מלמד טאַנצן אַ טויטן - טאַנץ מיט עפּעקטן. מוזיק פון דבוק.

## ערשטער אקט.

אויפשריפט:

| דער הייליקער „שאַבאַט" ביי יידן |
|---|

אַ קליין שטיבל אין קאָזשעניץ, פרייטיק צו נאַכט: די רביצן טריינע - דאָבע בענטשט חנוכה - ליכט. דער מלמד יונה - העניאַך למנצח קומט פון שול און ברענגט מיט אַן אורח אויף שבת — דעם דאָנער קאָזאַק מיכיילאָ קאַפּוסטאַ פון זאַוויכרייסק. דער מלמד מיטן קאָזאַק טאַנצן אַ קאַמאַרינסקע, זינגען במה מדליקין און זעצן זיך צום טיש עסן. מוזיק: „כל נדרי". אויפשריפט:

| די רביצן מאַכט אויפן קאָזאַק אַ געוואַלדיקן איינדרוק. |
|---|

עס קומט אַריין דער גראַף לאַכמאַנדריצקי מיט אַ ביקס אין האַנט און זאָגט.

— יודע, איך בין געקימען מאַכן אויף דיר אַ פּאָגראָם. דו האָסט גערויבט מיין פאַרלוירענעם זון און זיין בלוט פאַרנוצט אין המן - טאַש.

דער מלמד ענטפערט:

— אָ, גראַף! זאָל דער גראַף צוערשט עסן מיט אונדז די שבתדיקע וויעטשערע, דערנאָך זאָל ער מאַכן אויף אונדז אַ פּאָג-ראָם מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. ער גיט אַ ווונק צו דער רביצן, און

די רביצן טראָגט אַריין אַ שיסל יויך מיט לאָקשן. מען גיט דעם גראַף צו פאַרזוכן. ער ווערט איבערראַשט.

פאַרגרעסערונג פון גראַפס קאָפּ. מימיק. דאָס פּנים מאַכט פאַרשידענע העוויות מיט די ברעמען, גלאָצט מיט די אויגן און מיט די נאָזלעכער, וואָס דאַרף אויסדריקן, אַז דער גראַף פּאַסמאַ־קעוועט די לאָקשן און ער ענדערט זיין באַציִונג צו יידן.

אויפשריפט:

| |
|---|
| הערלעך איז דאָס יידנטום מיט זיין לאָקשן ־ יויך |

נאָכן עסן, איז דער מלמד מכבד דעם גראַף מיט בענטשן. אַלע דריי: דער גראַף, דער קאָזאַק און דער מלמד בענטשן מיט מזומן. מוזיק: „התקוה". דער גראַף איז געריִרט און לאַדט איין דעם מלמד צו גיין מיט אים אויף יאַגד אין די מוראַנאָווער וועל־דער אויף לעמפּערטן און ים ־ קאַטערס.

## צווייטער אַקט.

אויפשריפט:

| |
|---|
| ליובאָוו ניע קאַרטאָשקאַ! |

דער קאָזאַק בלייבט אַליין מיט דער רביצן. אַ שטאַרקע לי־בעס ־ סצענע. דער קאָזאַק דערציילט זיין ביאָגראַפּיע, וואָס מאַכט אויף דער רביצן אַ שטאַרקן איינדרוק. ער איז געבוירן אין אַ גרעפישער פאַמיליע אין קאַטשע ־ דול. אין זיינע אָדערן פליסט גרעפיש בלוט. עס באַווייזט זיך אַן אַנאַטאָמישער אויפשניט פון אַ מענטשלעכן קערפּער מיט די בלוט ־ געפעס. עס זעט זיך, ווי עס פליסט גרעפיש בלוט. נאָך קינדווייז האָט מען אים געפאַנגען,

אויפגעפירט אין זאַוויכרייסק און געמאַכט פאַר אַ קאָזאַק. ביי דער געלעגנהייט באַווייזן זיך יידישע לאַנדשאַפטן און נאַטור־בילדער, ווי: דער כותל־מערבי, ווילנער שול־הויף, די נאַלעווקיס, סלאָ־באָצקער ישיבה, מוטער רחלס קבר, אייפעל־טורעם, לינת־הצדק השניה, בית לחם מיט שטיקגאָלדן בראש און אַנדערע.

אויפשריפט:

| די רביצן ווערט געריירט מיט שטאַרקער בענקשאַפט צום איידעלן קאָזאַקנטום. |
|---|

## דריטער אקט.

אַ חדר ביים מלמד. די מוזיק שפּילט „שימי". דער קאָזאַק פאַרשטעלט זיך אַלס באַהעלפער, לערנט מיט די קינדער. די סגה: „תרגרי לור". עס ווערט שפעט. די קינדער נעמען שטורקאַצן. דער באַהעלפער גייט זיי אָפפירן אַהיים. מוזיק פון „האַלקאַ".

## פערטער אקט.

אין שלאָס־פּאַרק פון די כראַביעס לאַכמאַנדריצקיס. די יונגע גרעפין שטייט, איז מחדש די לבנה און בענקט נאָך ליבע. עס גייט פאַרביי דער קאָזאַק־באַהעלפער און פירט די קינדער אַהיים פון חדר. זיי זינגען דאָס טרויעריקע ליד „וואַלענציאַ", די גרעפין דער־זעט דעם קאָזאַק. דער קאָזאַק מיט זיין טשופרינע מאַכט אויף דער גרעפין אַ שטאַרקן איינדרוק, זי פאַרבעט דעם קאָזאַק אין שלאָס אַריין דאַוונען מעריב. עס פעלט צו אַ מנין און זי האָט יאָרצייט נאָך איר זיידן, גענעראַל פאָן יאַקטאַן. אויפשריפט:

| דער נאַיווער קאָזאַק לאָזט זיך פאַנגען אין די נעצן פון דער פאַרשייטער גרעפין. |
|---|

## פינפטער אקט.

אַ באַל אין שלאָס פון גראַף לאַכמאַנדריצקי. עס קומט - פּאַר אַ שרעקלעכע אָרגיע און וואַקכאַנאַליע. אויפשריפט:

| אין אָפּגרונט פון שכרות און אויסגעלאַסנקייט. |
| --- |

מען טאַנצט דעם כּישוף - באַלעט פון דער „באָבע יאַכנע" אין „צענטראַל - טעאַטער". דער קאָזאַק ווערט רויט פאַר חרפּה און וויל אַנטלויפן. די גרעפין באַפאַלט דעם קאָזאַק און וויל אים שענדן. דער קאָזאַק לאָזט איבער דעם טלית - קטן ביי דער גרעפין און אַנטלויפט. די גרעפין שיקט אַרויס יעגערס, זיי כאַפּן דעם קאָזאַק און וואַרפן אים אַריין אין אַ פינסטערן קעלער מיט אייזערנע קראַטעס. עס קומען די הענקער און פייניקן דעם קאָזאַק מיט מלך ראַוויטשעס „נאַקעטע לידער"

## זעקסטער אקט.

אַ פינסטערער קערקער. דער קאָזאַק טעלעפאָנירט צו דער רביצן, די רביצן קומט צופליען מיט אַ וואַלגער - האָלץ, הרגעט די שומרים, צעברעכט עטלעכע ווענט, רייסט אויס די אייזערנע קראַטעס, פאַרוואַרפט אַ שטריק און ראַטעוועט איר געליבטן קאָזאַק.

זיי זעצן זיך אויף ציגנבאָק און לויפן גאַלאָפּ אהיים. דער קאָזאַק ליגט אין אָנמאַכט אין אירע אָרעמס.

## זיבעטער אקט.

אַ מחנה לויפט נאָך מיט הבדלות כאַפּן די אַנטלאָפענע. זיי לויפן אויף מאָקאָטאָוו, אין „קולטור - ליגע", אין שמולעוויזנע, אין פּאָסט, אין שול - אָרגאַניזאַציע, נאָר זיי קאָנען נישט כאַפּן. ביי אַ

געלעגנהייט ווייזט מען ווי אזוי מען מאַכט בינען - האָניק און אנדערע נאַוקאָווע בילדער.

## אכטער אקט.

אין טונעל ביי אַטוואַצק קומען דערווייל פאַר נאַ פאַטשעקאַניע עטלעכע שמחות מיטאַמאָל: ראשית, אַ גט. די רביצן נעמט - ארויס אַ גט ביים מלמד אין אַנוועזנהייט פון ראַבינאַט און עס פליען פעטש.

נאָכדעם קומען פאַר סתם יידישע שמחות: אַ פדיון - הבן, אַ בר - מצווה, שבע - ברכות, אַ שלוש - סעודות, אַ שלום - זכר. מ׳שלאָגט אתרוג, מ׳ברענגט שלוח - מנות, מ׳דרייט אַ המן - טאַש, מ׳שלאָגט המנען, מ׳רייבט מרור, מ׳מאַכט חרוסת, מ׳שלאָגט מלקות. דער גראַף איז אנטציקט פון דער יידישער רעליגיע. נאָך דעם קומט- פאָר אַ ברית - מילה: דער קאָזאַק לאָזט זיך מל זיין, דער גראַף איז סנדק. ער דערקענט אין דעם קאָזאַק הנמול, לויט אַ באַשטימטן סימן, זיין פאַרלוירענעם זון און ער שטימט איין, ער זאָל חתונה האָבן פאַר דער רביצן. אַ חופּה. מוזיק פון „דבוק“. עס קומט צע- לויפן די גרעפין מיט אַ ברוינינג און פאַרסמט חתן - כלה. דער גראַף שרייט. אויפשריפט:

> אַ שלאַנג אין פרויען - געשטאַלט! דו האָסט
> דערמאָרדעט דיין אייגענעם זון!!!

די גרעפין כאַפּט ארויס פון אַ מעדאַליאָן ציאַן - קאַלי און דערשיסט זיך. מיט דער לויה פון די פאַרשטאָרבענע פאַרנעמט זיך דער וואַרשעווער „חסד - של - אמת“. ביי אַ געלעגנהייט באַווייזט זיך דער זאַזשאַנד פון דער חברה און די רעדאַקציע פון „ייד“.

## עפּילאָג.

דער גראַף און דער מלמד זיצן שבעה. זאָגן „מעבר יבוק". נאָכדעם עסן זיי די סעודה המפסקת. דער גראַף עסט אַ בייגל מיט אַש און רימט דאָס יידנטום. דער מלמד עסט ראַקעס און רימט דאָס קריסטנטום. זיי קושן זיך און צעגייען זיך אין פאַרשידענע וועגן. דער מלמד ווערט אַ נאָגע אין קלויסטער פון הייליקן לאַזאַר, און דער גראַף ווערט אַ מגיד אין דער ליטווישער חברה ש"ס אויף באַלעווקיס ‒ ניין ‒ און ‒ דרייסיק.

# משיח בז פּאָניעדיאַלעק.

אַ זיבעלע ־ ראָמאַן נאָך משה קולבאַק.

## ערשטער קאַפּיטל.

### מרדכי ־ מאַרקוס פאַרשקעט מיט דער נאָז און מיט נאָך עפּעס.

אי — אי — אי — — — —

מאָנטיק איז עס געווען, מאָנטיק דער אויסגעמאָנטיקטער.

דער מאָנטיק, וואָס פאַלט אויס אַקוראַט נאָך מיטוואָך, מיט־וואָך דער אויסגעדאָנערשטיקטער.

מרדכי ־ מאַרקוס איז געזעסן אַ פאַרטייעטער מיט זיין כּלה גנעסיע, האָט אַרויסגעקוקט צום דרויסן אַרויס, צום דרויסן דעם אויסגעדרויסנטן.

ער האָט געזען די אָרעמע לייט, ווי זיי גייען איבער די הייזער — די לייט די אָרעמע.

ער האָט גענומען און געזאָגט צו זיין כּלה גנעסיע מיט זיין שׂכל — די אויסגעלונקענע:

— די לייט די אָרעמע, זיי גייען איבער די הייזער, און נישט די הייזער גייען איבער די לייט די אָרעמע.

אויף דעם האָט גנעסיע געענטפערט מיט אַן ענטפער אַ פקחותדיקן:

— אַ צודנע זאַך!

## צווייטער קאַפּיטל.

### דער קאַלטענעוואַטער האַק־מעסער און נאָך עמעצער.

זיי זענען געגאַנגען, די לייט די אָרעמע, פאַרשמאָדערטע און פאַרשליומפּערטע, פאַרדאַרטע און צעפּאַטלטע, זיך געקראַצט און געזונגען געזאַנגען איידעלע:

קראַצנדיק און זינגענדיק גייען מיר.
נאָר נישט אין באָרד.
קבצנים, שלעפּער זענען מיר
פול מיט גנאַד.
געזאַלבטע פּאַרכעס האָבן מיר —
ס'איז נישט קיין סוד.
מאָנטיק זאָל זיין!

נישטאָ קיין מיטוואָך, נישטאָ קיין דאָנערשטיק, נישטאָ קיין שבת־הגדול, נישטאָ קיין קורץ־פרייטיק, נישטאָ קיין שושן־פּורים, נישטאָ קיין צום־גדליהו, נישטאָ קיין יתרו־חג —

מאָנטיק זאָל זיין!

מרדכי־מאַרקוס האָט באַטראַכט די קאַרטינע און געזאָגט:

— גאָטעניו, ווי דערלעב איך שוין גיין איבער די הייזער!..

## דריטער קאַפּיטל.

### די רעוואָלוציע, די בלינדע קישקע און אַך אַ זאַך.

מרדכי־מאַרקוסן האָט ווי געטאָן דער בויך און אין גאַס איז געגאַנגען די רעוואָלוציע. אין גאַס איז געגאַנגען די רעוואָ־לוציע און מרדכי־מאַרקוסן האָט ווי געטאָן דער בויך.

גראָם, שטראָם, מאַך מיר אַ לאָקשן - ברעט.

זיין כלה גגעסיע האָט אים צוגעלייגט אַ קאָמפּרעס צום בויך און מרדכי - מאַרקוס האָט געזונגען געזאַנגען איידעלע:

„איך וועל זינגען, ווי אַ קאַנאַריק, ווי אַ וואָראָנע, ווי אַ פלעדערמויז.

„גאָטעניו, וואָס האָב איך און וואָס פעלט מיר?

„מיט אַ קאַלטן קאָמפּרעס איז מיר גוט, און מיט אַ הייסן — נאָך בעסער.

„מיט בויכווייטיק איז מיר גוט און אָן בויכווייטיק — נאָך בעסער.

„מיט אַ ברויטל איז מיר גוט און מיט בולקע — נאָך בעסער.

„מיט אַ בולקע איז מיר גוט און מיט אַ פּוטער - פּלעצל — אָך בעסער.

„גאָטעניו, איך וועל גאָרנישט טון און עס וועט מיר גוט זיין.

„נישט טוענדיק, וואַקסן באָרד און פּיאות.

„נישט טוענדיק, וואַקסט אַ גוז אונטערן פּאַכווע.

„מאָנטיק זאָל זיין.

# פערטער קאַפּיטל.

## דער אָפּגעסערכעטער פעלדפעבל רעדט וועגן מעטאַפיזיק, שנוראָוואַדלעס און אַנדערע איי- דעלע געדאַנקען.

די לייט די אָרעמע זענען געגאַנגען, געבעטלט נדבות און גע- מאַכט די סאָציאַלע רעוואָלוציעס.

הינטן - פאָרויס איז געגאַנגען דער אָפּגעסערכעטער פעלד- פעבל, גערעדט וועגן מעטאַפיזיק, שנוראָוואַדלעס און אַנדערע איי- דעלע געדאַנקען און גערופן מיט זיין קול דעם אויסגעדרעלעוועטן:

„יידעלעך! קורצע צדיקימלעך! זיסע למד - וו אָוטשיקלעך! פאַרדאַרטע באָטשאַנקעלעך! פאַרטשאַמקעטע שטרויס - פייגעלעך! גוט מאָנטיק אייך! בשמה - יתירהדיקע - מאָנטיק - יידעלעך!

„זייט מקבל דעם מאָנטיק דעם הייליקן! זאָל מען פאַררוקן טשאָלנט, דעם טשאָלנט דעם אויסגעמאָנטיקטן!.. זאָל מען עסן מאָנטיק־אויבס! זאָל מען עסן קוגל — דעם קוגל דעם אויסגעמאָנטיקטן! דעם מאָנטיק דעם אויסגעקוגלטן!

אויס מיט דעם שבת שבתון! זאָל לעבן דער מאָנטיק מאָנטיק מאָנטיקאָתון!..

## כאַגריסונגס - רעדע

צו האַלטן אויף אַ קבלת - פּנים, באַנקעט, יובּילײ, געזעגען - אָונס און אַנדערע געלעגנהייטלעכע ליטעראַרישע שמחות

### אַ שטיקל הקדמה.

אַלע ווייסן, ווי הייס און ווי רירנדיק און ווי צערטלעך עס איז די ליבע און פריינטלעכקייט צווישן מאַנכע ליטעראַטן און דיכ- טער און זשורנאַליסטן; אַלע ווייסן, אַז פיל פון זיי האָבן זיך ליב איינער דעם צווייטן, ווי ציינווייטיק, ווי שלאָפלאָזע נעכט, ווי הי- נעראויגן, ווי ענגע שיך.

איז אָבער אַ צרה, וואָס ביי די דאָזיקע לייט טרעפט אָפּט אַ יום - טוב, אַ יובּילײ, אַ קבלת - פּנים, אַ באַגעגעניש, אָדער אַן אַנדער שמחה, און מען דאַרף האַלטן אַ רעדע, אַ טאָסט, אַ באַגריסונג און זאָגן שבחים און זינגען ליב - געזאַנגען. מע[ן] דאַרף האַלטן פּאַסאָן, טאַקט. און זיי ווילט זיך עס אַזוי טון, ווי[ל] צו נעמען ריצנאייל. אַז עס ווילט זיך גאָר יענעם אַריינזאָגן או[ן] אַריינלאָזן אים אַ שפּילקע, אַז עס זאָל אים פאַרגיין אין דער זיבעט[ער] ריפּ, ער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן צו מאַכן יובּילײס, און אַז די שטיק[ל] שמחה זאָל אים אַרויס באָקאָם.

עס איז דעריבער נישט קיין גרינגע אויפגאַבע צו האַלטן אַ רעדע און נאָך אַ באַגריסונגס - רעדע אין אַזאַ פאַל. און דאָ בין איך, אייער זינדיקער קנעכט, אַריין אין דער לאַגע פון מיינע קאָ- לעגן און האָב צוזאַמענגעשטעלט אַ פאַרטיקע רעדע, אַ מוסטער - רעדע מיט אַלע נייטיקע עקסעסואַרן, מיט די אַלע נייטיקע קלי-

פערלאַך, פיקס און פאַרטיק צום געברויך. איך מיין, אַז דאָס אי' איינע פון די ניצלעכסטע דערפינדונגען פון לעצטן יאָר - הונדערט אויפן ליטעראַרישן געביט, און איך וועל זיכער באַקומען די נאָבעל - פּרעמיע.

איצט, ליבע חברים מיינע, דאַרפט איר שוין נישט ברעכן דעם מוח און דאַרן דעם קאָפּ צו באַשאַפן אַזעלכע דרשות. ביי אַ געלעגנהייט קאָנט איר האַלטן מיין דאָזיקע געניאַל - צונויפגע-שטעלטע רעדע, לויטן ריכטיקן קנאַק און התלהבות און עס וועט אַרויסקומען דער ריכטיקער רעזולטאַט: אי איר וועט זיין טאַקטפול און פריינטלעך און חבריש, אי אייער „פריינט", דער בעל - שמחה וועט האָבן כבוד, ווי לעבער, און ליגן ניין איילן אין דר'ערד.

## די רעדע גופא

געערטע און חשובע אָנוועזנדע, אַזוי צו זאָגן, פריינט און חברים. איך האָב דעם כבוד און דעם חוב צו באַגריסן אונדזער גאַסט (יובּיליאַר, אַפּרייזנדער, חשובער גאַסט אדג.) צו זיין יום - טוב, וואָס מיר פייערן היינט מיט גרויס — ווי זאָל איך עס אָנרופן...

מען זאָגט, אַז ז י י ן יום - טוב איז אויך א ו נ ד ז ע ר יום - טוב, דער יום - טוב פון אונדזער ליטעראַרישער משפחה. איך ווייס נישט. איך וועל מיך נישט שפּאַרן. אין בין אַ נאָכגיביקער מענטש. איר ווילט אַזוי, זאָל זיין אַזוי.

מען זאָגט אויך, אַז עס איז אַ יום - טוב פון דער יידישער ליטעראַטור. מעגלעך, איך ווייס נישט. איך האָב פון דעם דיכטער, פון אונדזער היינטיקן בעל - שמחה גאָרנישט געלעזן, ווייל איך לעז נאָר שיינע ליטעראַטור און טאַלאַנטפולע ווערק. אַזאַ מענטש בין איך!

און נאָך זאָגט מען, אַז אָט דער חתן היובל אונדזערער, אונדזער חשובער גאַסט טינטלט שוין אַזוי, ווי איר קוקט אים אָן, אַ 25 — 30 יאָר. אמת, פאַר אַזאַ לאַנגן שטח צייט האָט ער, זאָגט מען, אַ ביסל צו ווייניק געשאַפן, נאָר ווער זאָגט עס, אַז מען דאַרף שאַפן דווקא אַ סך? אויב מען איז געבענטשט מיט טאַלאַנט בחסד

עליון ובחסד אַ שוועסטערקינד אַ בוכהענדלער און אַ פעטער אַ רעדאַקטאָר, איז מען שוין פאַרזיכערט מיט אומשטערבלעכקייט אויף לאַנגע חדשים.

און קוק איך יעצט אויף אונדזער בעל-שמחה, דעם חשובן גאַסט, לעבט אין מיר אויף די אַלטע פּרץ-טראַדיציע און עס שווימט אַרויף אין מיין זכּרון די גאַנצע פּרץ-עפּאָכע, אונטער וועמענס השפּעה מיר האָבן זיך דאַן אַלע געפונען.

איך דערמאָן מיך, ווי איינמאָל, אין טעאַטער, האָט זיך צווישן די געסט געפונען אונדזער אומפאַרגעסלעכער פּרץ. עס איז אויך געווען אונדזער חשובער גאַסט. איך געדענק, אַז אין גרויסן געדרענג האָט אונדזער חשובער גאַסט אָנגעטראָטן אונדזער פּרצן אויף זיין אומפאַרגעסלעכן הינערוייג. איך געדענק, ווי אונדזער פּרץ האָט דעמאָלט זיך אָנגערופן צו אונדזער היינטיקן בעל-שמחה:

— יונגערמאַן, איר דאַרפט זען, ווי איר גייט!

די דאָזיקע איינפאַכע ווערטער האָבן דאַן אַזוי שטאַרק משפּיע געווען אויף אונדזער דיכטער און ער האָט געפונען די אמתע ריכטונג און וועג אין לעבן: „יונגערמאַן, איר דאַרפט זען, ווי איר גייט!” די דאָזיקע ווערטער קלינגען נאָך היינט אין מיינע אויערן.

און נאָך געדענק איך, ווי איינמאָל זענען מיר געזעסן ביים זיידן [מענדעלי, איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן און האָט אים איבערגעלייענט אַ פּאָעמע. דער זיידע מענדעלי האָט אַרויפגערוקט די ברילן, אָנגעקוקט אונדזער פּאַרשוין און געזאָגט:

— יונגערמאַן, אין אייך איז פאַרלוירן געגאַנגען -- אַ טאַלאַנטלאָזיקייט!

דער יונגערמאַן איז געווען אונדזער היינטיקער בעל-שמחה, אונדזער חשובער גאַסט.

יאָ, עס איז אַ יום-טוב היינט. אַ יום-טוב אין דער ליטעראַרישער משפּחה. דאָ, ביי דעם מאָלצייט מיט פיש און פלייש און קאָמפּאָט האָבן מיר זיך פאַראייניקט. אָט די געענדזענע פּאָלקע, וואָס ליגט פאַר אונדזערע אויגן, האָט אונדז פאַראייניקט אין איין פריינט-

לעכער משפחה, אָן אונטערשיד פון ריכטונג, וועלטאַנשויונג און פּאַרטיי - פּראָגראַם.

היינט איז אַ יום - טוב! און מיר מוזן זיין — צי מיר ווילן, צי נישט — יום - טובדיק געשטימט. און מיר מוזן האַלטן רעדעס און זאָגן שבחים. און שבחים האָט אונדזער דיכטער געוויס, נישט קוקנדיק, וואָס ער שרייבט. וואָרים וועלכער מענטש איז עס ריין פון שבחים?... וואָרים ווי זאָגט אַריסטאָטעלוס: דאָס גרעסטע אומגליק האָט זיין פריילעכע זייט. די גרעסטע צרה האָט איר דאָזע פאַרגעניגן און דער גרעסטער פּאַסקודניאַק — זיינע מעלות.

און דעריבער וועל איך יעצט נישט רעדן וועגן די שוואַרצע זייטן פון אונדזער געהייבענעם גאַסט, ווייל, ערשטנס, בין איך סתם אַ מענטש, וואָס באַנוגן זיך מיט דאָס ווייניקסטע. און, צווייטנס, איז אויף דער זון אויך פאַראַן פלעקן. והשלישית, איז יעצט בכלל נישט קיין צייט צו דערמאָנען, למשל, אַז אונדזער... (חתן היובל, העלד פון באַנקעט, חשובער גאַסט אד״ג) האָט מען אין יאָר 1916 גע-משפט פאַר ביגאַמיע, אַז דער פראַנצויזישער לאַנדרוי איז נישט קיין אַנדערער ווי אונדזער דיכטערס אַ גלידשוועסטערקינד, אַז זיינער אַ פעטער שלאָגט זיך מיט דער ווייב און אַז אין דער וועשערייי איז ער נאָך עד היום געבליבן שולדיק צוויי זלאָטעס מיט 18 גראָשן.

יאָ, מיינע ליבע פריינט, וועלן מיר היינט וועגן זיינע חטאים נישט רעדן. צו וואָס זאָלן מיר, ליטעראַטן, זיך שטענדיק גריבלען אין יענעמס נשמה? היינט איז ביי אונדז אַ יום - טוב (מיט גרויס פּאַטאָס). דער טייערער גאַסט איז מיט אונדז. וועמען אַרט עס, צי ער שרייבט גוט, צי שלעכט? מיינטוועגן מעג ער גאָרניט שרייבן. ווי זאָגט דער פראַנצויז: קיינער איז נישט מחויב צו זיין אַ שרייבער. און דעריבער זאָג איך (מיט גרויס פייער): זאָל אונדזער טייערער באַליבטער טאַלאַנטפולער דיכטער זיין אַ גראַ-פּאָמאַן, אַ פּלאַגיאַטאָר, אַ באַגרענצטע באַשעפעניש, אַ שמירער, אַ לעקיש, אַ שמענדריק בן גץ, אַ טפּוש, אָבער אַ באַנקעט מאַכט ער און אַ סיגאַרעט קריגט מען ביי אים, און אַ ביסל משקה נעמט מען? טאָ הייב איך טאַקע מיין כוס און רוף אויס (הייב העכער און

נאָך העכער): זאָל לעבן אונדזער דיכטער! אפשר, אַז ער וועט לאַנג לעבן, וועט ער עפּעס בעסערס שאַפן. און איך ווינטש אים ערפאָלג און אַ סך יוביליייס און באַנקעטן און אַ סך אַזעלכע באַגריסונגס־רעדעס, ווי מיינע (הוראַ!).

## יתומים־פאַרזאָרגונג.

### בריוו־אויסטויש צווישן די פיליאַלע יתומים־הייזער אויף דער פּראָווינץ און דער צענטראַלע פון יתומים־פאַרבאַנד אין דער הויפּט־שטאָט קוקעריקו.

פאָלגענדן פּעקל בריוו האָבן מיר סיסטעמאַטיש אַרויסגעגנבעט פון פּאָסט־קעסטל אַ לענגערע צייט (צוליב די פּאָסט־מאַרקן, פאַרשטייט זיך). די בריוו אַליין האָבן מיר נישט געלייענט, מחמת עס איז קעגן אונדזער ערלעכער נאַטור און לייטישן כאַראַקטער צו לייענען פרעמדע בריוו. מיר האָבן דעריבער, נישט לייענענדיק זיי, איבערגעשיקט אין רעדאַקציע אַריין, דאָס אָפּצודרוקן אַלס ערנסטן אַרטיקל, און אַזוי־אַרום זיך באַוואָרנט, אַז אויך אַנדערע וועלן עס נישט לייענען.

### ערשטער בריוו.

צו דער צענטראַלע פון יתומים־פאַרבאַנד אין קוקעריקו.

ג. ה.

מיר האָבן אייך שוין געשריבן וועגן דעם טרויעריקן מצב פון אונדזער יתומים־הויז אין דלפונעווקע און מיר שרייבן אייך נאָכאַמאָל. עס וווּנדערט אונדז זייער, וואָס אייער האַרץ בלייבט טויב צו אונדזער ווייגעשריי. מיר האָבן אייך געשריבן ווי גרויס די צאָל פון יתומים איז ביי אונדז און ווי קליין איז דער

לאָקאַל, וואָס מיר באַוווינען. ביז עטלעכע און דרייסיק קינדער, קיין עין הרע, שטיקן זיך אין דריי קליינע צימערן. די קינדער שלאָפן זאַלבעדריט און זאַלבעפערט אין איין בעט. מיר ווייסן, ווי נישט היגיעניש און ווי אומגעזונט דאָס איז. ווי שעדלעך עס ווירקט אויף דעם קערפּערלעכן, ווי אויך מאָראַלישן צושטאַנד פון קינד. נאָר מיר קאָנען זיך נישט העלפן. מיר האָבן דאָס עס-צימער געמוזט איינאָרדנען אין שלאָף-צימער. די קאַנצעלאַריע האָבן מיר געמוזט אַריבערטראָגן אין שפּיזשאַרניע, וואָס איז, ברוך השם, ליידיק פון פּראָדוקטן און עסנוואַרג און עס איז דאָ ווו אַריינצושטעלן דעם שרייב-טיש... די קינדער ווערן דערשטיקט פון ענגשאַפט. נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. נישטאָ ווו צו שפּילן, מחמת קיין שטיקל הויף איז אויך נישטאָ.

מיר שרייבן אייך דעריבער, אַז מיט גאָר אַ קליינער סומע, ווען איר שיקט אונדז אַריין, וואָלטן מיר געקאָנט צודינגען נאָך צוויי צימערן, וואָס דער באַלעבאָס פון הויז וויל אונדז פאַרדינגען, ווי אויך דעם הויף פאַר אַ פּלאַצווקע פאַר די קינדער צו שפּילן.

האָפנדלעך, אַז איר וועט פאַרנעמען אונדזער געבעט און תיכף אַרויסשיקן אונדז די באַטרעפנדיקע שטיצע, פאַרבלייבן מיר מיט יתומים-גרוס:

סעקרעטאַר פון יתומים-הויז אין דפּונעווקע.

## ענטפער פון דער צענטראַלע.

צו דער פּיליאַלע פון יתומים-פאַרבאַנד אין דלפּונעווקע.

ג. ה.

אייער בריף מיט אייער בקשה צו העלפן פאַרגרעסערן אייער לאָקאַל, האָבן מיר דערהאַלטן. מיר שיקן אייך אַרויס איין פּעקל צירקולאַרן, צוויי פּעקלעך פּראָספּעקטן און דריי פּעקלעך אינסטרוקציעס, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון חלומות ביי די קינדער-יתומים, ווי אויך זייער באַציונג צו דעם אונטערבאַוווסטזיין פון זייער פּסיכיק, לויט דער פּסיכאָ-אַנאַליזע פון פּראָפ. איינשטיין, פּראָפ. שאַיערסאָן און ד"ר קאַזשדאַן. מיר ווילן,

אַז די לערער זאָלן די חלומות פון די קינדער אַנאַליזירן, קלאַסי־פיצירן, קאָאָרדינירן און פיקסירן, כדי מיר זאָלן קאָנען פעסט־שטעלן דעם חוש־הדמיון ביי דעם קינד ווי אויך זיין באַאָבאַכ־טונגס־קראַפט אין דער טראַנסצעדעסטאַלער וועלט.

האָפנדיק, אַז איר וועט אונדזערע אינסטרוקציעס אויספירן גענוי, ווי עס געהער צו זיין, פאַרבלייבן מיר מיט יתומים־גרוס:

סעקרעטאַר פון צענטראַלע
בערל וואָראָבייטשיק.

## צווייטער בריוו.

פון דער פאַרוואַלטונג פון יתומים־הויז אין שטעטל שמוי־צעווקע צו דער צענטראַלע פון יתומים־פערבאַנד אין קוקעריקו!

געערטע צענטראַלע!

צו אונדזער טרויעריקן באַריכט, וואָס מיר האָבן אייך געשיקט פאַריקע וואָך, קאָנען מיר אייך מוסיף זיין, אַז די לאַגע האָט זיך נאָך פאַרערגערט. מיר גייען ממש אויס פאַר אַ גראָשן. די לערער, ווי אויך דער בוכהאַלטער האָבן שוין דריי חדשים נישט באַקומען קיין צעבראָכענעם גראָשן און גייען פשוט אויס פאַר הונגער. די קינדער גייען אַרום נאַקעט און באָרוועס, קרוע בלויה און האַלטן אין איין פאַרקילן זיך. אַ סך פון זיי זענען קראַנק געוואָרן און מיר האָבן אַפילו נישט מיט וואָס זיי צו קורירן. מיט די שקראָפל־קינדער קאָנען מיר זיך גאָר קיין עצה נישט געבן. מיר קאָנען זיי אַפילו נישט שיקן אין קיין קינדער־קאָלאָניע. איר מוזט אונדז דערהאַלטן ביים לעבן און אַרויסשיקן, ווי ווייט אַמ־שנעלסטן, אַ שטיצע, וואָרים דערנאָך וועט זיין צו־שפּעט.

מיט יתומים־גרוס:

פאַרוואַלטערין פון יתומים־הויז אין שמוינעווקע,
אַנע שמוינעווצקאַ.

## ענטפער אויפן צווייטן בריוו.

צו דער פאַרוואַלטונג פון יתומים - הויז און שמוינעווקע.

געערטע אַנע שמוינעוועצקאַ!

אייער בריוו מיט דער שילדערונג פון דער טראַגישער לאַגע פון אייער יתומים - אָפּטיילונג, וועגן דער נויט און קראַנקהייטן און שקראָפל - קינדער, האָבן מיר ריכטיק דערהאַלטן. מיר האָבן געמאַכט די נייטיקע פאַראָרדענונגען און מיר האָבן אייך אַרויסגעשיקט 7 קאַסטנס צירקולאַרן, צוויי פוד פּראָספּעקטן, ווי אויך אַ פּאַק אַנקעטע - בויגנס און צוגאָב - אַנקעטע - בויגנס מיט די נייטיקע אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען ווי אַזוי דורכצופירן צווישן די קינדער דאָס גענעטישע סטודיום און סטאַטיסטישן חשבון, ביי וועלכע יתומים עס רייסן זיך די קנעפּלעך אַמשטאַרקסטן, כדי אַזוי אַרום פעסטצושטעלן דאָס פּערזענלעכקייטס - געפיל ביים יתום. דאָס קאָנט איר דערגרייכן מיט דער פאַך - דיאַגנאָסטיק און פּסיכאָטעכניק פון אַטראָפּאָמעטרישע און פּסיכאָמעטרישע מעטאָדן פון פּראָפּ. גיליגנסקי - פעסטאַלאָצי און מיט דער הילף פון די עלטערן פון די קיילעכדיקע יתומים.

מיר בעטן אייך די אַנקעטע - בויגנס אויסצופילן ווי אַם שנעלסטן, ווי אויך די נייטיקע סכעמען און דיאַגראַמען.

מיט יתומים - גרוס:

צענטראַלע פון יתומים - פאַרבאַנד אין קוקעריקו.

פאַרן פאָרזיצער —

יאַקוב לאַכודרע.

## דריטער בריוו.

פון יתומים - הויז אין קבצוינעווקע צו דער צענטראַלע פון יתומים - פאַרבאַנד אין דער הויפּט - שטאָט קוקעריקו.

געערטער פאַרבאַנד!

מיר שרייבן אייך שוין צום דריטן מאָל, אַז דאָס הויקערל ביים יתום הערשעלע קאַץ וואַקסט, און אויב מיר וועלן אים נישט

מאַכן אַן אָפּעראַציע, וועט דאָס קינד, חלילה, בלייבן אַ קאַליקע אויף זיין גאַנצן לעבן. שיקט אונדז צו, לכל הפחות, אויף רייזע-הוצאות און אויף דער אָפּעראַציע. די לערערין גרינשפּאַן איז גרייט מיט אים צו פאָרן און אויסלייגן אירע אייגענע קאָסטן פון אירע לעצטע מיטלען.

ווייטער וועגן די צוויי עלטערע יתומות, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן אויסצושרייבן פון אונדזער יתומים-הויז, קאָנען מיר זיי נישט אַרויסלאָזן אויף גאָטס באַראָט אויף דער גאַס אַרויס. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שניידעריי און מען דאַרף זיי קויפן אַ ניי-מאַשין. דעמאָלט וועלן זיי אַרבעטן און זעלבשטענדיק פאַרדינען זייער ברויט. אַ מאַשין קאָן מען נעמען אויף אויסצאָלן. ווען איר קאָנט אונדז צושיקן געלט אויף דער ערשטער ראַטע, וואָלט איר דערהאַלטן צוויי קינדער ביים לעבן.

אַלזאָ, מיר האָפן, אַז איר וועט נעמען אין אַכט די וויכטיקייט פון אונדזער בקשה און העלפן דעם קראַנקן יתום, ווי אויך די צוויי יתומות, זיי זאָלן זיך איינאָרדנען אין לעבן.

מיט יתומים-גרוס:

פאָרזיצערין פון דער פיליאַלע פון קבצוינעווקער יתומים-הויז —

רחל בינשטאָק.

## ענטפער פון דער צענטראַלע אויף דעם דריטן בריוו.

צו דער פאַרוואַלטונג פון קבצוינעווקער יתומים-הויז.

ג. פאָרזיצערין!

אייער בריוו מיט די בקשות צו העלפן אייך אין דער אָפּעראַציע פאַר דעם קראַנקן יתום, ווי אויך צו שיקן אייך די ערשטע ראַטע אויף צו קויפן אַ ניי-מאַשין פאַר די צוויי יתומות, וואָס גייען זיך אַליין איינאָרדנען אין לעבן און פאַרדינען זייער אייגן שטיקל ברויט, האָבן מיר דערהאַלטן. מיר שיקן אייך אַרויס אַ פּעקל צירקולאַרן, ווי אויך אַ פּעקל קאָמוניקאַטן, פּראָס-

פעקטן, אנקעטע - בויגנס, אינסטרוקציע - פלענער, ווי אויך א גענויע אָפּהאַנדלונג וועגן דער ווירקונג פון קאָזע - מילך אויף דעם באַוווסטזיין פון יתום. מיר בעטן אייך אכטונג געבן אויסצופילן גענוי די אַנקעטע - בויגנס. הויפּטזעכלעך די פּאַראַגראַפן 7a, 9b, 13g, ווי עס האנדלט זיך וועגן די פראַגן, צי האָט דאָס קינד א תשוקה צו מאָדערנער מוזיק, און צו וועלכער מוזיק? צי צו קאַמער - מוזיק אָדער צו דזשאַס - באַנד? מיר שיקן אייך, אגב, א זאַמלונג פאָלקס - לידער פון קיסעליעוו און פאַגאָזשעלסקאַ, די פּרימאַדאָנע פון „קווי פראָ קוואָ", ווי אויך די פּאַרטיטורן פון וואַגנערס „וואַלקיריען" און ווערדיס „רעקוויום". איר קאָנט עס איינשטודירן מיט די קינדער. מיר שיקן אייך אויך א קאָמפּלעט פון ד"ר פּעקערס „דאָס קינד", ווי אויך 19 בראָשורן „די נשמה פון דער יתומה" פון פּאָרשער קאַגאַנאָווסקי.

מיר בעטן אייך, נישט צו פּאַרגעסן, אַז א יתומים - הויז איז א לאַבאָראַטאָריום פּאַר א פּסיכאָ - פּאַטאָ - קינאָ - גראַמאָ - ראַדיאָ - סטודיום פון קינד אויפן יסוד פון דער נייער קאָנסטרו- אירנדיקער פּעדאַגאָגיק.

מיט צענטראַלן יתומים - גרוס:

פּאָרזיצער יאַקוב יאַקאָבין, סעקרעטאַר בערל וואָראָ- בייטשיק.

## זיבעטער בריוו.

פון דער - יתומים - אָפּטיילונג אין אביונעווקע צו דער צענט- ראַלע פון יתומים - פּאַרבאַנד אין קוקעריקו.

הויכגעשעטצטער און ליבהאַרציקער יתומים - פּאַרזאָרזער!

דאָס שרייב איך, א שכנה, א זייטיקע שכנה, וואָס וווינט בשכנות מיט דעם יתומים - הויז ביי אונדז אין אביונעווקע. די אויפזעערין איז אַוועקגעגאַנגען. זי האָט נישט געקאָנט צוזען דעם צער און יסורים פון די עלנטע יתומימלעך. דער בוכהאַלטער איז אויך אַוועק. ער וויל, זאָגט ער, נישט אויסגיין פּאַר הונגער. א העלפּט פון די קינדער זענען שוין צעלאָפן. זיי לויפן אַרום, גנבענען בייגל און כאַפּן אוגערקעס פון די וועגעלעך. ווי און

ווינד איז צו מיינע יאָרן. מילא, וואָס קאָן איך טון, איך בין אַליין אַן אָרעם מענטש, טייל איך זיך מיט זיי דעם ביסן, זוך אויס פאַר זיי עסן. נאָר דאָ איז אַן אַנדער צרה: דער הויז-ווירט סטראַשעט מיט עקסמיסיע. אויב, זאָגט ער, מען וועט אים נישט איינצאָלן כאָטש אַ פערטל, וואָס אים קומט דירה-געלט, וועט ער זיי אַלעמען אַרויסזעצן אויף דער גאַס.

ראַטעוועט, העלפט, טוט עפּעס, האָט גאָט אין האַרצן! די יתומים לאָזן אייך גריסן.

פון מיר אייער שכנה יענטע.

## אכטער בריוו.

ענטפער צו דער שכנה יענטע, די ציטווייליקע אויפזעערין פון יתומים-הויז אין אביונעווקע.

חשובע שכנה יענטע

אייער בריוו האָבן מיר דערהאַלטן. מיר שיקן אייך אַרויס 13 קילאָגראַם ליטעראַטור, פּראָספּעקטן, אויפרופן, צירקולאַרן, 600 עקזעמפּלאַרן פון דער באַרימטער בראָשור פון חבר פּראָפעסאָר הינערפרעסער וועגן דער דערנערונג פון קינד און די כעמיש-אַנאַליטישע סובסטאַנצן פון די שפּייזן. לויט זיין טעאָריע, באַדאַרף אַ קינד זיך דערנערן, דאָס הייסט — עסן. אָן עסן, באַהויפּט ער, קען אַפילו אַ קליין קינד, מעג עס זיין אַ יתום, אויך נישט לעבן. עס איז דעריבער זייער ווינטשנסווערט, אַז דאָס קינד — און נישט אַזוי דאָס קינד, ווי דער קינדערשער אָרגאַניזם, זאָל אַריינגעמען טעגלעך 200 גראַם קראָכמאַל, שינקע, סאָדע, 10 דעקאָ זאַלץ, וואָס אַנטהאַלט אין זיך 30 פּראָצענט ווייסל און 40 פּראָצענט געלכל (געלע קינדער באַדאַרפן אַ קלענערן פּראָצענט געלכל). צוליב דער קרעפטיקייט פון קינדערשן אָרגאַניזם, באַדאַרף ער איינעמען 7 טשוועקעס אייזן וועכנטלעך, דריי אַרשין קאַלציום, פאָספאָר, עטלעכע פושקעס-כראָמאַלין און אַנדערע אַטמאָספערישע אָפּזעצונגען.

און היות ווי די דערנערונג איז אייגנטלעך די באַהייצונג פון קערפּער, איז ראַטזאַם פון צייט צו צייט אונטערצוואַרפן אין דעם יתומס קערפּער אַריין אַ ביסל שטיינקוילן אָדער סתם אַ שייטל האָלץ.

מיר לייגן אייך אויך צו אַ ספּעציעלן פּראָספּעקט ווי אַזוי צו איינגעבן די יתומים ריצנאייל צו רייניקן זייערע מעגעלעך.

מיט יתומים - גרוס:

צענטראַלע פון יתומים - פאַרבאַנד אין קוקעריקו —

פאָרזיצער יאַקוב יאַקובין.

סעקר. בערל וואָראַנייטשיק.

# אָ, קוטשקי!!!

## לייט = אַרטיקעל נאָך סאאול וואַגמאַן אין „נאַש פשעגלאָנד“.

אָ, קוטשקי!!!

פון יאָר צו חודש, פון חודש צו וואָך, פון יאָך צו טאָג, פון טאָג צו שעה, פון שוויענטאָ צו שוויענטאָ, פון „קוטשקי“ צו „קוטשקי“, שריי איך אויס מיט מיין עקזאַלטירטער קאָלאָראַטור = שטים (סאָפראַנאָווער באַס) און מיט דעם גאַנצן עקסטאַז פון מיין „גורניאָליאָטנער“ נשמה:

— אָ, קוטשקי!!!

דער נאַדזוויטשייגער שוויענטאָ פון אַלע נאַדזוויטשיינע שוויענטאָס!!! אָ!!!

אָ, קוטשקי! אָ, אתרוג! אָ, פּטום!...

צי האָט אַן אַנדער פאָלק אַ פּטום?

ניע!

צי האָט אַן אַנדער פאָלק אַ „קוטשקי“?

ניע!

עו האָט אַן אַנדער פאָלק אַ „קאַפּורע“

קיין איין נאַרוד האָט נישט קיין קוטשקי, אָ!!!
קיין איין נאַרוד האָט נישט קיין „קאַפּורע", אָ!!!
קיין איין נאַרוד האָט נישט קיין פּטום, אָ!

צאָ זנאַטשי פּטום? — פרעג איך און איך ענטפער אליין מיט מיין אייגענעם שכל:

אָ, דאָס איז אַ מיסטעריום, וואָס הענגט צווישן הימל און האַצעפלאַץ, צווישן סצילע און נאַריקדיי, צווישן בונם און שמונם, אוּאַ!...

צאָ זנאַטשי פּטום? — פרעג איך מיט מיין נאַדזוויטשיינער סובטעלנער פאַרשטענדיקייט, און איך ענטפער מיט מיין גרויס וויסנשאַפט אין חכמת ישראל:

פּטום — טאָ זנאַטשי אַן עפּילאָג און אַ פּראָלאָג, אַ דיאַלאָג און אַ מאָנאָלאָג פון איין און דערזעלבער „קאַפּורע", וואָס די איזראַעליטן מיט די איזמאַליטן מיט די מאַריאַוויטן מיט די מענעגטן וואַרפן אַריין אין די טיפע כוואַליעס פון תשליך, קלאַפּן זיך אין הארצן און זאָגן: „דאָם", „צפאַרדייאַ", עטעצערא, עטע-צערא..

אָ, סלאָדקאָ מעלאָדיאַ פּיטומאָוואַ!!!
אָ, קוטשקי!!!

אין היינטיקן טאָג זיצן די איזראַעליטן, קושן די „מעזוזע"ען „כאַרויסעס" און קלאָגן אויף דעם בית-המדרש, וואָס איז וואַיבירט געוואָרען דורך המן בן ויזתא, עליו השנאַבל!

אָ, ווי נאַדזוויטשיינע ער איז, דער נאַרוד איזראַעלסקי!
ווי צודאָוונע ער איז מיט זיינע שוויענטאָס, מיט זיינע לייט-אַרטיקל-שרייבערס פון „נאַש פשעגלאָנד"!... אָ!

אָ! אָ! אָ! או-או-או!...
ניעך זשיאָן קוטשקי! אָ!
ניעך זשיע פּטום! אָ!
ניעך זשיע מים-אחרונים-וואַסער!... אָ!... אָ-אָ-אָ!
נאַ פשישלי ראָק וועלן מיר האָבען לשנה הבאה בירושלים!

# מייז תפילה.

## פוט.

באַשיץ מיך, גאָט אין הימל,
באַשיץ מיך פונם שימל,
פון יידישן געטימל,
פון „פּושקע" און פון „בלימל"
גאַזעטן,
אַנקעטן
און רעטונגס - קאָמיטעטן;
קופּלעטן,
באַנקעטן,
און רעסטאָראַן - קאָטלעטן.
אָ, היט מיך פון די נאַרן,
פון שלעכטע טראָטואַרן,
קאָמאַרן, קאָמיסאַרן
און ציימונגס - מעמואַרן;
פון היצן,
פון בליצן
פון זויער - זאַלץ און ריצן,
פון זיצן,

און שוויצן
פון שוין געהערטע וויצן;
רעיענטן,
אַגענטן
און שטייער - אינקאַסענטן;
פּאַטענטן
פּראָצענטן
און האַלב-אינטעליגענטן.
דעבאַטן,
ציטאַטן
און לאַנגע רעפּעראַטן;
פון זאַטן,
מעצענאַטן,
און ראַדיאָ - אַפּאַראַטן;
באַהיט מיך פון די „היטער",
פון „אורזשאַנד - שלעדטשי" - ריטער,
פון יושר פון אַרביטער,
און „ערנסטע געמיטער";
פון גזימסן, באַלקאָנען,
פון קינאָ - אילוזיאָנען,
פון פאַלשע טעלעפאָנען
און אַלטע פּרימאַדאָנען;
סאַנאַציעס,
סטאַגנאַציעס
און סיים - אינטערפּעלאַציעס;
אַוואַציעס,
סענסאַציעס
און פון „פּרעמירטע גראַציעס";
באַשיץ פון פּאַרוועניוען,
באַשיץ פון אינטערוויוען,
צושטערטע ראַנדעוווען,
פון שבת - גנטיק - רוען;

בריליאַנטן,
קוראַנטן
און גלעזערנע דיאַמאַנטן;
פון פראַנטן,
גאַלאַנטן,
אַקטיאָרן - קאָמעדיאַנטן;
פון ווונדער - קינדער - טיפּן,
פון מענטשן מיט פּרינציפּן,
פון ציינווייטיק און גריפּן
און פון געפּאַרבטע ליפּן;
קלאָפּאָטן,
גריזאָטן
און שטעכעדיקע דראָטן;
באַנקראָטן,
פּאָקסטראָטן,
און סתם - זיך אידיאָטן;
פון קלייזלעך, פון קרייזן,
פון ליקווידאַציע - פּרייזן,
פון „קעניגע פון אייזן";
פון דרוק - פעלער און גרייזן;
פון חובות,
גנבות,
פון קהלשע בעלי - טובות,
פון מלוהס,
פון לוהס,
פון שווערע „ראשי - תיבות";
באַשיץ מיך פון באַרעדער,
פון ווייבער אין די בעדער,
פון וואַסערדיקע פעדער
און פון די אויטאָ - רעדער;
פון אומגליקען אויף באַנען,
פון שפּאַנענדע ראָמאַנען,

פון מפשים און באלוואנען,
פון דיכטער - גראפאמאנען;
פון מאָדעס,
„מעטאָדעס",
בעשפרעכען פון „פאנאָדעס",
פון פרעמיעס,
„נאגראָדעס",
פון „דאטשעס מיט וויגאָדעס".
אָ, היט מיך איין פון „פיהרער",
פון נודניקעס-פריזירער,
טעאטער - קריטיקירער,
באנקירען און קאסירער;
פון חרם,
פון „גרים",
פון לעמבערגער דאָקטוירים,
פון ציגען - בעק,
בכורים
און היימישע חזירים;
פון חתונה - אָפערטן,
פון פאָלקס - לידער - קאָנצערטן,
פון קאָלנער אויסגעקערטן,
און פון „ראָזוואָ" - געלערטן;
פון וואל
„נאכאלן"
און בייביקע זשורנאלן,
דרשנים,
מיט מאָראלן,
פארטייאישע קאפראלן;
הבטחות

און ברכות,
עקסטאַזעס מיט הנחות
להכעיס,
קדחת
און מענטשעלעך, ווי — „בלאָכעס".

# אינהאַלט:

## הומאָרעסקן און מאָנאָלאָגן.


זייט

1) פון וואָס אַ ליטוואַק מאַכט אַ לעבן . . . 5
2) ווי אזוי איך האָב זיך אַליין באַגעגנט. . . 12
3) דאָס צעשטערטע גליק . . . . . 32
4) דער ייד, וואָס האַלט אין איין פאָרן . . . 37
5) צרות פון ראַדיאָ. . . . . . 45
6) פון שול — אין קאָזע . . . . . 51
7) מיין ווייב איז גערעכט און איר משפט איז גערעכט. 58
8) גוטע פריינט . . . . . . 64
9) מען האָט אים צורעכט געמאַכט . . . . 71
10) פיר יידן מיט צוויי דאָלמעטשער . . . 77
11) דער רעדאַקטאָר . . . . . . 82
12) פאַרוואָס איך האָב פאַרשפעטיקט מיט מיין פעליעטאָן. 88
13) גייסטיקע געשפרעכן . . . . . 92
14) צוויי מענטשן — צוויי מזלות . . . . 98


## שפּאַסיקע סצענקעס.


15) ברילי‌אַנטן, איינאַקטער . . . . . 105
16) די באַנק אין קראַשינסקיס גאָרטן, איינאַקטער . 122
17) זי קען נישט רעדן, מאָנאָלאָג . . . . 130
18) ארץ-ישראל-ערד, אָדער די נייע מסחרים, סצענקע . 135

## פריינטלעכע פּאַראָדיען.

זייט

19) ווי די פּראָווינץ רעדט . . . . . 145

20) די 2־טע דרייסיק־יעריקער קריג אַרום פּרצס מצבה 154

21) איך און שפּאַניע (רייזע־בריף פון שלום אש) . . 160

22) אין די פּוילישע וועלדער (נאָך אַפּאַטאָשו) . . 164

23) פון וואַנען נעמט זיך דאָס צו מיר אַזויפיל קולטור . 169

24) אַ ספּיטש . . . . . . . 175

25) בריוו צו דער יידישער יידענע (נאָך ג. סאָקאָלאָוו) . 179

26) אַ יידישער פילם . . . . . . 182

27) משיח בן פּאָניעדיאַלעק (אַ זיבעלע ראָמאַן נאָך משה קולבאַק) 189

28) באַגריסונגס-רעדע. . . . . . 193

29) יתומים-פאַרזאָרגונג . . . . . 198

30) אָ, קוטשקי ! . . . . . . 206

31) מיין תפילה . . . . . . 208